STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00087

ALE VERK

Sholem Aleichem

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Charlotte & Daniel Eth
in memory of
Ida Bender, Rita S. Gold & Minnie Molinsky

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק פון שלום-עליכם

אָרעמע און פריילּיכע

ערשטעס בוך

שלום-עליכם פאָלקס-פאָנד אויסגאַבע—ניו-יאָרק, 1919

Copyright 1918 by Olga Rabinowitz, (Sholom-Aleichem), New York

ערשטע אויפלאגע .... יאנואר 1920.
צווייטע אויפלאגע .... אוגוסט, 1920.

אַרעמע און פּריילכע. ערשטער בוך.

אינהאלט

דער פּער'כשופ'טער שניידער 7
פינף און זיעבעציג טויזענד 69
דער דייטש 131
די פרייליכע קאָמפּאניע 149
עולם הבא 211

דער פער׳כשופ׳טער שניידער

(ארויסגענומען פון איין אלטען פנקס און בעפוצט).

געשריבען אין יאהר 1900.

דער פער׳כשופ׳טער שניידער

קאפיטעל א.

איש היה בזלאדיובקי — א מענש איז געווען אין זלאדייעווקע, א שטעדטעל, וואס ליגט אין דער סביבה פון מאזע־פעווקע, נישט ווייט פון האפלאפאוויטש און קאזאדאיעווקע, צווי־שען יאמפעלי און צווישען סטרישטש, פונקט אויף דעם וועג, וואס מע פאהרט פון פישי־יאבעדע דורך פעטשי־הוואסט קיין טעטרעוועץ און פון דארטען קיין יעהופעץ; ושמו שמעון אליהו — און זיין נאמען איז געווען שמעון־אלי, און גערופען האט מען איהם „שמעון־אלי שמע־קולנו", מחמת ביי׳ם דאוונען אין שוהל האט ער געהאט א טבע שרייען, ארבייטען, זינגען און ציקלען זיך אויף קולי־קולות. והיה האיש חייט — און געווען איז דער מענש א שניידער, נישט חלילה פון די געהויבענע שניי־דערס, וואס נייהען נאכ׳ן „טאבעלטיר", וואס מע רופט דאס „זשורנאל", נאר א שניידער א לאטניק, א גרויסער מומחה, הייסט דאס, אויף לעגען א לאטע, פערצירעווען א לאך, מע זאל נישט דערקענען, אדער איבערניצעווען וואס פאר א מלבוש איהר ווילט אויף דער לינקער זייט, ממש מאכען פון אלט ניי. נעמען, למשל, איין אלטען חאלאט און איבערמאכען איהם אויף א קאפאטע, פון א קאפאטע — א פאר תחתונים, פון די תחתונים אויסשטיקעווען א לייבעל, און פונ׳ם לייבעל נאכדעם עפים אנדערש — מיינט נישט, אז דאס איז אזא גרינגע ארבייט! און אויף דעם איז „שמעון־אלי שמע־קולנו" געווען איין בריה אין דער וועלט, און

מחמת זלאַדייעווקע איז זעהר איין אָרעם שטעדטעל, וואָס דאָרטען מאַכען נייע מלבושים איז עפּיס נישט אַזאַ געוויינטליכע זאַך, האָט מען דעריבער געהאַלטען פון שמעון־אלי׳ן אין זלאַדייעווקע איין עולם ומלואו. איין חסרון נאָר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויסקומען מיט די נגידים, ליעב געהאַט אריינקוקען אין קהל׳שע זאַכען, זיך אָנגעמען אָן דער קריוודע פון די אָרעמע לייט, רעדען גאַנץ אָפּענטליך אויף די בעלי־טובות, וואָס זענען זיך עוסק אין צרכי־צבור, און דעם בעל־טאַקסע מאַכען מיט דער בלאָטע בפרהסיה, זאָגען אויף איהם, אַז ער איז אַ געלדצאַפּער, אַ בלוטזויגער, אַ מענשענפרעסער, און אויף די שוחטים מיט די רבנים, וואָס האָבען געשלאָגען בלאָט מיט׳ן בעל־טאַקסע — אַז ס׳איז איין כנופיא, אַ כתה פון גנבים, רמאים, קוילערס, רוצחים, גזלנים, אַ רוח אין זייער טאַטענ׳ס טאַטען אריינגעפלויגען געוואָרען ביז דעם זיידען תרח, מיט׳ן פעטער ישמעאל אונטערגעשלאָגען!...

צווישען בעלי־מלאכות, חברה „פועל־צדק“, האָט זיך „שמעון־אלי שמע־קולנו“ גערעכענט פאַר אַ „יודע־נגן“; אויף זייער שפּראַך האָט דאָס געהייסען: אַ מענש, וואָס פערשטעהט אין די קליינע אותיות׳לעך, מחמת שמעון־אלי פלעגט שיטען מיט פּסוקים, מיט גאַנצע שטיקער גמרא און מיט מדרשים, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען: „עמך“... „קטנתי“... „אָגיל ואשמח“... „היום הרת עולם“... „ויתרוצצו ויתפוצצו“... „וואָס טיבע יוצר המאורות“... „ככתוב, ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען“... וכדומה אזעלכע לשון־קודש׳דיגע ווערטער, וואָס זענען ביי איהם תמיד געווען גרייט. און דערצו האָט ער נאָך געהאַט נישקשה פון אַ קול׳בעל, אפילו אַביסעל צו אַ הילכיגס און אַ גאָרגעלדיגס. נאָר ער איז געווען קלאָר אין אַלע נוסחאות מיט אַלע ניגונים מיט אַלע תפילות אויף אויסווענינג, און האָט ליעב געהאַט דעם עמוד מיט סכנת־נפשות, און איז געווען גבאי אין שניידערשען שוהלכען, געהאַפּט פּעטש ווי האָלץ, צום מיינסטען שמחת־תורה צו „אתה־הראית“, ווי געוויינטליך.

„שמעון־אלי שמע־קולנו", חאטש ער איז געווען כל ימיו א ביטערער ארעמאן, מע קאן זאגן — כמעט איין אביון, נאר ארפּ־פאלען ביי זיך דערמיט האט ער פיינט געהאט. „אדרבה, — האט ער געזאגט — וואס מעהר קבצן מעהר לעבעדיג, וואס מעהר הונגעריג מעהר געזונגען, ווי די גמרא זאגט: י א ה ע נ י ו ת א ל י ש ר א ל כ ט ש ע ר ע ו ו י ט ש ק ע ק ר א ס נ י ל ד י ו ו ק ע ח י ו ר א"...

הקיצור הדבר: שמעון־אלי איז געווען דאס, וואס מע רופט אן איין „ארעמס און א פרייליכס". געווען איז ער א נידעריגער, א פערזעהעניש, ארומגעשטעקט מיט נאדלען און מיט שטיקלעך וואטע אין די געקרייזעלטע שווארצע האר; געהאט האט ער א קליין צאפּען בערדעל, אביסעל א צוגעפּלעטשטע נאז, די אונטער־שטע ליפּ אביסעל צעשפּאלטען, און אויגען גרויסע, שווארצע און שטענדיג שמייכלענדיגע, און געגאנגען איז ער תמיד מיט א טענ־צעל און מיט א ליעדעל אונטער דער נאז: „היום הרת עולם — נאר נישט געזארגט!"...

ו י ה י ל ו ב נ י ם ו ב נ ו ת — און ער איז געווען א מטופּל מיט קינדער פון אלערליי וואוקס, צום מיינסטען טעכטער, צווישען זיי עטליכע דערוואכסענע; ו ש ם א ש ת ו — און זיין ווייב האט געהייסען ציפּה־ביילה־רייזה, און זי איז געווען זיין „כנגדו", דאס הייסט, פונקט דער היפך פון איהם: א הויכע, א רויטע, א געזונדע, א אידינע א קאזאק. פון דעם ערשטען טאג אן, וואס נאך דער חופה, האט זי איהם גענומען אין די הענד אריין און נישט ארויסגעלאזט איהם, און איז געגאנגען אין ספּאדעק, דאס הייסט: זי איז געווען דער מאן, נישט ער! ער האט פאר איהר געהאט גרויס דרך־ארץ. זי פלעגט אויף איהם עפענען א מויל, פלעגט ער פערציטערט ווערען; און אמאל, אונטער פיער אויגען, אז ס'איז אויסגעקומען, פלעגט זי איהם אפּשטעקען א פּאטש אויך... דעם פּאטש פלעגט שמעון־אלי בעהאלטען אין קעשענע און זאגען בשעת מעשה א ווערטעל מיט א פּסוק.

— היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט! אין דער הייליגער תורה שטעהט געשריבען: „ו ה ו א — און ער, דער מאַן הייסט דאָס, י מ ש ו ל — זאָל טהון טהאָן געוועלטיגען, ב ך — אין דיר“, איז פאַרפאַלען! עס מעגען קומען כל מלכי מזרח ומערב, וועט זיך זיי נישט העלפען!...

ויהי היום — טרעפט זיך אַ מעשה. ציפה־ביילה־רייזה קומט צו געהן איינמאָל זומער מיט'ן קאָשעק פונ'ם מארק, טהוט אַ שמיץ דאָס בינטעל קנאָבעל מיט'ן ביסעל פעטרישקע מיט די קארטאָפלים, וואָס זי האָט איינגעקויפט, און רופט זיך אָן מיט כעס:

— לאָז דאָס געהן אין דער ערד אריין! שוין נמאס ומאוס געוואָרען אַלע טאָג, אַלע טאָג זיך ברעכען דעם מוח, צו־טראַכטען, וואָס קאָכט מען וואָרעמעס. מע באַדארף האָבען אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער! ווידער אַ מאָל טייגלעך מיט פאַסאָלים און אָבער אַ מאָל טייגלעך מיט פאַסאָלים, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רעד! אָט, למשל, נחמה־ברכה, אזא קבצנ'טע, אזא עני'טע, אביונ'טע, אזא דלפונ'טע, באַדארף זי האָבען אַ ציעג! פאַר וואָס? וואָרום זי האָט אַ מאַן לייזער־שלמה, טאַקי אַ שניידער, נאָר פאָרט אַ מענטש! אַ קלייניגקייט אַ ציעג? פאַרהאַן אַ ציעג אין שטוב, איז פאַרהאַן אַ גלעזעל מילך פאַר די קינדער; מע קאָן אָפּקאָכען אַ מאָל אַ קאַשע מיט מילך, אָפּשטופּען אַ וואָרעמעס, יוצא זיין מיט אַ וועטשערע, אַ מאָל אַ קריגעל פיד־סמעטענע, אַ שטיקעל קעז און פוטער — אַ חיות!

— ביזט נעבאך אודאי זעהר גערעכט! — מאַכט שמעון־אלי געלאַסען. — פאַרהאַן אַ מדרש: כ ל י ש ר א ל י ש ל ה ם ח ל ק — איטליכער איד באַדארף האָבען אַ ציעג. ככתוב, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען...

— וואָס טויג מיר דיין פסוק? — צעשרייט זיך ציפה־ביילה־רייזה. — איך זאָג אַ ציעג, זאָגט ער נאָר אַ פסוק! מיר דאַכט, אז איך וועל דיר געבען אַ פסוק, וועט דיר ווערען פסוק'דיג אין

די אויגען! מיט פסוקים נאָך האָדעוועט ער מיך, דער שענער ברויטנגעבער מיינער, דער שלים־מזל! הערסט דו? איך וועל דיר די גאַנצע תורה דיינע אוועקגעבען פאַר איין באָרשטש א מיל־כינען!...

וכדומה נאָך אזעלכע מינים „אַנצוהערענישען" האָט איהם געגעבען ציפּה־ביילה־רייזה עטליכע מאָל אין טאָג, אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז שמעון־אלי האָט איהר צוגעזאָגט און געגעבען האַנד תקיעת־כף, אז זי מעג שלאָפען רוהיג, עס וועט שוין זיין, מיט גאָט'ס הילף, א ציעג. דער עיקר — בטחון. „היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט!...

פון דעמאָלט אָן האָט שמעון־אלי אָנגעהויבען קלויבען א גראָשען און א גראָשען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון א סך נויטיגע זאַכען, פער'משכונ'ט די שבת'דיגע קאַפּאָטע אויף אויסצאָהלען וואָכגעלד און צונויפגעשלאָגען זיך עטליכע קערבלעך, און ס'איז געבליבען, אז ער נעמט די ממתקים און געהט זיך דורך קיין קאָזאָ־דאָיעווקע קויפען א ציעג. וואָס עפּיס קיין קאָזאָדאָיעווקע? איז דערינען געווען צוויי טעמים: ראשית, איז קאָזאָדאָיעווקע איין ערטעל פון ציעגען, וואָס דער נאָמען אליין בעווייזט שוין דערויף: קאָזאָדאָיעווקע איבערגעזעצט אויף אידיש קומט אוים „ציעגנמעל־קענדיגע". והשנית, האָט ציפּה־ביילה־רייזה געהערט דערצעהלען פון איהרער א שכנה, וואָס זי רעדט נישט מיט איהר שוין פון עטליכע יאָהר, אז יענע האָט געהערט פון איהר שועסטער, וואָס איז נישט לאַנג געווען ביי איהר צו גאַסט פון קאָזאָדאָיעווקע, אז דאָרט איז פאַרהאַן א איד א מלמד, רופט מען איהם „חיים־חנה דער קלוגער" בלשון סגי־נהור, דערפאַר, וואָס ער איז א גרויסער שוטה; האָט דער חיים־חנה דער קלוגער א ווייב, רופט מען זי „טעמע־גיטעל די שטילשוויינענדיגע", דערפאַר וואָס זי האָט אין זיך נייען מאָס רעד; האָט די טעמע־גיטעל די שטיל־שוויינענדיגע צוויי ציעגען, אוןביידע מעלקען זיך. פרעגט זיך א קשיה: פאַר וואָס קומט איהר צוויי ציעגען, און נאָך מעלקענ־

דיגע דערצו? א גרויסער אומגליק וואָלט געווען, כלעבען, זי זאָל גישט האָבען איינע אפילו! פארהאַן, ברוך השם, אידען, וואָס פערמאָגען נישט קיין האַלבע ציעג אפילו — נו, אם כן? שטארבען זיי דען?

— ביזט זעהר נערעכט! — זאָגט שמעון־אלי צו זיין ווייב. — הערסט דו, דאָס איז שוין איין אַלטע טענה, ככתוב, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: אסקאַקורדע, דבארבאַנטע...

— שוין! ער איז שוין ווידער דאָ מיט זיין פסוק! — שלאָגט איהם איבער זיין ווייב. — מע רעדט פון א ציעג, קומט ער מיט א פסוק! דו געה זיך דורך בעסער אהינצו, צום קאַזאַ־דאָיעווקער מלמד, און זאָג איהם אזוי און אזוי: מיר האָבען געהערט, אז ס'איז ביי אייך פארהאַן צוויי ציעגען און ביידע מעל־קען זיך. וואָס באַדאַרפט איהר צוויי מעלקענדיגע ציעגען? אויף כפרות? ווילט איהר דאָך מסתמא איינע פון זיי פארקויפען — פארקויפט זי מיר! וואָס וועט אייך אהרען?... אזוי טאָקי זאָלסט דו מיט זיי רעדען, דו פארשטעהסט?

— איך פארשטעה, וואָס דען, איך פארשטעה נישט? — זאָגט שמעון־אלי. — פאר מיין געלט באַדאַרף איך זיך נאָך בעטען? פאר געלט קריגט מען אַלץ אין דער וועלט — כסף וזהב מטהר חזירים. שלעכט איז נאַר, זעהסט דו, אז ס'איז חלילה נישטאָ די מטבע, דעמאָלט איז עני חשוב כמת, מאַכט רש"י: ניטאָ פאַפע — נעה ליולי; אָדער ווי מע זאָגט: אָהן פינגער קאָן מען קיין פייג ניט שטעלען, ככתוב, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: אסקאַקורדע, דבארבאַנטע, דפארשמאַכטע...

— ווידער א מאָל א פסוק, און אָבער א מאָל א פסוק! עס פסוק'ט מיר שוין אין קאָפ! איינגעזונקען זאָלסט דו ווערען! — זאָגט צו איהם ציפּה־ביילה־רייזה און בעגראָבט איהם נייען איילען אין דער ערד, און טייטשט מיט איהם איין א מאָל הונדערט, אז ער זאָל זיך פריהער פרובען ביי חיים־חנה דעם מלמד, טאָמער וועט דאָס געהן. אי וואָס, טאָמער וויל יענער נישט? פאר וואָס

זאָל ער נישט וועלען? פאַר וואָס קומט איהם צוויי ציינען, און נאָך מעלקענדיגע דערצו? פאַרהאַן, ברוך השם, אידען אויף דער וועלט, וואָס פאַרמאָגען נישט קיין האַלבע ציעג אפילו — נו, אם כן? שטאַרבען זיי דען?...

און אַזוי ווייטער, אַלץ די אייגענע טענות.

קאַפּיטעל ב.

הבוקר אור — ס׳איז נאָר טאָג געוואָרען, האָט זיך אונזער שניידער געפעדערט, אויפגעשטאַנען און אָפּגעדאַוונט, גענומען מיט זיך דאָס שטעקעל מיט׳ן גאַרטעל און איז אוועק אין וועג אריין בשלום צו־פוס.

געווען איז דאָס זונטאָג, אין א שענעם, ליכטיגען, לויטערען, וואַרעמען זומערטאָג. שוין לאַנג געדענקט נישט שמעון־אלי אזא איין אויסגעצייכענטען, אויסגעשפּיעלטען טאָג. שוין לאַנג איז שמעון־אלי נישט געווען אין פעלד, אויף דער פרייער לופט. שוין לאַנג האָבען זיינע אויגען נישט געזעהען פאַר זיך אזא איין אויס־געצוואָגענעם גרינעם וואַלד, אזא שענע גרינע קאָלדרע, וואו דאָס פעלד איז בעשאָטען מיט אַלערליי קאָלירענדיגע שפּריינקעלעך. שוין לאַנג האָבען זיינע אויהערען נישט געהערט א פישטשען פון פויגעלעך, א פלאַטערען פון קליינע פערכלעך. שוין לאַנג האָט זיין נאָז נישט געשמעקט אזא געשמאַקען ריח פון גרין גראָז, פון רויהער ערד. שמעון־אלי שמע־קולנו האָט פערבראַכט כל ימיו אין איין אנדער וועלט; זיינע אויגען האָבען געזעהען פאַר זיך תמיד אַנדערע בילדער: א פינסטערע גרוב, ביי דער טיר איין אויוועז, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, און א פּאָמעניצע א פולע ווי איין אויג; ביי׳ם אויוועז, ביי דער פּאָמעניצע — א בעט פון דריי ברעטלעך; אויפ׳ן בעט — קינדערלעך א סך, קיין עין־הרע, איינס קלענער פונ׳ם אנדערען, האַלב־נאַקעטע, גאַנץ־באָרפיסע,

נישט קיין נעצוואָגענע, שטענדיג הונגעריגע... זיינע אויהערען האָבען געהערט פאַר׳זיך שטענדיג אנדערע קולות: „מאַמע, ברויט! מאַמע, בולקע! מאַמע, עסען!“... און איבער אַלע קולות — אַ קול פון ציפּה־ביילה־רייזה: „עסען? נישט עסען זאָלען אייך ווערעם, ליעבער גאָט, אינאיינעם מיט׳ן טאַטען אייערען דעם שלים־מזל! פאַרהאַפּט זאָלט איהר נישט ווערען, רבונו של עולם, מיט איהם אינאיינעם!“... וכדומה אזעלכע זיסע קולות. זיין נאָז איז געוועהנט געוועזען צו אַנדערע ריחות: אַ ריח פון נאַסע וועגדע, וואָס ווינטער נעצען זיי און זומער שימלען זיי; אַ ריח פון זויערטייג מיט קלייען, פון ציבעלעס און פון קרויט, פון רויהע לעהם, פון געשאָבענע פישלעך און פון קישקעלעך; אַ ריח פון אַלטע בגדים, וואָס לאָזען זיך הערען אונטער׳ן הייסען פּרעסעל מיט אַ נעדיכטער פּאַרע און מיט אַ מאָדנעם טשאַד...

ארויסגעריסען זיך אויף אַ ווילע פון יענער אָרעמער וויס־טער פינסטערער וועלט אויף דער דאָזיגער נייער, פרייער, ליכ־טיגער, שמעקענדיגער שיין, האָט זיך אונזער שמעון־אלי געפיהלט ווי אַ מענש, וואָס איז אין אַ הייסען זומערטאָג ארייגעשפּרונגען אַ נאַקעטער אין ים אריין; דאָס וואַסער טראָגט איהם, די חוואַ־ליעס שלאָגען איהם, ער טוקט זיך, ער טוקט זיך, ער ציהט אין זיך די לופט מיט דער פולער ברוסט — ס׳איז מחיה נפשות, ממש אַ גן־עדן!...

— למשל, וואָס וואָלט גאָט געאַהרט — קלערט זיך שמעון־אלי — וואָס וואָלט גאָט געאַהרט, ווען איטליכער בעל־מלאָכה, אַשטייגער, זאָל זיך קאָנען אַלע טאָג, לאָז זיין חאָטש איין מאָל אין דער וואָך, ארויסגעהן אהערצו־צו, אויפ׳ן פרייען פעלד, אַ ביסעל נעניסען פון גאָט׳ס וועלטעל? אַי אַ וועלטעל, אַ וועל־טעל!... — און שמעון־אלי הויבט־אָן אונטערזינגען און פערטייטשען אויף זיין שטייגער: — אתה יצרת — דו האָסט, גאָט, באַשאַפען, עולמך — דיין וועלטעל, מקדם — אויף יענער זייט שמאָדט; בחרת בנו — האָסט אונז אויסדערוועהלט,

די אידעלעך, מיר זאָלען זיצען דאָרטען אין זלאַדייעווקע אין דער ענגשאַפט, קאָפּ־אויף־קאָפּ, אין אַ דערשטיקעניש; ותתן לנו — און דו האָסט אונז געטהאָן געבען... אוי, צרות האָסט דו אונז גע־געבען מיט ווענהטיגען, מיט דלות, קדחת מיט רביעית האָסט דו אונז געגעבען, ברחמיך הרבים־בים־בים־בים!...

אַזוי זינגט זיך שמעון־אלי שטילערהייד אונטער דער נאָז, און עס גלוסט זיך איהם אַ ווארף טהון זיך דאַ, ווי ער שטעהט און געהט אין פעלד, אויפ'ן גרינעם גראָז, חאָטש אַ ביסעלע גע־ניסען פון גאָט'ס וועלטעל, — דערמאַנט ער זיך, אַז ער האָט אַיין ארבייט, און זאָגט צו זיך אליין: — „עד כאן אומרים בשבת הגדול — געגוג, שמעון־אלי, צו זינגען. הלך לעולמו — שפּאַן, ברודער, שפּאַן! אָפּרוהען וועסט דו זיך שוין, אם ירצה השם, אין דער דעמבענער קרעטשמע. דאָרט האָסט דו אַ שטיקעל שאר־בשרי, דאָדי רענדאַר. דאָרט קריגט מען צו יעדער צייט אַ ביסעל משקה, ווי אין פּסוק שטעהט: ותלמוד תורה כנגד כולם — אַ ביסעל מהכתיתי איז בילכער פון אַלץ“... און שמעון־אלי שמע־קולנו שפּאַנט ווייטער.

קאַפּיטעל ג.

באמצע הדרך — פּונקט אין דער מיט וועג, צווישען די צוויי שטעדט זלאַדייעווקע און קאָזאָדאָיעווקע, שטעהט אַ פעלד־קרעטשמע, וואָס מע רופט זי „די דעמבענע“. די דאָזיגע קרעטש־מע האָט אין זיך אַ כח, עפּיס נאָר אַ מאַגניט, וואָס זי ציהט צו זיך אַלע בעלי־עגלות מיט אַלע פאַרשוינען, סאַי די וואָס פאָהרען פון זלאַדייעווקע קיין קאָזאָדאָיעווקע, סאַי די וואָס פאָהרען פון קאָזאָדאָיעווקע קיין זלאַדייעווקע — מע מוז זיך אָפּשטעלען אין דער „דעמבענער“ חאָטש אויף עטליכע מינוט! קיינער ווייסט ניט דעם סוד דערפון נאָך עד היום. אַ טייל זאָגען, אַז ס'איז דערפאַר,

ווייל דער בעל־הבית פון דער קרעטשמע, דאָדי דער רענדאַר, איז זעהר א ליעבליכער פאַרשוין און א גרויסער מכנים־אורח, דאָס הייסט, פאַר געלד האָט איהר געקאָנט קריגען דאָרטען תמיד א רעכט גלעזעל משקה מיט די שענסטע פאַרבייסענס; און א טייל זאָגען, אז ס׳איז דערפאַר, ווייל דאָדי איז געווען פון יענער חברה, וואָס מע רופט זיי „טרעפערס“, אָדער „נביאים“, וואָס אליין האַנדלען זיי נישט מיט קיין גנבות, נאָר זיי קעהרען זיך אָן מיט אלע בעריהמטע גנבים א נאָהענטער רב שמעלקע... און מחמת קיינער ווייסט דאָס נישט פאַר קלאָר, לכן בעדאַרף מען מאַכען דערפון א שווייג...

דאָדי איז געווען א איד א מוכסן, א גראָבער, א האָריגער, מיט א גרויסען בויך און מיט א בולבעוואַטער נאָז, און א קול האָט ער געהאַט פון א שור־הבר. איהם איז אָפּגעגאַנגען, ווי מע זאָגט, קאָפּוועהטיג; פּרנסה האָט ער געהאַט מיט׳ן פולען מויל, בהמות עטליכע, אויף דער עלטער געבליבען איין אלמן און געווען א לעדיגער מענש. א גראָבער נפש: א סליחה און א הגדה און א בענטשערעל איז ביי איהם געווען אלץ איינס. און דערפאַר פלעגט זיך מיט איהם שמעון־אלי דער שניידער שעמען: ס׳איז איהם נישט אָנגעשטאַנען די מעשה, וואָס ער, שמעון־אלי, א יודע־נגן און גבאי אין שוהלכען, זאָל האָבען א מוכסן, איין עם־הארץ פאַר א קרוב... און דאָדי פון זיין זייט פלעגט זיך שעמען, וואָס ער האָט א „שניידער א פאַלגע“ פאַר א קרוב... זיי האָבען זיך געשעמט איינער מיט׳ן אַנדערען. פון דעסטוועגען, אז דאָדי האָט דערזעהן שמעון־אלי׳ן, האָט ער איהם אָפּגעגעבען א גאַנץ ברייטען ברוך־הבא, מחמת דאָדי דער רענדאַר האָט פשוט מורא געהאַט, נישט אזוי פאַר׳ן קרוב אליין, ווי פאַר׳ן קרוב׳ס פיסק.

— אָ, א נאַסט, א נאַסט! וואָס מאַכט עפּיס א איד שמעון־אלי? וואָס מאַכט עפּיס דיין ציפּה־ביילה־רייזה? וואָס מאַכען עפּיס דיינע קינדער?

— עט, מ ה א נ ו מ ה ח י י נ ו — וואָס זאָלען מיר מאַכען? — האָט איהם דער שניידער געענטפערט מיט א פסוק, ווי זיין שטייגער איז. — מ י ב ר ע ש ו מ י ב מ ג פ ה — אמאָל אזוי, אמאָל אזוי, אבי מען איז געזונט, ככתוב, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: א ס ק א ק ו ר ד ע, ד ב א ר ב א נ ט ע, ד פ א ר ש מ א כ ט ע, ד ק א ר נ א ס ע... וואָס מאַכט א י ה ר עפּיס, מיין טייערער קרוב? וואָס הערט זיך עפּיס ביי אייך אין דאָרף? ז כ ר נ ו א ת ה ד ג ה — איך געדענק נאָך אייערע וואַ־רעניקעס פון פאַראיאָהרען מיט׳ן ביסעל משקה, דאָס איז דאָך ביי אייך דער עיקר. אריינקוקען אין א ספר האָט איהר דאָך פיינט. ל מ ה ר ג ש ו ג ו י י ם — וואָס טויג אייך א אידיש וואָרט! ע, רב דאָדי, רב דאָדי! ווען דער טאַטע אייערער, דער פעטער גדליה־וואָלף עליו השלום, זאָל איצטער אויפשטעהן און א קוק טהון אויף זיין דאָדיקען, ווי ער זיצט דאָס א ביסעל אין דאָרף צווישען אלע גויים, להבדיל, וואָלט ער נאָך א מאָל איבעראַניים געשטאָרבען. אי, האָט איהר געהאַט א טאַטען, רב דאָדי! געווען א כשר׳ער איד, לאָז ער מיר מוחל זיין: ער פלעגט טרינקען פון א פינסטערער כלי... הקיצור, א י ן ל ך א ד ם ש א י ן ל ו פ ע ק ע ל — פון וואָס מע זאָל נישט רעדען — אויפ׳ן טוידט מוז מען ארויף... ניט שוין אהער א ביסעל בראָנפען, ווי דער תנא רב פּימפּאָם זאָגט: ק א פ א ט ע ב מ ש כ נ ת א ש ו ו י י נ ק י י ך ב נ ר ו נ ם — פארזעץ די קאַפּאָטע און נעם א ביסעל בראָנפען“...

— שוין? דו האָסט שוין אָנגעהויבען מיט דיין לאָקשען־קוילעטש? — מאַכט דאָדי און טראָגט איהם אונטער א ביסעל בראָנפען. — דו זאָג בעסער, שמעון־אלי, וואוהין פאָהרט דאָס א איד?

— א איד פאָהרט נישט, — זאָגט שמעון־אלי און מאַכט א כוסה — א איד געהט צו פוס. ווי מיר זאָגען אין הלל: ר ג ל י ה ם ו ל א י ה ל כ ו — האָסט פיס, ביזט דו נישט קראַנק צו שפּאַנען“...

— אויב אזוי, — מאכט דאָדי — זאָג זשע מיר, סערדצע, וואוהין שפּאַנט אַ איד?

— אַ איד שפּאַנט — זאָגט שמעון־אלי און מאכט נאָך אַ כוסה — קיין קאָזאָדאָיעווקע שפּאַנט ער, האַנדלען ציגען, ככתוב, ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: עזים תעשה לך — ציגען זאָלסט דו קויפען...

— ציגען? — פרעגט איהם דאָדי פער׳חידוש׳ט. — ווי קומט אַ איד אַ שניידער האַנדלען מיט ציגען?

— עס רעדט זיך אזוי „ציגען"! — מאַכט שמעון־אלי. — מיינען מיין איך אַ ציעג, טאָמער וועט מיר גאָט צושיקען, הייסט דאָס, אַ ציעג אַ רעכטע. נישט טייער. דאָס הייסט, איך וואָלט קיין ציעג נישט געקויפט; נאָר מיין ווייב זאָל לעבען, ציפּה־ביילה־רייזה הייסט דאָס, איהר קענט דאָך זי, אַז זי שפּאַרט זיך איין! זי האָט זיך פאַר׳עקשנ׳ט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: הכצעקתה — זי וויל אַ ציעג! און אַ ווייב, זאָגט איהר דאָך, באַדאַרף מען פאָלגען, דאָס איז דאָך אַ בפירוש׳ער „מדרש־פּליאה", האַ? איהר געדענקט דעם „מדרש־פּליאה"?

— אין די זאַכען — זאָגט דאָדי — ווייסט דו שוין בעסער פון מיר; דו ווייסט דאָך, אַז איך בין מיט... מיט... מדרש אַ קנאַפּער מחותן!... איך פאַרשטעה נישט, מיין טייערער קרוב, נאָר איין זאַך: ווי קומסט דו זיין אַ מבין אויף ציעגען?

— וואָט טיבע יוצר המאורות! — זאָגט שמעון־אלי שוין מיט פּערדראָס. — ווי קומט אַ רענדאַר זיין אַ מבין אויף אַ סדיל־קיוועך סליחה? פון דעסטוועגען קומט פּסח צום סדר, קלאַפּט איהר מיט גאָט׳ס הילף דעם ריינעם „ברכי־נפשי" און זאָגט „זה כפרתי זה חליפתי", ווי עס געהער צו זיין... וואָס? אפשר נישט אזוי?...

דאָדי דער רענדאַר האָט פערשטאַנען דעם שטאָך; ער האָט פערביסען אַ ליפּ און האָט זיך געטראַכט: „וואַרט, וואַרט, דו שניידערוק, דו פּאָלגע! ביזט מיר עפּיס היינט צו גייציג, און דו

בעוויזט זיך מיר היינט צו פיעל ארוים מיט דיין תורה! ווערסט שוין ביי מיר האבען א ציעג, וועסט זיך קראצען!"... און שמעון־אלי האט זיך נעהייסען אנגיסען נאך א מאל פון יענעם ביטערען טראפּען, וואס איז א רפואה צו אלע צרות.

פון אמת קאן מען נישט אוועקנעהן: שמעון־אלי האט ליעב געהאט א ביסעל בראנפען, נאר קיין שכור איז ער נישט געווען — חס וחלילה! ווען האט ער דען געהאט אויף א טרונק בראנפען?... איין הסרון האט ער נאר געהאט, וואס קוים האט ער גענומען א ביסעל בראנפען, אזוי האט ער באלד געמוזט נעמען נאך איין ביסעל, און פון אזעלכע צוויי ביסלעך פלעגט ער שוין ווערען מבוסמ׳דיג־פריילין, די בעקלעך רויטליך, די אויגעלעך מיט א גלאנץ, און די צונג — די צונג האט זיך ביי איהם אויפגעבונדען און געקלונגען אהן איין אויפהער.

— אקעגען דעם, וואס איהר זאגט „צעך", — מאכט שמעון־אלי — „צעך", שער און אייזען. אונזער פאלק עמך האט אין זיך א מעלה, וואס איטליכער האט ליעב כבוד, און כבוד איז דאך, זאגט איהר, לעבער... א ליאדע שוסטערעל וואלט א בעלן געווען זיין גבאי־ראשון חאטש איבער א פאמעניצע... זאג איך צו זיי: ברידערלעך, קטנתי מכל החסדים — איך דארף עס אויף כפרות, קלויבט אייך אוים אַ שוסטער פאר א גבאי: לא מעוקצך ולא מדוקצך — איך בין אייך מוחל דעם כבוד, איך וויל נישט קיין פעטש!... זאגען זיי: בלאטע! אז צעך טהוט אפּ, איז פארפאלען!... זאג איך: עס קומט אוים ווי אין פסוק שטעהט: שמלך לך קצין תהיה לנו — פעטש זאלסט דו האפּען און גבאי זאלסט דו זיין... נאר שא, איך האב מיך א ביסעל פארדעדט, און האב נאר פארגעסען, אז איך האב אויף זיך א ציעג. עוד היום גדול — דער טאג שטעהט נישט! א גוטען טאג, רב דאדי, חזק, חזק ונתחזק — זייט מיר געזונד און שטארק און מאכט ווארעניקעס!

— פארגעס זשע ניט, — מאכט צו איהם דער רעגדאר — אם ירצה השם, צוריקוועגס, אז גאט וועט שענקען דאס לעבען, למען השם, זיך אפשטעלען ביי מיר.

— אם ירצה השם, אם ירצה השם, בלי נדר ומסקנא! — זאגט שמעון־אלי. — אודאי, ווי דען איז אנדערש? מען איז דאך נישט מעהר ווי א „בשר־ודאם“. ווי זאגט איהר: „אדם א מענטש, צפור א פוינעל, קאטשקע רוק זיך“... איהר גרייט נאר צו, רב דאדי, א רעכט ביסעל משקה מיט פארבייסען, דאס הייסט מאהריטש, ווי אונז שטעהט אן — אונזער פאלק שער און אייזען עמך!

קאפיטעל ד.

ויצא שמעון־אליהו מדעמבינע — און „שמעון־אלי שמע־קולנו“ איז ארויסגעגאנגען פון דער דעמבענער קרעטשמע בגילופין, גאנץ פריילוך, ויבוא — און ער איז גע־קומען בשלום, געזונדערהייד, קיין קאזאדאיעווקע. און אז ער איז נעקומען קיין קאזאדאיעווקע, האט ער זיך אנגעהויבען צו פרעגען, וואו זיצט דא ערגיץ רב חיים־חנה דער קלוגער, וואס האט א ווייב טעמע־גיטעל די שטילשוויגענדיגע מיט צוויי מעלקענדיגע ציעגען? נאר לאנג נאכפרעגען זיך האט ער נישט בעדארפט, ווארום דאס שטעדטעל קאזאדאיעווקע איז נישט אזא כרך פון די כרכי הים, וואס מע זאל דארטען קאנען, חלילה, פערבלאנזעט ווערען. דאס גאנצע שטעדטעל ליגט פאר די אויגען, ווי אויף א טעלער: אט זענען די יאטקעס מיט די קצבים, מיט די העקערס און מיט די יאטקע־הינד; אט איז דער מארק, וואו ווייבער דרעהען זיך ארום אין זאקען פון איין גוי'ע צו דער אנדערער, טאפען אלע איין האהן:

— טשועש, טשועש! א שא טאבי זא קורקע?

— יאקא קורקא? צע פיווען, א נע קורקא!

— נעחיי באודע פּיוועז ! א שאַ טאַבי זאַ קורקע ? *

אַט נאָך צוויי שפּאַן איז דער שולהויף, וואו אַלטע ווייבער זיצען איבער מולטערלעך און פּערקויפען בארלעך, סעמעטשקעס און בעבלעך, וואו מלמדים קנעלען, קינדער שרייען און ציעגען, ציעגען אָהן א שיעור, שפּרינגען, שלעפּען שטרוי פון די דעכער, אָדער זיי זיצען אויף דער ערד מיט די אויסגעגלעטע בערדלעך, וואַרעמען זיך אַקעגען דער זון און מעלה־גרה׳ן. און אָט איז שוין די באָד מיט די שווארצע פעררויכערטע ווענד. אָט איז דער טייך, וואָס אויבען איז ער בעדעקט מיט גרינס, ווי מיט א סכך, פול מיט פּיאַווקעס און מיט זשאַבעס, וואָס קוואַקען. דער טייך שיינט אַקעגען דער זון, בלישטשעט ווי מיט דימענטען און שטינקט מיט סכנת־נפשות... און דאָרט, אויף יענער זייט טייך, איז נישטאָ גאָרנישט, א חוץ ערד און הימעל — אוים קאַזאַדאַיעווקע !

אַז דער שניידער איז אַריינגעקומען צו רב חיים־חנה דעם קלוגען, האָט ער איהם געטראָפען ביי דער ארבייט, וואו ער איז געזעסען מיט׳ן גרויסען טלית־קטן און מיט דער שפּיצעכיגער יאַר־מעלקע איבער דער גמרא און געלעהרענט מיט די תלמידים מיט א ניגון אויף קולי־קולות די גמרא בבא־קמא: ההוא ברחא — די דאָזיגע ציעג, וואָס זי האָט דערזעהען א מין עסענוואַרג פון אויבען אויפ׳ן פּע־סעל, האָט זיך די ציעג צוגעחאַפּט צום עסענוואַרג״...

— צפּרא טבא למאריה דחיטה דקופא דמחטא ! — רופט זיך אָן שמעון־אלי שמע־קולנו אויף תרגום־לשון און זעצט דאָס באַלד איבער אויף פּראָסט אידיש : א גוטער מאָרגען זאָל זיך אַריינחאַפּען, רבי, צו אייך און צו אייערע

---

* — העד נאָר, וואָס ווילסט דו פאַר דער תוחן ?
— וואָסער הוהן ? ס׳איז נים קיין הוהן, ס׳איז א תאָהן !
— לאָז זיין אַהאָהן ! וואָס ווילסט דו פאַר דער תוחן ?

תלמידים! איהר האלט מיט זיי, הער איך, סאמע ביי אזא ענין, וואס איך אליין טאקי האב מיך מטריח געווען אהער צו אייער זוגתי מרת טעמע־גיטעל, מכח א ציעג הייסט דאס; דהיינו, איך וואלט קיין ציעג נישט געקויפט, נאר מיין ווייב זאל לעבען, ציפה־ביילה־רייזה הייסט דאס, האט זיך איינגעשפארט, איין מאל פאר אלע מאל: הכצקעתה — זי וויל א ציעג! און א ווייב, זאגט איהר דאך, באדארף מען פאלגען, ס'איז דאך א בפירוש'ע גמרא: אסקאקורדע, דבארבאנטע, דפארשמאכטע, דקארנאסע... וואס קוקט איהר מיך אן? אל תסתכל בגלעזעל אלא בפלעשעל — קוקט נישט דערויף, וואס איך בין א איד א בעל־מלאכה; יגיע כפיך אשריך! מסתמא האט איהר געהארכט פון מיר, איך בין שמעון־אלי חייט מק"ק זלאדרייעווקע, חברה־מאן אין צעך און גבאי אין שוהלבען, חאטש איך דארף עס אויף כפרות, לא מעוקצך ולא מדוקצך — איך בין אייך מוחל, זאג איך צו זיי, דעם כבוד און איך וויל נישט קיין פעטש! זאגען זיי: בלאטע! אז צעך טהוט אפ, איז פארפאלען; שמלך לך קצין תהיה לנו — פעטש זאלסט דו חאפען און גבאי זאלסט דו זיין!... איך האב מיך א ביסעל פארערדט און שיער נישט פארגעסען אייך אפגעבען שלום. שלום עליכם אייך, רבי! שלום עליכם אייך, קינדער, צאן־קדשים, שקצים ורמשים, קונדייסים, עכברושים! סע זאל זיך אייך אזוי וועלען טאנצען, ווי איהר ווילט לערנען — איא, איך האב געטראפען?...

דערהערט אזעלכע דבורים, האבען חברה תלמידים אנגעהויבען קנייפען איינס דאס אנדערע אונטער'ן טיש און שיסען מיט די נעזער. זיי זענען דוקא געווען העכסט צופריעדען מיט'ן גאסט; זיי וואלטען זיך מחיה געווען, אז גאט זאל זיי צושיקען אפט אזעלכע געסט. נאר חיים־חנה דער קלוגער איז נישט געווען צופריעדען; ער האט פיינט געהאט, מע זאל איהם איבערשלאגען אין מיטען. האט ער אריינגערופען זיין ווייב טעמע־גיטעל און האט זיך אומ־געקעהרט צוריק מיט זיינע תלמידים צו דער ציעג, וואס זי האט

זיך צוגעחאַפּט צום עסענוואַרג, און מע האָט געזונגען אויף אַ קול:
„חייבא רבא — האָט רבא גע׳פּסק׳ענט, אַז זי דאַרף באַצאָהלען פאַר׳ן עסענוואַרג און פאַר׳ן פּעסעל דעם גאַנצען היזק“...

שמעון־אלי שמע־קולנו האָט אַרויסגעזעהען, אַז מיט׳ן מלמד האָט ער נישט וואָס צו רעדען, האָט ער זיך גענומען צו דער מלמד׳קע, און בשעת דער מלמד האָט דאָ געלעהרענט מיט זיינע תלמידים מכּת דער ציעג פון דער גמרא, האָט שמעון־אלי דער שניידער געהאַלטען אַ שמועס מיט טעמע־גיטעל די מלמד׳קע מכּת איהר ציעג.

— איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ איד אַ בעל־מלאכה. — האָט צו איהר געזאָגט שמעון־אלי דער שניידער. — אפשר האָט איהר געהאָרכט פון מיר — איך בין שמעון־אלי חייט מק״ס זלאַ־דייעווקע, חברה־מאַן אין צעך און גבאי אין שניידערשען שוהלכען. חאָטש איך דאַרף דאָס אויף כּפּרות! לא מעוקצך ולא מדוקצך — איך בין אייך מוחל, זאָג איך, די פּעטש, איך וויל נישט קיין כבוד!... געקומען בין איך, הייסט דאָס, צו אייך טאַקי מכּח איינער פון אייערע ציעגען, דאָס הייסט, איך וואָלט קיין ציעג נישט גע־קויפט, נאָר אַזוי ווי מיין ווייב זאָל לעבען, ציפּה־ביילה־רייזה הייסט דאָס, האָט זיך איינגעשפּאַרט: הכצעקתה — איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ ציעג! און אַ ווייב, זאָגט איהר דאָך, באַדאַרף מען פאָלגען, ס׳איז אַ בפירוש׳ע גמרא...

טעמע־גיטעל, אַ קליין ווייבעלע מיט אַ נעזעל ווי אַ פּאַסאָלי, וואָס זי טהוט דאָס אַלע מאָל אַ וויש מיט צוויי פינגער, האָט איהם אויסגעהערט אַ ביסעל, און באַלד איבערגעשלאָגען אין מיטען:

— זענט איהר געקומען, הייסט דאָס, צו מיר אָפּהאַנדלען ביי מיר איינע פון מיינע ציעגען? וועל איך אייך זאָגען אַזוי, מיין ליעבער איד: ערשטענס, האַלט איך נישט ביי פאַרקויפען קיין ציעג, וואָרום, לאָמיר זיך נישט נאַרען, צו וואָס זאָל איך דאָס טהון? צוליעב געלט? וואָס איז געלט? געלט איז קיילעכיג!

געלט נעהמט אוועק און א ציגע בלייבט א ציעג, ובפרט נאך אזא ציעג! ס׳איז דען א ציעג? א מאמע, זאג איך אייך, נישט קיין ציעג! קיין עין־הרע, איהר גרינג מעלקען זיך! איהר מילך־געבען! היינט איהר עסען, וואס זי עסט! זי עסט דען עפּיס? איין מאל א טאג א „פילע" פון קלייען, און דאס איבעריגע שטרוי פון׳ם דאך פון בית־המדרש... נאר גאר נישט, אויב מע זאל מיר באצאהלען א רעכטען מקח, בין איך מיך מיישב: געלט איז, ווי זאגט איהר, א יצר־הרע, פאר געלט קאן איך קויפען איין אנדער ציעג, חאטש אזא ציעג ווי מיין ציעג איז שווער צו קריגען. ס׳איז דען א ציעג? א מאמע, נישט קיין ציעג... נאר שא! וואס טויג ווערטער? אט פיהר איך אייך אריין די ציעג, וועט איהר זעהן!...

און טעמע־גיטעל לויפט־אוועק, פיהרט־אריין די ציעג און ווייזט א פול קריגעל מיט מילך, וואס זי האט ערשט היינט אָנגעמאלקען.

דערזעהען מילך, האט זיך דער שניידער אזש אנגעהויבען בעלעקען, און רופט זיך אן:

— זאגט זשע מיר, מיין ליעבע אידינע, מה יקר? דאס הייסט, כמה מעלות טובות — וויפיעל קאנט איהר זיך הייסען אנמעסטען פאר אייער ציעג, אשטייגער? מחמת ווי באלד נישט אין גלייכען געלט, וועל איך נישט קויפען. ווייסט איהר, פאר וואס? ווייל, ערשטענס, באדארף איך זי אויף כ־כ־כפרות, נאר אזוי ווי מיין ווייב זאל לעבען, ציפּה־בײלה־רייזה הייסט דאס, האט זיך איינגעשפּארט איין מאל פאר אלע מאל: הכצעק...

— וואס איז שייך וויפיעל? — האקט איהם איבער טעמע־גיטעל אין מיטען דעם „הכצעקתה" און טהוט א וויש דאס נעזעל. — זאגט איהר אייער מקח, לאמיר הארכען! דאס קאן איך אייך זאגען: הערט איהר? אז וויפיעל איהר וועט באצאהלען, האנדעלט איהר א מציאה! ווייסט איהר, פאר וואס? ווארום אז איהר קויפט אוועק ביי מיר די ציעג, האט איהר א ציעג...

— הערסט דו! — שלאָגט איהר איבער דער שניידער אין מיטען. — אַט דערפאַר וויל איך דאָך זי קויפען, וואָס זי איז אַ ציעג, נישט קיין פּיפּערנאָטער! דאָס הייסט, איך וואָלט קיין ציעג גאָר נישט געקויפט, איך באַדאַרף זי אויף נייען און נייענציג כפרות, נאָר אַזוי ווי מיין ווייב זאָל לעבען, ציפּה־ביילה־רייזה הייסט דאָס, האָט זיך איינגעשפּאַרט איין מאָל פּאַר אַלע מאָל: הכצעקט...

— הערסט דו! אַט דאָס זאָג איך דאָך! — פאַלט איהם אריין טעמע־גיטעל אין די רעד אריין און הויבט אָן ווידער אַ מאָל אויסרעכענען די מעלות פון איהר ציעג. לאָזט זי נישט דער שניידער און שלאָגט איהר איבער אין מיטען, און אַזוי שלאָגען זיי איבער איינס דאָס אַנדערע אַזוי לאַנג, ביז זייערע טענות גיסען זיך צונויף אינאיינעם, און עס קומט־אויס אַ מישמאַש, אַ קאַשע מיט באָרשטש און מיט לאָקשען: „אַ ציעג? אַ מאַמע, נישט קיין ציעג... איך וואָלט קיין ציעג נישט געקויפט... אַ „פּילע" פון קלייען... זי האָט זיך איינגעשפּאַרט איין מאָל פּאַר אַלע מאָל: הכצעקתה... געלט איז קיילעכיג... אָהן עין־הרע, איהר גרינג מעלקען זיך... ציפּה־ביילה־רייזה הייסט דאָס... זי עסט דען עפּיס... איין מאָל פּאַר אַלע מאָל: הכצעקתה... דאָס איבעריגע — שטרוי פון'ם דאָך פון בית־המדרש... אַ ווייב באַדאַרף מען פאָלגען... אַ ציעג? אַ מאַמע, נישט קיין ציעג!"...

— טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג אייך צו ציעגען, טאָמער? — שלאָגט זיי איבער חיים־חנה דער קלוגער אין מיטען און דרעהט זיך אויס מיט'ן פּנים צום ווייב. — האָסט דו געהערט אַ ביסעל? מע האַלט אין מיטען איין ענין האַלט מען, מכח „נזיקין", און זיי: ציעג־ציעג! ציעג־ציעג! ממה־נפשך, אָדער פאַרקויף זיי די ציעג, אָדער פאַרקויף זיי נישט די ציעג. ציעג־ציעג! ציעג־ציעג! סע ציעגט מיר שוין אין קאָפּ ציעגט מיר!

— גערעכט! — רופט זיך אָן שמעון־אלי. — וואו תורה, דאָרט איז חכמה! ממה־נפשך, וואָס באַדאַרף מען דאָ לאַנג רעדען? לי הכסף ולי הזהב — מיין געלט, אייער סחורה. זאָגט

שלשה דברים, א ווארט און צוויי און א מאריטש, ווי אין מחזור שטעהט געשריבען: מ ח ס פ ס מ פ צ פ צ י ם — איז דער פשט...

— וואס טויג מיר אייער פשט? איהר זאגט מיר בעסער, וואס גיט איהר מיר פאר דער ציעג? — מאכט טעמע־גיטעל שטילערהייד, בויגט זיך איין, ווי א קעצעלע, און טהוט א וויש די ליפען הין און צוריק.

— א משל כחרם הנשבר! — זאגט שמעון־אלי אויך שטילער־הייד. — וואס הייסט, איך זאל זאגען? וואס בין איך פאר א זאגער וואס? איך זעה, אז ס'איז א ל ת ק ש ו ל ב ב כ ם — ארויסגעווארפען מיין טרחה; איך וועל ביי אייך, אפנים, היינט קיין ציעג נישט קויפען! האט קיין פאראיבעל נישט, וואס איך האב אייך דערקוטשעט!...

און שמעון־אלי דרעהט זיך אוים מיט'ן פנים צו דער טהיר און האלט כלומר'שט ביי אוועקגעהן.

— זעהט נאר זעהט! — מאכט טעמע־גיטעל און טהוט איהם א נעם ביי'ם ארבעל. — וואס האט איהר אזוי קיין צייט נישט, דער טייך ברענט? ממה־נפשך, עפים האט איהר דאך אנגעהויבען רעדען מכח א ציעג...

בקיצור, די מלמד'קע האט געזאגט א י ה ר מקח, דער שנייר־דער האט געזאגט ז י י ן מקח; זי האט אראפגעווארפען, ער האט ארויפגעווארפען, א רענדעל אראפ, א רענדעל ארויף — מע האט זיך אויסגעגלייכט. שמעון־אלי האט אויסגעצעהלט די ממתקים, גענומען די ציעג אויפ'ן גארטעל, טעמע־גיטעל האט בעשפיגען דאס געלד, וואס זי האט געלייזט פאר דער ציעג, צוגע־ווינשעוועט דעם שניידער, ס'זאל זיין מיט מזל־ברכה, בשעת מעשה עפים געשעפטשעט שטילערהייד און געקוקט אלע מאל אויפ'ן געלד און אויף דער ציעג און האט ארויסבעגלייט דעם שניידער מיט א סך ברכות:

— געהט געזונט, און זייט געזונט, און פארנוצט געזונט, און לאז גאט געבען, זי זאל זיין אזוי ווי זי איז געוועזן ביז אהער,

נישט ערגער — בעסער האָט קיין שיעור נישט, און זי זאָל זיך ביי אייך האַלטען און האַלטען, מעלקען און מעלקען, נישט אויפ־הערען זיך מעלקען!...

— אָמן, גם אתם! — מאַכט דער שניידער און וויל זיך לאָזען געהן צו דער טהיר, וויל די ציעג נישט געהן, דרעהט מיט די הערנער, שפּאַרט זיך איין מיט די הינטערשטע פיסלעך און מאַכט אויף אַ הילכיג קול׳בעל און ציקעלט זיך, ווי אַ יונג חזנ׳־דעל, וואָס געהט דעם ערשטען מאָל צום עמוד: מ ה ה ה ה ה ה פשעי! ו מ ה ה ה ה ה ה חטאתי!... ווי איינער רעדט: וואוהין שלעפּט איהר מיך?...

דעמאָלט איז שוין אויפגעשטאַנען רב חיים־חנה דער קלוגער מיט זיין כבוד, און מיט׳ן קאַנטשיק אונטערגעהאָלפען ארויספּיה־רען די ציעג פון שטוב. און די חברה תלמידים האָבען זי אונטער־געטריבען:

— היי, קאָזע! קאָזע! פּאַשאָל, קאָזע!...

און דער שניידער איז אוועק אין זיין וועג אריין.

קאַפּיטעל ה.

ו ת מ א ן — און זי האָט נישט געוואָלט, די ציעג הייסט דאָס, געהן מיט׳ן שניידער קיין זלאָדייעווקע, בשום אופן ואופן! זי האָט זיך געריסען צוריק אהיים מיט אַלע כחות! עס האָט איהר אָבער גאָר נישט געהאָלפען. שמעון־אלי האָט זי געשלעפּט פאַר׳ן גאַרטעל און האָט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז ס׳איז ארויס־געוואָרפען איהר דרעהען זיך און איהר בריקען זיך און איהר מעקען, וואָס זי מעקעט. ער האָט צו איהר אַזוי געזאָגט:

— עס שטעהט ביי אונז: ב ע ל כ ר ח ך א ת ה ח י — איבער נוים שלעפּסט דו אויף זיך דעם גלות, מענסט יאָ וועלען, נישט וועלען — מע פרעגט ביי דיר קיין עצות נישט. איך בין

אויך אמאָל, נישט היינט געדאַכט, געווען אַ פריי פויגעלע, אַ בחור כהלכה — אַ פיינער, אַ יונג מיט אַ קאַמזויל און מיט סקריפּ־קעס, טשאַקענדיג און קנאַקענדיג; וואָס איז מיר אָפּגעגאַנגען? קאַפּוועהטיג? האָט גאָט געזאָגט: לך לך מארצך — קריך, שמעון־אלי, אין זאַק אַריין! האָב חתונה פּאַר ציפּה־ביילה־רייזה׳ן! האָב קינדער! ווער פאַרשוואַרצט אויף דיינע יאָהר און טעג! כי לכך נוצרת — דערויף ביזט דו אַ שניידער!...

אַזוי האָט שמעון־אלי גע׳טענה׳ט צו דער ציעג און איז גע־גאַנגען געשווינד, כמעט געלאָפען. אַ וואַרעם ווינטעל האָט איהם צעבלאָזען די פּאָלעס פון דער געלאַטעטער קאַפּאָטע און האָט פער׳גנבה׳ט זיך איהם אונטער די פאות און אַ גלעט געטהאָן איהם ביי׳ם בערדעל, צוגעטראָגען איהם צו דער נאָז אַ געשמאַקען ריח פון מיענטע, פון ראָמאַשקעס און פון אַנדערע פעלדבלומען און קרייטער, וואָס האָבען אַ ריח פון בשמים, און וואָס זיין נאָז איז צו זיי כלל נישט געוועהנט געוואָרען; און פּאַר גרוים התפּעלות האָט ער אָנגעהויבען צו דאַווענען מנחה, זאָגען „פּטום־הקטורת“, אויסרעכענען אַלע גוטע זאַכען: „הצרי והצפורן, החלבנה והלבונה“, און אַלע איבעריגע געווירצען, גאַנץ פיין, מיט זעהר אַ שענעם ניגון, און ער האָט פערקאַטשעט זיך „אָפּשטעפּען“ אַ מנחה, אויפ׳ן חזנ׳ישען שטיינער, גאָר אויף איין אַנדער אופן! פּלוצים... פון וואַנען נעמט זיך דער שטן מקטרג, דער יצר־הרע, און רוימט איהם איין אַ סוד אין אויהער אַריין:

— הער נאָר אויס, שמעון־אלי, דו יאָלד איינער! וואָס האָסט דו זיך דאָ אַזוי צעזונגען אויפ׳ן ניכטערען האַרצען? שוין באַלד נאַכט, און דו האָסט נאָך אין דיין מויל נישט געהאַט, אַ חוץ צוויי גלעזלעך בראָנפען! היינט האָסט דו דאָך עפּיס נעגעבען דיין קרוב דאָס הייליגע וואָרט, אַז צוריקוועגס, אם ירצה השם, מיט דער ציעג, וועסט דו זיך אָפּשטעלען ביי איהם עפּיס צו־בייסען! געזאָגט אַ וואָרט — איז פערפאַלען. אַ מויל איז נישט קיין תאַליוועץ!

און שמעון־אלי האט אפגעחאפט די שמונה־עשרה נאר בקיצור, זיך אפגעקלאפט תחנון, און איז אריין צו דאדי רענדאר מיט א שמחה:

— א גוטען אווענד אייך, מיין ליעבער קרוב רב דאדי, איך קאן אייך אנזאגען א בשורה, מזל טוב, ע ם ל ב ן ג ר ת י — איך האב שוין איינגעהאנדעלט א ציעג, אבער א ציעג פון ציעגענלאנד, א ציעג אשר לא ציעגונו אבותינו! איהר מעגט זי אנקוקען און זאגען אייער מבינות — איהר זענט דאך עפּיס יא א יודע־ספר! אנו, טרעפט, כ מ ה ל ק ו ב מ צ ר י ם — וויפיעל האב איך באַדארפט משלם זיין?

דאדי האט זיך גענומען מיט דער האנד ביי'ם קאזעראק, זיך פערשטעלט פון דער זון, וואס האט געהאלטען ביי אונטערגעהן מיט א גאלדענעם פאס אין עק הימעל, און האט בעטראכט די ציעג, ווי א גרויסער מבין, און האט זי אפגעשאצט פונקט צוויי מאל אזוי פיעל, וויפיעל דער שניידער האט בעצאהלט. דערפון איז שמעון־אלי געווארען אזוי אויפגעלעגט, אז ער האט דערלאנגט דעם רענדאר א זעץ אין פלייצע:

— רב דאדי סערדצע! געזונט זאלט איהר מיר זיין, צ ד ק ת כ ד ב ר י ך — איהר האט היינטיגס מאל דוקא נישט געטראפען. אזוי פיעל גליקליכע יאהר אונזביידען!

דאדי דער רענדאר האט אויפגעשטעלט א פאר ליפען און געשמאקעלט מיט'ן קאפ אהן ווערטער: מפו־פו־פו! ווי איינער רעדט: „א מציאה! א מציאה פון א גנב!“

און שמעון־אלי האט איינגעבויגען דאס קעפעל אויף א זייט, זיך א חאפ געטהאן מיט'ן מיטעלסטען אויסגעבויגענעם פינגער ביי'ם זשילעט, גלייך ווי ער וואלט בעדארפט ארויסחאפען פון דארט א נאדעל און אריינזעצען אין איהר אין דער גיך א פאדעם.

— נו, רב דאדי? וואס וועט איהר עפּיס זאגען, עמך? פארשטעהען מיר איין עסק? הא? איהר זאלט נאך זעהן, קיין

עין־הרע, ווי זי מעלקט זיך, וואָלט איהר אַ מיתה משונה איינגע־נומען דאָ אויפ'ן אָרט!

— אַ מיתה משונה נעם שוין בעסער איין אַליין! — רופט זיך אָן צו איהם דאָדי.

— אָמן, גם אתם! — זאָגט שמעון־אלי. — אויב איך בין יאָ ביי אייך אַזאַ־נ־אָנגעלעגטער גאַסט, נעמט זשע, זייט מוחל, רב דאָדי, די ציעג. און באַשטאַט זי ערגיץ אין שטאַהל, מע זאָל זי חלילה נישט אוועק'לקח'ענען, און איך וועל דערווייל אַ דאַווענען טהון מעריב, מנחה האָב איך געחאַפּט אין וועג, און נאָכדעם וועלען מיר מאַכען „שהכל נהיה בדברו", און טאַקי עפּיס צו־בייסען אויך, ככתוב, ווי אין דער מגילה שטעהט: אין קוצים בפרוצים — פאַר'ן עסען געהט קיין טאַנץ נישט. שטעהט אַזוי געשריבען אין דער מגילה, צי ניין?

— וואָס איז שייך? — מאַכט דאָדי. — מסתמא אַז דו זאָגסט, סע שטעהט — שטעהט דאָס; דערויף ביזט דו דאָך עפּיס אַ איד פון תורה.

אָפּגעדאַווענט מעריב און אויסגעשפּיגען צו „עלינו", רופט זיך אָן דער שניידער צום רענדאַר:

— אַז דער צער פון טראָגען איז יאָ אַזוי גרויס, איז הלעיטני־נאָ מן האדום האדום הזה — גיסט אָן, זייט מוחל, פון יענעם גריגעם פלעשעל, און לאָמיר נעמען צו קאַפּעלעך שפּירעט, און לאָמיר זיין געזונט. געזונט דאָס איז ראשית חכמה, ווי מיר זאָגען אַלע טאָג אין דאַווענען: השכיבנו לשלום...

גענומען אַ ביסעל בראָנפען און פערביסען, האָט זיך אונזער שניידער צערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, מכח זלאָדייעווקע, מכח קהל, שוהלזאַכען, צעך, שניידעריי, שער און אייזען אונזער פאָלק עמך, בשעת מעשה געמאַכט אַ תל פון זלאָדייעווקער גבאים מיט די נגידים, מיט זייערע „פּאַראַדקעס", געשוואָרען, אַז זיין

נאָמען זאָל נישט הייסען שמעון־אלי, אויב מע קאָן זיי נישט אוועקגעבען אַלע „אויף סימביר"...

— הערט איהר, רב דאָדי? — אַזוי האָט ער אויסגעלאָזט זיין דרשה מיט אַ תורה, ווי זיין שטייגער איז: — ב ו ר כ ר ה ו י פ ר פ ר ה ו — עס וועט אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אריין, די בעלי־טובות אונזערע מיין איך!... זיי ווייסען נאָר צאַפּען בלוט, שינדען דעם אָרעמאַן, אָראָפּנעמען די הויט! פאַר דריי קאָרבען צאָהל איך, הערט איהר, אַ פּערטעלע אַ וואָך! נאָר נאָר נישט, איך בין נישט קיין „קופּץ בהאָץ", ווי זאָגט איהר, לאָזען זיי איבערגעהן אויף אַנדערע הענד! י ב ו א י ו נ ה — עס וועט קומען אויף זיי אַ צייט! נישקשה, זיי האָבען נאָך ביי גאָט קיין קוויטעל נישט ארויסגענומען! מיין ווייב זאָל לעבען, ציפּה־ביילה־רייזה הייסט דאָס, זאָגט מיר אפילו, אַז איך בין אַ שלים־מזל'ניק, אַ לעמעשקע אַ צעקוועטשטע, וואָרום איך זאָל וועלען, האָב איך אויף זיי אַ בייטש... נאָר ווער הערט אַ ווייב? עפּים האָב איך דאָך אויך אַ שטיקעל דעה! ביי אונז אין דער הייליגער תורה שטעהט בפירוש: ו ה ו א י מ ש ו ל ב ך — איהר ווייסט דעם פּשט פון די דאָזיגע ווערטער? ס'איז דאָך צוקער־זיס! הערט זיך איין אַקאָרשט אין איטליכס וואָרט: ו ה ו א — און ער, דער מאַן הייסט דאָס, י מ ש ו ל — זאָל טהון טהאָן געוועלטיגען!... נאָר וואָס דען? ה ח י ל ו ת ל נ פ ו ל נ פ ו ל ת פ ו ל — איהר האָט אָנגעהויבען גיסען, גיסט שוין אָן נאָך אביסעל בראָנפען, ככתוב, ווי אין פּסוק שטעהט: א ס ק א ק ו ר ד ע, ד ב א ר־ ב א נ ט ע . . .

וואָס ווייטער־ווייטער האָט ביי שמעון־אלי'ן די צונג אָנגע־הויבען זיך פּלאָנטען, די אויגען קלעפּען זיך, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנד אויף אַ ווײלע חאַפּען אַ דרימעל, און דאָס קעפּעל האָט זיך איהם אָנגעבויגען אַ ביסעל אויף אַ זייט, די הענד האָט ער צונויפגעלעגט אויפ'ן האַרצען, צוגעהאַלטען דאָס צאַפּען־בערדעל מיט דריי פינגער,

און האָט אויסגעזעהן ווי אַ מענש, וואָס איז פערטיפעפט אין זעהר־זעהר טיפע מחשבות. ער זאָל בשעת מעשה נישט געוועזן צו־פייפען מיט דער נאָז, אונטערחאָרחלען מיט'ן האַלז און בלאָזען דורך די צייהן: טצ־טצ־טצ! — וואָלט קיינער אין דער וועלט נישט געזאָגט אויף איהם, אַז ער שלאָפט. און חאָטש ער האָט געדרימעלט, פון דעסטוועגען האָט דער מח ביי איהם געאַרבייט גאַנץ געשמאַק, און עס האָט זיך איהם גע'חלום'ט, אַז ער איז אין דערהיים ביי זיין וואַרשטיק. אויפ'ן טיש ליגט אויסגעשפרייט פאַר זיינע אויגען אַ מין מלבוש, וואָס ס'איז שווער צו טרעפען, וואָס דאָס איז. ואָל איך זאָגען, ס'איז אַ פאָר תחתונים — וואו איז דער קראָק? קיין סימן פון קראָק! זאָל איך זאָגען, ס'איז אַ לייבעל אַזעלכעס — פון וואַנען האָבען זיך גענומען אַזעלכע לאַנגע אַרבעל? אַלא וואָס דען? מוז איך לערנען דעם פשט, אַז ס'איז לא הא ולא הא, נישט קיין לייבעל און נישט קיין הויזען — וואָס זשע דען איז דאָס? עפּים מוז דאָך עס זיין!... שמעון־אלי קעהרט דאָס איבער אויף דער לינקער זייט — ס'איז גאָר אַ קאַ־פּאָטע, און נאָך וואָסער אַ קאַפּאָטע! אַ שפּאָגעל־נייע, אַ גלאַטע, איין אַטלעסענע, ער האָט נאָך אויף זיין לעבען אַזאַ קאַפּאָטע אונטער דער נאָדעל נישט געהאַלטען! נאָר ס'איז נישט זיין עסק; ער נעמט־אַרוים דאָס מעסערעל פון זשילעט־קעשענע און זוכט אַ נאָט און וויל אָנהויבען טרענען די קאַפּאָטע. אַ גליק, וואָס סע בעוויזט זיך ציפּה־ביילה־רייזה און הויבט איהם אָן שעלטען, בע־גראָבען אין דער ערד אריין.

— דעם בויך, די קישקעס זאָל מען דיר שוין טרענען, דו שלים־מזל איינער, דו גרינע אונערקע, דו שענע פּאַסאַלי מיינע! דאָס איז דאָך דיין קאַפּאָטע די שבת'דיגע, וואָס איך האָב דיר געמאַכט פון מיין געלט, וואָס איך האָב אָנגעקליבען פון דער ציעג!...

און שמעון־אלי דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַ ציעג מיט גאָט'ס הילף, און עס קומט איהם צו אַ שטיק געזונד! ער האָט אויף זיין

לעבען נישט געזעהן אזוי פיעל קרינגלעך מיט מילך! אזוי פיעל וואַרעטשקעס מיט קעז! און פוטער, פוטער גאַנצע מאַקרעטעס! היינט מאַסלינקעס, פּידסמעטענע, זויערמילך מיט גאַנצע שטיקער „קריהע“, און פוטערגעבעקס עפּיס אָהן א שיעור, פלעצלעך אזעלכע מילכיגע, געבאַקען אויף פוטער און פון אויבען בעשאָטען מיט זאַמד־צוקער און מיט צימערינג. און דער ריח, דער ריח! עפּיס א מאָדנער ריח, א בעקאַנטער ריח, פע!... ער פיהלט, ווי עפּיס קריכט איהם אויפ׳ן האַלז צווישען קאָלנער, און אונטער׳ן אויהער, און אויפ׳ן פנים, און עפּיס קיצעלט איהם און שטינקט איהם גלייך אין נאָז אריין... ער טאַפּט מיט די פינגער און טאַפּט אָן א וואַנץ... ער עפענט אויף איין אויג, דאָס אַנדערע אויג, ער חאַפּט א קוק אין פענסטער — אוי־וועה, א צרה, א שלאַק, עס שאַריעט אויף טאָג!...

— וואָס טיבע יוצר המאורות! גוט געחאַפּט א דרימעל! — מאַכט שמעון־אלי צו זיך אליין און טהוט א רייב מיט די פּלייצעס. ער וועקט־אויף דעם רענדאר, פליהט־ארויס אין הויף אריין, עפענט די שטאַהל, נעמט די ציגע אויפ׳ן גאַרטעל און לאָזט זיך געהן אהיים געשווינד, פייל אויס׳ן בויגען, ווי א מענש וואָס האָט מורא, ער זאָל חלילה נישט פערשפּעטיגען מי יודע וואָס!....

קאַפּיטעל ו.

והאשה — און דאָס ווייב ציפּה־ביילה־רייזה, אז זי האָט געזעהן, אז דער מאַן זוימט זיך אזוי לאַנג, האָט זי נאָר נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס דאָס איז. זי האָט אָנגעהויבען איבער־צוטראַכטען, אפשר האָט זיך חלילה געטראָפען איין אומגליק, גזלנים זענען אָנגעפאַלען אויף איהר מאַן אין וועג, צוגענומען ביי איהם די עטליכע קערבלעך, איהם געקוילעט און פערוואָרפען ערגיץ אין א גרוב, און זי איז געבליבען, חס ושלום, איין איבינע עגונה

מיט, קיין עין־הרע, אזוי פיעל קינדער, חאטש נעם ווארף זיך אריין, שונאי־ציון, מיט זיי אין טייך אריין!... אזעלכע, און כדומה אזעלכע, מחשבות האט נעבאך ציפה־ביילה־רייזה יענע נאכט איבערגעטראכט, און האט אפילו נישט צוגעמאכט מיט קיין אויג; און אז עס האט אויסגעקרעהט דער ערשטער האהן אויף טאג, האט זי געחאפט אויף זיך דאס קליידעל און איז ארויס אין דרויסען און האט זיך געזעצט אויף דער שוועל ארויסקוקען אויף איהר מאן, טאמער וועט גאט רחמנות האבען, ער וועט קומען... „א שלים־מזל געהט אוועק!" — האט זי זיך געקלערט און זי האט זיך צוגעגרייט איהם אפשפיעלען א פריהמארגען, ווי ער איז ווערטה געווען. נאר אז זי האט דערזעהען ביי איהם הינטען צוגעבונדען ביי'ם גארטעל א ציעג, איז איהר באלד אפגעגאנגען דאס הארץ, און זי האט זיך אנגערופען צו איהם מיט גוטען:

— וואס אזוי לאנג, דו קאנאריקעל מיינס, מאדרעלביינעלע? איך האב דאך געמיינט, ביזט שוין חלילה אין דער ערד אריין, שענער תכשיט מיינער, אדער אזוי עפים איין אומגליק געטראפען, חס ושלום.

און שמעון־אלי האט זיך צעגארטעלט, אוועקגעשטעלט די ציעג אין הויז, און האט אנגעהויבען שיטען מיט ווערטער, ווי פון א זאק; ער האט איהר פערדערט די צייהן.

— הערסט דו, מיין ווייב, האב איך דיר געקויפט א ציעג — פון ציעגענלאנד; דאס איז א ציעג אשר לא ציענוה אבותינו! ווי לאנג שמייסט מען זיי, די היגע בעל־הבית'טעס, ווי לאנג זיי האבען נאך אזא ציעג נישט געזעהען אין חלום אפילו! אז עסען עסט זי מכות, סך־הכל איין מאל אין טאג א „פילע" פון קלייען, און דאס איבריגע — א ביסעל שטרוי פונ'ם דאך פון בית־המדרש; און מילך גיט זי, קיין עין־הרע, ווי א קוה, מעלקט זיך צוויי מאל אין טאג — איך האב אליין געזעהען א פול מעלק־שעפעל, איך זאל אזוי זעהען ביי דיר אלדאס גוטס! ס'איז דען א ציעג? ס'איז א מאמע, נישט קיין ציעג! אזוי זאגט זי, טעמע־גיטעל הייסט

דאָס. א מציאה פון א גנב, כּלעבען, קוים־קוים, אויסגעדרונגען פאַר זיעבעצנטהאַלבען קאַרבען! וויפיעל, מיינסט דו, האָב איך זיך גע־דונגען, איידער איך האָב זי אויסגעדונגען? אז סך־הכל האָט זי גאָר נישט געוואָלט פּאַרקויפען קיין ציעג, קוים איינגערעדט! א גאַנצע נאַכט געהאַקט האַלז...

און ציפּה־ביילה־רייזה האָט זיך געטראַכט בשעת מעשה: „נחמה־ברכה — א מכה איהר א גרויסע! זי מיינט, אז נאָר זי איז א בעל־חבית׳טע, נאָר זי האָט א ציעג, און ווייטער קיינער נישט! איך האָב מורא, אז עס וועט איהר ארויס די אויגען, אז זי וועט דערזעהען, אז ציפּה־ביילה־רייזה שמעון־אלי׳ס ווייב האָט אויך א ציעג... און בלומע־זלאַטע? און חיה־מייטע? כלומרשט גאָר גוטע שוועסטער! עס זאָל זיי אָנגעהן חאָטש האַלב, וואָס זיי ווינשען מיר, רבונו של עולם!"... אזוי האָט זי זיך געטראַכט און האָט איינגעהייצט אין אויווען, גענומען דערוויילע צוגרייטען רע־טשעני לאַקשען אויף אָנבייסען, און שמעון־אלי האָט אָנגעטהאָן טלית ותפילין און האָט זיך אוועקגעשטעלט דאַווענען, און געשמאַק, מיט הארץ — ער האָט שוין לאַנג נישט געדאַווענט אזוי ווי אַצינד! ער האָט געזונגען די הללויהם, געמאַכט חזנ׳ישע שטיק, צוגעקנאַקט מיט׳ן פינגער און האָט אויפגעוועקט מיט׳ן זינגען אַלע קינדער. די קינדער זענען געוואָהר געוואָרען פון דער מאַמען, אז דער טאַטע האָט געבראַכט א ציעג, און מע קאָכט לאַקשען מיט מילך, איז געוואָרען ששון ושמחה, און מען איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די בעטלעך אין איינע העמדלעך און מע האָט זיך גענומען פאַר די הענטלעך, און מע האָט געהאַפּט א טענצעל, בשעת מעשה צוגע־זונגען א ליעדעל, וואָס איז ביי זיי נאָר־וואָס בעשאַפען געוואָרען:

א ציעג, א ציעג, א ציעגעלע!
דער טאַטע האָט געבראַכט א ציעגעלע!
דאָס ציעגעלע וועט געבען מי־לעך!
די מאַמע וועט קאָכען לאַק־שען!...

געקוקט אויף די קינדער, ווי זיי זינגען און טאנצען, איז שמעון־אלי געוואָרען ברייטער ווי לענגער. ער האָט זיך געטראַכט: „קינדער נעבאַך, זשעדנע אַ ביסעל מילך... נישקשה, איהר וועט שוין היינט, אם ירצה השם, זיין זאַט... אַלע טאָג אַ גלעזעל מילך, און קאַשע מיט מילך, און צו דער טיי מילך — אַ ציעג איז טאַקי אַ געזונד אין די ביינער!... וואָס איז מיר אַצינדערט פּישעל בעל־טאַקסע? איך הער איהם, ווי דעם קאַטער! ער וויל נישט געבען קיין פלייש, נאָר ביינער? לאָז ער זיך וואַרגען מיט די ביינער! וואָס דאַרף איך זיין פלייש, אַז איך האָב, קיין עין־הרע, מילך?... אי, שבת? — אויף שבת קויפט מען פיש. וואו שטעהט דאָס, אַז אַ איד מוז עסען פלייש? איך האָב אין ערגיץ נישט געזעהען אַזאַ דין!... אַלע אידען זאָלען מיך וועלען פאָלגען, וואָלטען זיי אַלע געקויפט ציעגען; דעמאָלט וואָלט אונזער בעל־טאַקסע שען אויסגעזעהען מיט'ן בייכעל! עס וואָלט שוין דעמאָלט אַ רוח אין זיין טאַטענ'ס טאַטען אריין!"...

אזוי האָט זיך געטראַכט „שמעון־אלי שמע־קולנו" און האָט צונויפגעלעגט די תפילין, און האָט זיך געוואַשען, געמאַכט המוציא און צוגעגרייט זיך צו דער מילכיגער סעודה. עפּענט זיך די טהיר און עס קומט אריין ציפּה־ביילה־רייזה מיט אַ לעדיג טעפּעל, רויט ווי פייער, אין כעס מיט סכנת־נפשות, און אַ רעגען פון קללות און חרמות האָט זיך אָנגעהויבען שיטען אויף שמעון־אלי'ס קאָפּ! נישט קיין קללות זענען דאָס געווען — שטיינער זענען געפאַלען פונ'ם הימעל, פּעך און שוועבעל האָט זיך געגאָסען פון ציפּה־ביילה־רייזה'ס מויל:

— דעם טאַטען דיינעם דעם שכור זאָל עס אַרויסוואַרפען, דיך אַריינוואַרפען! אַ שטיין, אַ ביין זאָל פון דיר ווערען! כף־הקלע זאָלסט דו געהן! געשאָסען זאָלסט דו ווערען פון אַ ביקס! הענגען און טרינקען, ברענען און בראָטען, שניידען און בראָקען! געה זעה, דו גזלן, דו רוצח, דו משומד איינער, וואָס פאַר אַ ציעג דו האָסט מיר געבראַכט! אַ וויכטער, אַ פינסטערער חלום אויף

דיין קאפ און אויף דיינע הענט און פיס, רבונו של עולם, זיסער פאטער, הארציגער־געטרייער!...

דאס איבעריגע האט שוין שמעון־אלי נישט געהערט. ער האט אנגערוקט דאס היטעל און איז ארויס פון הויז אנקוקען דאס אומגליק, וואס איהם האט געטראפען.

ארויסגעגאנגען אין דרויסען צו דער ציעג און דערזעהען דעם שענעם תכשיט, ווי ער שטעהט צוגעבונדען צום פלעקעל פון דער טהיר און מעלה־גרה׳ט זיך קאלטבלוטיג, איז ער געבליבען שטעהן אין דער הינהערפלעט, נישט געוואוסט, וואס טהוט מען? וואוהין געהט מען? געשטאנען, געטראכט, געטראכט, און א זאג געטהאן צו זיך אליין: „תמות נפשי עם פלשתים — עס וועט א רוח אין זייער טאטענ׳ס טאטען אריין, דעם מלמד מיט דער מלמד׳קע! זיי האבען געפונען, מיט וועמען צו טרייבען קאטא־וועס! איך וועל זיי געבען א קאטאוועס, וועט זיי זיין וויסט און פינסטער! דאכט זיך, גאר א נעבאכעל אט דער מלמד, מישט זיך כלומרשט נישט אין געשעפט, און צום סוף אזא מעשה! נישט אומזיסט האבען די תלמידים געחיחיקעט בשעת דער רבי האט מיך ארויסגע׳משלח׳ט מיט דער ציעג און די רבי׳צין האט מיר צוגע־ווינשעוועט, זי זאל זיך ביי מיר מעלקען און מעלקען... איך וועל זיי געבען א מעלקען! איך וועל ביי זיי ארויסמעלקען דאס דם־התמצית פון די קאזאדאיעווקער כלי־קודש, טונעיאדצעס, קאטא־וועסטרייבער!...

אזוי האט זיך געטראכט „שמעון־אלי שמע־קולנו“ און האט זיך געלאזט געהן צוריק קיין קאזאדאיעווקע מיט דער דעה, ער זאל זיי אפשפיעלען א וויוואט, ווי זיי זענען ווערטה!

געגאנגען פערביי דער דעמבענער קרעטשמע און דערזעהען דעם רענדאר אויף דער טהיר מיט׳ן לולקעציבעקעל אין די צייהן, האט זיך אונזער שניידער צעלאכט נאך פון דערווייטען.

— וואס איז פאר א שמחה אויף דיר, — פרעגט איהם דאדי — וואס דו לאכסט אזוי?

— טהוט א קוק, זייט מוחל, אפשר וועט איהר אויך לאַ־כען? — זאָגט צו איהם דער שניידער און הויבט אָן לאַכען נאָך שטאַרקער, גלייך ווי צעהן שדים וואָלטען איהם געקיצעלט. — נו, ווי געפעלט אייך, אשטייגער, רב דאַדי, אזא שלאַק? כל האדם כוזב — וואו ערגיץ א צרה דאַרף עס טרעפען מיך! איהר פאַרשטעהט א מעשה? איך האָב דאָס געהאַט א פּסק פון מיין ווייב זאָל לעבען, ציפּה־ביילה־רייזה הייסט דאָס; זי האָט מיר געגעבען ברכב ובסוסים — אויף שיסעל און אויף טע־לער, און דוקא אויפ׳ן ניכטערען הארצען, עס זאָל נאָר פאַלען אויפ׳ן מלמד מיט דער מלמדקע! מאָהלט אייך, איך וועל זיי נישט שווייגען, עס וועט זיין עין תחת עין — א פּאַטש פאַר א פּאַטש! איך האָב פיינט, אז מע טרייבט מיט מיר אזעלכע קאַ־טאָוועסלעך. אנו, גיט נאָר לעת־עתה, רב דאַדי, פאַר הארצ־ וועהטיג א גלעזעל שפּירעט, דורכשווייקען דעם האלז, איך זאָל האָטש כח האָבען צו רעדען און די נשמה זאָל נישט קליאַקנען... לחיים, רב דאַדי, לאָמיר זיין אידען, דאָס איז דער עיקר, ככתוב, ווי עס שטעהט געשריבען: היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט! זייט זיכער, איך וועל זיי שוין אָפּשפּיעלען א פּריה־ מאַרגען. איך וועל זיי באווייזען, ווי אזוי מע טרייבט קאַטאָוועס מיט צעך, שער און אייזען אונזער פאָלק עמך!

— ווער האָט דיר געזאָגט, אז ס׳איז א קאַטאָוועס? — מאַכט דער רענדאַר גאַנץ תמ׳עוואַטע און פּיפּקעט מיט׳ן לולקעלע. — אפשר איז ביי אייך דאָרט אַרויס א טעות אין די רעד?

שמעון־אלי איז אזש אונטערגעשפּרונגען פאַר כעס.

— משל כחרס הנשבר! וואָס רעדט איהר? איהר ווייסט, וואָס איהר רעדט? איך קום צו זיי לכתחילה קויפען א ציעג, און רעד מיט זיי ברחל בתך הנאקעטע: א ציעג! זאָגט איהר גאָר דאָס!...

דאָדי פּיפּקעס מיט'ן לולקעלע, קנייטשט מיט די פּלייצעס און צעפּיהרט מיט די הענד, ווי איינער רעדט: „וואָס בין איך שול־דיג? איך בין דאָך אודאי גאָט די נשמה שולדיג!"...

און שמעון־אלי חאַפּט די ציעג און לאָזט זיך געהן קיין קאָזאַ־דאַיעווקע, וחמתו בערה בו — און עס ברענט אין איהם אַ פייער.

קאַפּיטעל ז.

והמלמד — און דער מלמד האָט זיך געטהאָן זיין מלאכה, דאָס הייסט, ער איז געזעסען און געקנעלט מיט זיינע תלמידים, געלעהרענט אַלץ יענעם ענין פון „נזיקין", און זייער געשריי האָט זיך געלאָזט הערען איבער'ן גאַנצען שוהלהויף: כשככשה בזנבה — זי האָט אַ זעץ געטהאָן מיט'ן ווידעל, די בהמה, ושברה את הכד — און זי האָט צעבראָכען דאָס קריגעל"...

— על ישראל ועל רבנן ועל תלמידיהון — אַ גוטער מאָרגען זאָל אייך זיין, רבי, מיט אייערע תלמידים! — זאָגט שמעון־אלי. — איהר מעגט מפסיק זיין אויף אַ מינוט, נישקשה, די בהמה וועט נישט אַנטלויפען און דאָס צעבראָכענע קריגעל וועט שוין במילא גאַנץ נישט ווערען. וואָס טויג מיר גרוים — איהר האָט מיר אָפּגעטהאָן אַ רעכט שפּיצעל, טאַקי אויף קאָטאָוועס, נאָר וואָס דען? אהבתי כי ישמע לי — איך האָב פיינט אַזעלכע קאָטאָוועסלעך! איהר האָט דאָך געהערט מסתמא די מעשה פון יענע צוויי אידען, וואָס זענען געוועזען ערב שבת אין מרחץ אויף דער אויבערשטער באַנק? רופט זיך אָן איינער צום אַנדערען: „נאַ דיר מיין בעזעמעל און שמייס מיך אָפּ". איז זיך מיישב יענער און מיילט איהם איין, ווי עס געהער צו זיין, צעקאַראַשעט דאָס לייב ביז'ן בלוט אריין. זאָגט צו איהם דער געשמיסענער: „די מעשה דערפון איז אַזוי. אויב דו האָסט זיך געוואָלט מיט

מיר אפּרעכענען דאָ, אויף דער אויבערשטער באַנק, בשעת איך ליג אַ נאַקעטער און דו האָסט אַ בעזעמעל אין האַנט, — מהכתיתי, ביזט דו גערעכט; נאָר טאָמער מיינסטו דו דאָס אויף קאַטאָוועס, זאָג איך דיר, אַז איך האַלט נישט פון אַזעלכע קאַטאָוועסלעך!"...

— אַקעגען וואָס איז דער משל? — פרעגט איהם דער מלמד, טהוט־אויס די ברילען און קראַצט זיך מיט זיי אין אויהער.

— דער משל — מאַכט שמעון־אלי — איז טאַקי אַקעגען אייך אַליין מיט דער שענער ציעג, וואָס איהר האָט מיר אַריינגערוקט בשגגה, דאָס הייסט אויף אַ געלעכטער. פון אַזאַ געלעכטער, הערט איהר, קאָן אייך אַרויסוואַכסען אַ געלעכטער אויפ'ן פּופּיק! מיינט נישט, אַז איהר האָט צו טהון מיט גלאַט עפּיס אַ פּאַלגע; איך בין שמעון־אלי חיים מק"ק זלאַדייעוואַקע, חברה־מאַן אין צעך און גבאי אין שניידערשען שוהלכען, שער און אייזען אונזער פּאַלק עמך!

ביי די לעצטע ווערטער איז שמעון־אלי אַזש אונטערגעשפּרונגען, און דער מלמד האָט אָנגעטהאָן צוריק די ברילען און האָט בעטראַכט דעם שניידער, ווי אַ מענשען, וואָס רעדט פון היץ, און דער גאַנצער חדר האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער.

למה הרעות לעם הזה — וואָס קוקט איהר מיך אָן, ווי אַ בייזער מאַרשעלעק? — רופט זיך אָן דער שניידער שוין מיט כעס. — איך קום צו אייך צו געהן און קויף ביי אייך אַ ציעג, נעהמט איהר און רוקט מיר אַריין דער רוח ווייסט וואָס!

— סע געפעלט אייך נישט די ציעג? — פרעגט איהם דער מלמד בתמימות.

— די ציעג, זאָגט איהר? ס'איז אַזוי אַ ציעג, ווי איהר זענט גובערנאַטאָר!

דער גאַנצער חדר שיסט־אויס אַ געלעכטער, און עס קומט אָן טעמע־גיטעל די שטילשווייגענדיגע, און דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה: שמעון־אלי רעדט און טעמע־גיטעל רעדט איהם איבער; דער רבי זיצט און קוקט, די תלמידים לאַכען;

זיי רעדעןביידע אזוי לאנג, ביז טעמע־גיטעל ווערד אין כעס, האפט דעם שניידער פאר׳ן האנד און שלעפט איהם.

— קומט, קומט צום רב! לאזען חאטש אידען זעהן, ווי א זלאדייעווקער שניידער טשעפעט זיך! טראכט אוים א בלבול!

— קומט! — זאגט שמעון־אלי. — אדרבה, לאזען מענטשען זעהען, ווי עהרליכע אידען, כלי־קודש כלומרשט, דערטאפען א פרעמדען מענטשען און מאכען פון איהם א האנטשירקע, ווי מיר זאגען אין לאנג־והוא־רחום: ל ל ע ג ו ל ק ל ע מ ע נ י ש... קומט טאקי איהר אויך, רבי־לעבען! — מאכט ער צום מלמד. און רב חיים־חנה טהוט אן דעם פליסעענעם קאשקעט אויף דער יאר־מעלקע און עם בלייבט, אז זיי געהען צום רב אלע פיער, דאס הייסט: דער שניידער, די מלמד׳קע, דער מלמד און די ציעג.

אז די קאמפאניע איז געקומען צום רב, האבען זיי געטראפען דעם רב אין א ציצען חאלאטעל ווישען די הענד און זאגען „אשר יצר" פאוואלינקע, מיט כונה, נישט געחאפט, געקוועטשט איט־ליכם ווארט בעזונדער: נקבים, נק־בים! חלולים, חלו־לים!... און אז ער האט זיך אפגעפארטיגט מיט אלסדינג ארום און ארום, האט ער צונויפגענומען דאס האלאטעל און האט זיך בעזעצט אויף זיין שטוהל, וואס איז געווען אהן א געזעסעל, נאר פיסלעך מיט פערענטשעם אלטע, גלאנצענדיגע און שאקלענדיגע, ווי אלטע צייהן ביי איין אלטען מענשען, וואס וואלטען שוין לאנג בעדארפט ארויספאלען, נאר זיי האלטען זיך אויף נסים.

אויסגעהערט ביידע צדדים, וואס האבען נישט געלאזט רעדען איינער דעם אנדערען, האט דער רב געשיקט רופען דעם דיין מיט׳ן שוחט, מיט די איבעריגע פארנעמסטע לייט פון שטאדט, די „שבעה טובי העיר", און האט זיך אנגערופען צום שניידער בזה הלשון:

— דערצעהל, זיי מוחל, נאך א מאל די מעשה פון אנהויב ביז׳ן סוף, און נאכדעם וועט זי דערצעהלען.

און שמעון־אלי דער שניידער האָט זיך נישט געפוילט איבער־חזר'ען נאָך א מאָל און נאָך א מאָל די אייגענע מעשה פונ'ם אָנהויב אָן, אז ער הייסט שמעון־אלי חייט מק"ס זלאָדרייעווקע, חברה־מאַן אין צעך און גבאי אין שוהלכען, חאָטש ער טענה'עט מיט זיי: קטנתי מכל הצרות — איך דאַרף עס אויף כפרות, לא מעוקצך ולא מדוקצך — איך בין אייך מוחל די פּעטש און וויל נישט קיין כבוד! זאָגען זיי: שמלך לך קצין תהיה לנו — פּעטש זאָלסט דו האָפּען און גבאי זאָלסט דו זיין... הקיצור, ער האָט זיך אוועקגעלאָזט אהער קיין קאָזאָדאָיעווקע נאָך א ציעג; דאָס הייסט, ער וואָלט קיין ציעג נישט געקויפט — ער בעדאַרף זי אויף נייען און נייענציג כפרות; נאָר אזוי ווי ער האָט א ווייב זאָל לעבען, ציפּה־ביילה־רייזה הייסט דאָס, האָט זי איהם נישט געלאָזט אָפּהעמען: הכצעקתה — זי וויל א ציעג... און א ווייב, זאָגט איהר, בעדאַרף מען פאָלגען, איז ער געקומען צו רב חיים־חנה דעם גמרא־מלמד און דינגט ביי איהם א ציעג און רעדט אויס „ברחל בתך הנאקעטע": א ציעג. צום סוף לאָזט זיך אויס, אז מע האָט ביי איהם צוגענומען די עטליכע קערבלעך און מע האָט איהם אריינגערוקט דער רוח ווייסט וואָס, אויף קאַטאָוועס הייסט דאָס, און ער, שמעון־אלי, האָט פיינט אזעלכע קאַטאָוועס־לעך!... איהר האָט דאָך געהערט מסתמא די מעשה מיט יענע צוויי אידען, וואָס זיינען פריימאָג אין באָד...?

און שמעון־אלי דער שניידער חזר'ט־איבער דעם משל פון דער באָד נאָך א מאָל, און דער רב מיט די דיינים מיט די שבעה טובי העיר לאַכען.

— האָבען מיר א יסגעהערט איין צד. — רופט זיך אָן דער רב. — אצינד לאָמיר האָרכען דעם אנדערען צד.

שטעהט־אויף רב חיים־חנה דער קלוגער, רוקט־אָן דאָס היטעל אויף דער יאַרמעלקע און הויבט־אָן בזה הלשון:

— שמעו־נא, רבותי! די מעשה איז אזוי געוועזן די מעשה: איך בין געזעסען און געלעהרענט מיט די תלמידים בין איך גע־

זעסען, סדר נזיקין האָב איך געלעהרענט, בבא־קמא — יאָ, בבא־קמא... קומט־אריין אַט דער איד פון זלאַדייעווקע אַט דער, און זאָגט, אַז ער איז אַ זלאַדייעווקער, פון זלאַדייעווקע זאָגט ער, און נים אַפּ שלום גים ער מיר אָפּ, און דערצעהלט מיר אַ גאַנצע מעשה דערצעהלט ער מיר, אַז ער איז אַליין אַ זלאַדייעווקער, פון זלאַדייעווקע, הייסט דאָס, איז ער, און האָט אַ ווייב האָט ער, הייסט זי ציפּה־ביילה־רייזה הייסט זי — יאָ, ציפּה־ביילה־רייזה הייסט זי... אַזוי, דאַכט זיך?

דער מלמד בויגט זיך אָן צום שניידער, און דער שניידער, וואָס האַלט זיך די גאַנצע צייט ביי'ם בערדעל, שטעהט מיט צו־געמאַכטע אויגען, דאָס קעפּעל אַביסעל אויף אַ זייט, און שאָקעלט זיך און זאָגט אויף זיין לשון:

— א מ ת ו י צ י ב ו נ כ ו ן! זי הייסט אַלע דריי נעמען: ציפּע און ביילה און רייזה. אַזוי האָט מען איהר אַ נאָמען גע־געבען, און אַזוי רופט מען זי פון זינט איך קען זיך מיט איהר שוין פאַוואַלינקע אַ יאָהר דרייסיג. נאָר לאָמיר האָרכען, וואָס וועט איהר ווייטער זאָגען, ידידי? איהר פאַררעדט נאָר נישט די צייהן! איהר רעדט בעסער עסק, ע ל ה ר א ש ו נ י ם ו ע ל ה א ח ר ו נ י ם — וואָס איך האָב גערעדט און וואָס איהר האָט גערעדט, ווי שלמה המלך זאָגט: „א י ן ח ד ש ת ח ת ה ש מ ש" — קיין חכמות געהט נישט אָן...

— איך וויים גאָר נישט איך! — מאַכט דער מלמד דער־שראָקען און בעווייזט אויף דער מלמד'קע. — זי האָט מיט איהם גערעדט זי, זי האָט מיט איהם געהאַנדעלט זי. איך וויים גאָר נישט איך!

— אַצינד — זאָגט דער רב — לאָמיר האָרכען, וואָס וועט זי עפּיס זאָגען?

און דער רב בעווייזט מיט'ן פינגער אויף דער מלמד'קע, און טעמעד־ניטעל די שטילשווייגענדיגע ווישט זיך אָפּ די ליפּען, שפּאַרט זיך אונטער מיט איין האַנד, און מיט דער אַנדערער האַנד הויבט

זי אָן צו טענה'ן ניך, אָהן איין אָפּשטעל, און דאָס פּנים בשעת מעשה פלאַמט איהר ווי א פייער.

— הערט זשע אויס, אידישע קינדער, די מעשה דערפון איז אַזוי: אַט דער איד, דער זלאַדייעװוקער שניידער הייסט דאָס, זאָל מיר מוחל זיין, איז... איז אָדער א משוגענער, אָדער א שכור, אָדער איך ווייס אליין נישט וואָס! איהר האָט געהערט א מעשה? א איד קומט צו מיר צו געהן אַזש פון זלאַדייעװוקע אַט דער דאָזינער, און טשעפּעט זיך צו ווי א קלעק, איין מאָל פאַר אלע מאָל, איך זאָל איהם פאַרקויפען א ציעג, איך האָב געהאַט צוויי, און דערצעהלט מיר דערביי א פּזמון, אַז ער וואָלט קיין ציעג נישט געקויפט, ער באַדאַרף זי אויף כ״כ־כּפּרות, נאָר אַזוי ווי ער האָט א ווייב, ציפּה־ביילה־רייזה הייסט זי, האָט זי זיך איינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אלע מאָל — א ציעג! און א ווייב, זאָגט ער, באַדאַרף מען פאָלגען, איהר פאַרשטעהט א משל? טענה איך: וואָס געהט דאָס מיך אָן? איהר ווילט ביי מיר אָװעקקויפען א ציעג, פאַרקויף איך אייך, דאָס הייסט, איך וואָלט קיין ציעג נאָר נישט פאַרקויפט פאַר קיין געלט, וואָרום וואָס איז געלט? געלט איז קיילעכיג, געלט געהט אַוועק און א ציעג בלייבט א ציעג, ובפרט נאָך אַזאַ ציעג — ס'איז דען א ציעג? ס'איז א מאַמע, נישט קיין ציעג! קיין עין־הרע, איהר גרינג מעלקען זיך, איהר מילך נעבען, היינט איהר עסען משטיינס געזאָגט, זי עסט דען עפּיס? איין מאָל אין טאָג א „פּילע" פון קלייען, דאָס איבעריגע א ביסעל שטרוי פונ'ם דאַך פון בית־המדרש. נאָר צוריק שמועסענדיג, האָב איך מיך מיישב געווען אַזוי: איך האָב דאָך, קיין עין־הרע, צוויי ציעגען, און געלט איז א יצר־הרע... בקיצור, דאָ האָט זיך שוין אַריינגעמישט מיין מאַן, זאָל לעבען, און מיר זענען דורכגעקומען מיט'ן שניידער פאַר'ן מקח — מיינט איהר, וויפיעל? נישט מעהר זאָלען מיינע שונאים פאַרמאָגען, רבונו של עולם! און איך האָב איהם אָפּגעגעבען די ציעג, אויף אלע מיינע ליעבע געזאָגט געוואָרען אַזאַ ציעג. ס'איז דען א ציעג? א מאַמע,

נישט קיין ציעג! קומט ער צו נעהן, דער שניידער, מיט א בלבול, ס'איז נישט קיין ציעג, זאגט ער! שא, ווייסט איהר וואס? אט שטעהט זי. נימ, זייט מוחל, אהער א מעלקשעפעל, וועל איך זי אויסמעלקען פאר אייך אין די אויגען!

און זי האט אנטליהען ביי דער רבי'צין דאס מעלקשעפעל און האט אויסגעמאלקען די ציעג פאר אלעמען אין די אויגען, צוגעטראגען דאס שעפעל מיט מילך איטליכען בעזונדער, פריהער, געוויינטליך, דעם רב, נאכדעם די דיינים, און נאכדעם די שבעה טובי העיר, און דעם איבעריגען עולם, און ס'איז געווארען ביי'ם רב אין שטוב א ליארעם, א געפילדער — הימעל עפען זיך! דער האט געזאגט: מע בעדארף קנס'ענען דעם זלאדייעווקער שניידער, ער זאל שטעלען משקה! דער האט געזאגט: קנס'ענען אליין איז נאך ווינציג — מע בעדארף ביי איהם צונעמען די ציעג! און דער האט געזאגט: ניין, די ציעג איז א ציעג, לאז ער זיך עלטערען מיט איהר אין עושר און אין כבוד; מע בעדארף איהם מכבד זיין מיט גוטע עטליכע פאנטאפעל און ארויסווארפען מיט דער ציעג אינאיינעם צו אלדי שווארצע יאהר!

דערזעהען אזא מעשה, האט זיך שמעון־אלי פאוואלינסקע ארויסגערוקט פונ'ם רב'ס שטוב און האט געמאכט פליטה.

קאפיטעל ח.

וישא החיים את רגליו — און דער שניידער האט גענומען די פיס אויף די פלייצעס און איז אוועק מיט דער ציעג אהיים גיך און געשווינד, ווי א מענש, וואס לויפט פון א שרפה. ער האט זיך ארומגעקוקט, צי מע יאגט איהם חלילה נישט נאך, און האט געדאנקט גאט, וואס ער איז ארויס „חנם אין כסף — טרוקען אהן פעטש“...

דורכגעגאַנגען פערביי דער דעמבענער קרעטשמע, האָט זיך שמעון־אלי געקלערט: „מכות וועסט דו ביי מיר וויסען דעם אמת!" און ער האָט פערלייקענט פאַר דאַדי׳ן די גאַנצע מעשה.

— נו, וואָס הערט זיך? — פרעגט איהם דאָדי כלומרשט נייגיעריג.

— וואָס זאָל זיך הערען? — זאָגט שמעון־אלי. — פאַר מיר האָט מען דרך־ארץ! מיט מיר טרייבט מען נישט קיין קאַטאָוועס, כי אדם אני ולא פארך — איך בין דאָך עפּיס נישט קיין יונגעלע! איך האָב דאָס אַ ביסעל געעפענט אויף זיי אַ פּה־קדוש, זיך פאַרהערט אַ ביסעל מיט׳ן מלמד אין תורה, לאָזט זיך אויס, אַז איך וויים בעסער פון איהם, וואָס אין די קליינע אותיות טהוט זיך... בקיצור הדבר, זיי האָבען מיך איבערגעבעטען און געגעבען מיר די ציעג, וואָס איך האָב געקויפט. אָט איז זי. נאָט אייך זי אויף אַ מינוט, ככתוב, ווי אין פסוק שטעהט: הנפש קח לך והרכוש תן לי — נעמט אייך דעם נפש און מיר ניט אַ ביסעל בראָנפען.

„געגוג ער איז אַ גדלן, איז ער נאָך אַ ליגנער אויך!" — טראַכט זיך דאָדי דער רענדאַר. — „מע בעדאַרף מיט איהם מאַכען נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע שפּיעל און הערען, וואָס וועט ער זאָגען ווייטער?"

און צום שניידער האָט ער געזאָגט:

— איך האָב פון דיינעטוועגען, שמעון־אלי, אַ גלעזעל אַלטען „ווישניק", אויב דו האָסט חשק.

— פונ׳ם יין המשומר? — מאַכט שמעון־אלי און בעלעקט זיך אָזש. — מהכתיתי, ווייזט אהער, ועלען מיר אייך זאָגען אַ מבינות; איך וויים, אַז ביי אייך דאַרף זיין אַ גוט גלעזעל ווישניק, נאָר לאו כל אדם כוזב — נישט איטליכער איז דערויף אַ מבין.

אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזעל, האָט זיך ביי אונזער שניידער אויפגעבונדען די צונג און ער רופט זיך אָן צום רענדאַר:

— זאָגט נאָר, מיין ליעבער קרוב, איהר זענט דאָך עפּיס א איד, וואָס קאָטאָרי איהר זענט נישט קיין נאָר, כלעבען, און איהר קערהט זיך אָן מיט אַלערליי מענטשען; זאָגט מיר נאָר, איהר גלויבט אין כשוף? פאַרבלענדעניש?

— דהיינו? — פרעגט איהם דאָדי תמ'עוואַטע.

— דהיינו — זאָגט שמעון־אלי — א דבוק, א לץ, א נישט־גוטער, א גלגול?...

— אַקעגען וואָס זאָגסט דו דאָס? — מאַכט דאָדי מיט א תמ'עוואַטען פּנים און פּיפּקעט מיט'ן לולקעלע.

— איך שמועס עס גלאָט אזוי אַקעגען דריגען. — זאָגט „שמעון־אלי שמע־קולנו“ און הערט נישט אויף צו רעדען פון גלגולים, פון מכשפים, פון מכשפות, שדים און רוחות, לצים, שרע־טעלעך, וואָוקעלאַקעס. דאָדי הערט־צו כלומרשט מיט קאָפּ, פּיפּ־קעט מיט'ן לולקעלע; נאָכדעם שפּייט ער אוים און רופט זיך אָן צום שניידער:

— דו ווייסט, שמעון־אלי, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען? איך וועל היינטיגע נאַכט, דאַכט מיר, מורא האָבען שלאָפען. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, פאַר מתים האָב איך תמיד מורא גע־האַט, נאָר פון היינט אָן הויב איך שוין אָן גלויבען אין גלגולים און אין לצים אויך...

— א ברירה האָט איהר? — מאַכט צו איהם דער שניי־דער. — פּרובט נישט גלויבען! אנו, לאָז זיך נאָר אריינכאַפּען צו אייך עפּיס א רעכטער לץ און אָנהויבען פּראַווען זיינע רעכטע שטיק: איבערקעהרען אייך די דייזשע באָרשטש, אויסגיסען דאָס וואַסער, אויסטרינקען אַלע קריגלעך, איבערברעכען אייך אַלע טעפּ־לעך, פאַרקניפּען די ציצית פון'ם טלית־קטן, אריינוואַרפען אייך א קאַץ אין בעט אריין, און די קאַץ זאָל ליגען ביי אייך אויפ'ן האַרצען, ווי צעהן פוד משא, און איהר זאָלט זיך נישט קאָנען ריהרען, און אז איהר וועט אויפשטעהן, זאָל אייך די קאַץ קוקען גלייך אין די אויגען אריין, ווי א זינדיגער מענטש...

— נענוג! נענוג! — מאכט דער רענדאר, שפייט־אויס און פערוואַרפט מיט די הענד. — נענוג דיר שוין צו דערצעהלען אקעגען נאכט אזעלכע מעשיות!

— זייט מיר געזונט, רב דאָדי, האָט קיין פּאַראיבעל נישט, וואָס איך האָב אייך א ביסעל דערקוטשעט; איהר ווייסט אליין, אז איך בין נישט שולדיג, ככתוב, ווי אין פּסוק שטעהט: לא היו דברים — ניע מיעלאָ באבא חלאָפּאָטע... א גוטע נאַכט!

קאַפּיטעל ט.

כשבא החיים — אז דער שניידער איז געקומען אהיים, איז ער אריין אין שטוב אריין מיט א ירגזון, גאַנץ ברייטליך, און האָט געוואָלט געבען א פּעטשאַטעק זיין ווייב, ווי זי איז ווערטה; נאַר ער האָט זיך איינגעהאַלטען מיט אלע כחות. ער האָט זיך געטראַכט: „עט, א אידינע בלייבט א אידינע! לאָז מיינם איבער־געהן!" און פון דרך־שלום וועגען האָט ער דערצעהלט פאַר זיין ווייב א שענעם ליגען.

— הערסט דו, ציפּה־ביילה־רייזה מיין ברודער? פאַר מיר האָט מען, אפּנים, פּאַרט דרך־ארץ. מילא, וואָס דער מלמד מיט דער מלמד'קע האָבען פון מיר געהאַט — בין איך דיר מוחל; איך האָב זיי געגעבען, וויפיעל עס איז אין זיי אריין! און חוץ לזה האָב איך זיי אָוועקגעשלעפּט צום רב, האָט דער רב אָפּגע־פּסק'ענט, אז זיי באַדאַרפען צאָהלען קנס, וואָרום אז אזא איד, ווי שמעון־אלי, קומט צו זיי האַנדלען א ציעג, באַדאַרף זיין ביי זיי דער גרעסטער כבוד, וואָרום אָט דער שמעון־אלי, זאָגט דער רב, איז א איד קאַטאָרי וועלכער...

ציפּה־ביילה־רייזה האָט אָבער מעהר נישט געוואָלט אויס־הערען די שבחים, וואָס מע לעגט אויף איהר מאַן. זי האָט שוין געוואָלט אָנקוקען וואָס גיכער די אמת'ע ציעג, וואָס איהר מאַן

האָט נעבראַכט; האָט זי נעחאַפּט דאָס טעפּעל און איז אוועק אין הויז אויסמעלקען די ציעג. און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ציפּה־ביילה־רייזה איז אריינגעלאָפען אין שטוב אריין שוין אָהן ווערטער; זי האָט אָנגענומען שמעון־אלי׳ן מחילה פון היני־טען ביי׳ם קאָלנער און האָט איהם מיט דריי גוטע סטוסאַקעס ארויסגעוואָרפען מיט דער שענער ציעג אינאיינעם „צו אלדי שוואַר־צע וויסטע פינסטערע יאָהר!“...

נעבליבען אין דרויסען מיט דער שענער ציעג, האָבען זיך ארום דעם שניידער צונויפגעקליבען א גאַנץ רעדעל אידען, ווייבער און קינדער, און האָבען אויסגעהערט די חדושים, וואָס שמעון־אלי האָט זיי דערצעהלט, אַז די דאָזיגע ציעג, וואָס ער האַלט אויפ׳ן גאַרטעל, איז נאָר דאָרט, אין קאָזאָדאָיעווקע, א ציעג, וואָס מעלקט זיך און גיט מילך, נאָר קוים קומט ער מיט איהר אַהער, אַזוי ווערד זי אויס ציעג... שמעון־אלי האָט געשוואָרען מיט כל השבועות, מע מעג גלויבען א משומד, אַז ער אליין האָט געזעהען מיט זיינע אויגען, ווי מע האָט זי אויסגעמאָלקען ביי׳ם רב אין שטוב און אָנגעמאָלקען א פול מעלקשעפעל מיט מילך... א סך מענשען האָבען זיך אָפּגעשטעלט, בעטראַכט די ציעג גאַנץ ערנסט, איבערגעפרעגט די מעשה נאָך א מאָל און נאָך א מאָל, און שטאַרק גע׳חדוש׳ט זיך... אַנדערע האָבען געלאַכט, געמאַכט חוזק און געזאָגט ווערט־לעך, און אַנדערע האָבען געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אויסגעשפּיגען און א זאָג געטהאָן:

— א שענע ציעג! ס׳איז אַזוי א ציעג, ווי איך בין א רביצין.

— וואָס דען איז דאָס?

— א גלגול! איהר זעהט נים, אַז ס׳איז א גלגול?...

— דאָס וואָרט „גלגול“ ווערד אונטערגעחאַפּט פונ׳ם גאַנצען עולם; עס ווערען דערצעהלט אַלערליי מעשיות פון גלגולים, וואָס האָבען זיך געטראָפען דאָ אין זלאָדייעווקע, אין קאָזאָדאָיעווקע, אין יאַמפּעלי, אין פּישי־יאַבעדע, אין האַפּלאַפּאָוויטש, אין פּעטשי־חוואָסט — אויף דער גאַנצער וועלט! וואָר ווייסט נישט די מעשה

מיט לייזער־וואָלפ׳ס פּערדעל, וואָס מע האָט דאָס געמוזט אַרויס־פיהרען הינטער דער שטאָדט, הרג׳ענען און מקבר זיין אין תכריכים ?... צי, אַשטייגער, ווער האָט נישט געהערט די מעשה מיט׳ן פּערטעל עוף, וואָס בשעת מע האָט דאָס דערלאַנגט שבת צום טיש, האָט דאָס אָנגעהויבען צו ריהרען מיט׳ן פליגעלע ?... וכדומה אַזעלכע אמת׳ע מעשיות.

אַז שמעון־אלי האָט זיך געלאָזט געהן ווייטער, האָבען איהם אַ גאַנצע קאָמאַנדע פון חדר־יונגלעך בעגלייט מיט כבוד. זיי האָבען איהם נאָכגעשריגען:

— הוררא, שמע־קולנו ! הוררא, מעלקענדיגער שניידער !

דער גאַנצער עולם האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען פון געלעכטער.

דאָ האָט שוין שמעון־אלי׳ן אָנגענומען פאַר׳ן האַרצען ; גענוג ער האָט אַזאַ איין אומגליק, מאַכט מען נאָך פון איהם חוזק ! איז ער אַוועק מיט דער ציעג איבער דער שטאָדט, האָט געמאַכט אַ גוואַלד צווישען חברה „פּועל־צדק“ : סטייטש, וואָס שווייגט מען ? ער האָט זיי דערצעהלט די גאַנצע מעשה, וואָס מע האָט איהם אָפּגעטהאָן אין קאָזאָדאָיעווקע, זיי בעוויזען די ציעג... האָט מען באַלד געשיקט נאָך בראָנפען, און ס׳איז געבליבען, מע זאָל געהן צום רב, צו די דיינים און צו די איבעריגע „שבעה טובי העיר“, מע זאָל שרייען פאַר זיי, איינלעגען די וועלט : סטייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַזאַ רציחה, מע זאָל דערטאַפּען איין אָרעמען אידען אַ שניידער, ביי איהם אויסנאַרען די לעצטע עטליכע קערבלעך, איהם פערקויפען כלומרשט אַ ציעג און אַריינ־שטופען איהם דער רוח ווייסט וואָס ? און נאָך מאַכען פון איהם חוזק שוין דאָס אַנדערע מאָל ? אַזאַ מעשה האָט זיך דאָך נישט פּערלאָפען אפילו אין סדום !

און חברה „פּועל־צדק“ זענען געקומען צום רב, צו די דיינים און צו די איבעריגע „שבעה טובי־העיר“, האָבען געשריגען

פאר זיי, איינגעלעגט די וועלט: סטייטש, וואו איז דאס געהערט געווארען אזא רציחה, מע זאל דערטאפען איין ארעמען אידען א שניידער, אויסנארען ביי איהם די לעצטע עטליכע קערבלעך, איהם פערקויפען כלומרשט א ציעג און אריינשטופען איהם דער רוח ווייסט וואס שוין דאס אנדערע מאל? אזא מעשה האט זיך דאך נישט פערלאפען אפילו אין סדום!...

און דער רב מיט די דיינים מיט די איבעריגע „שבעה טובי העיר" האבען אויסגעהערט די טענות, האבען זיך צונויפגעקליבען אוף דער נאכט אלע ביי׳ם רב אויף איין אסיפה, און ס׳איז גע־בליבען, מע זאל טאקי דא אויפ׳ן ארט אנשרייבען א רעכטען בריעף צו די קאזאדאיעווקער רבנים, דיינים און די איבעריגע „שבעה טובי העיר". און די זלאדייעווקער רבנים, דיינים און די איבעריגע „שבעה טובי העיר" האבען זיך אוועקגעזעצט און האבען אנגעשריבען א בריעף צו די קאזאדאיעווקער רבנים, דיינים און די „שבעה טובי העיר" אויף לשון־הקודש אין זעהר א שענער מליצה. אט איז דער בריעף אות באות:

„לכבוד צו די רבנים, דיינים, חכמים, גאונים מפורסמים, זיילען פון דער וועלט, וואס דאס גאנצע הויז פון ישראל איז אנ־געלעהנט אויף זיי. פריעד זאל זיין צו אייך און פריעד זאל זיין צו אלע אידען פון דער הייליגער קהלה אין קאזאדאיעווקע און אלדאס גוטס זאל טהון רוהען אויף זייערע קעפ, אמן.

„היות כפי אונזערע אויהערען האבען געטהאן הערען, אז ס׳איז געטהאן געווארען זעהר א גרויסע עולה צו איינעם פון אונ־זערע שטאדט־לייט, רב שמעון־אלי ב"ר בענדיט־לייב חיים, וואס מע רופט איהם שמעון־אלי שמע־קולנו, היינו: צוויי פון אייערע לייט, המלמד רב חיים־חנה מיט זיין פלונית מרת טעמע־גיטעל שתחיה, האבען אויסגענארט מיט קלונשאפט ביי אונזער שניידער געלד, סך זיבעטהאלבען רובעל זילבער, וואס זיי האבען אריינגע־טהאן צו זיך אין די כלים און האבען אפגעווישט די ליפען און

זאָגען: מיר האָבען נישט געטהאָן קיין אומרעכט — און אַזוי טהוט זיך ניט ביי אידען! מיר אַלע, וואָס שטעהען אונטען גע'חתמ'עט, זאָגען עדות, אַז דער דאָזיגער שניידער איז איין אָרע־מער בעל־מלאכה און אַ מטופל מיט קינדער, וואָס איז זיך מפרנס עהרליך מיט אייגענער האָרעוואַניע, און דוד המלך האָט דאָך שוין לאַנג געזאָגט אין תהלים: יגיע כפיך כי תאכל — די מידעקייט פון דיינע הענד, אַז דו וועסט טהון עסען, וועט דיר זיין אַז וואויל און גוט, זאָגען אונזערע חכמים: דער פשט איז: וואויל אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט. בכן, טהוען מיר אייך בעטען, איהר זאָלט באַלד חוקר ודורש זיין דערויף, וואָס ס'איז געטהאָן געוואָרען, און אייער משפט זאָל אַרוים ווי די זון, און איהר זאָלט מקיים פסק זיין איינס פון די צוויי: אָדער מע זאָל אומקעהרען דעם שניידער זיין געלד בשלימות, אָדער מע זאָל איהם אַרויסגעבען זיין ציעג, וואָס ער האָט געקויפט, מחמת די ציעג, וואָס ער האָט געבראַכט צו פיהרען, איז נישט קיין ציעג!... דאָס קאָן אייך די גאַנצע שטאָדט געהן שוועהרען אַ שבועה דאורייתא... און לאָז זיין שלום צווישען אידען, ווי אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: נישטאָ נאָך אַזאַ געבענשט כלי פאַר אידען ווי שלום. שלום זאָל זיין צו אייך, שלום צום ווייטערסטען און צום נאָהענ־סטען, שלום צו אַלע אידען, אָמן!

„פון אונז אייערע קנעכט, וואָס אייער מינדסט פינגערעל איז גרעבער פון אונזערע לענדען.

„נ א ו ם ה ר ב ב ה ר ב ז"ל... ו נ א ו ם
ה ר ב ב ה ר ב ז"ל... ו נ א ו ם ב ר ו ך
ק א פ אָ ט ע, ז ר ח פ ו פ י ק, פ י ש ע ל
ו ו י ק י ד י י ל אָ, ח י י ם ק ו ו י ט ש, נ י ס ל
ק אָ ט ש ע ן, מ אָ ט ע ל ש אָ ל ע כ ץ, י ה ו ש ע־
ה ע ש ע ל ק י ש ק י ש."

קאפיטעל י.

בלילה ההוא — אין יענער נאכט האט געשיינט די לבנה און האט אראפגעקוקט אראפ אויף זלאדייעווקע מיט איהרע פינ־סטערע האלב־איינגעפאלענע הייזלעך, וואס שטעהען צונויפגע־קוועטשט, אהן הויפען, אהן בוימלעך, אהן פארקאנס. ווי א בית־עלמין זעהט אוים ביי נאכט די שטאדט, איין אלטער בית־עלמין מיט אלטע מצבות, וואס א סך פון זיי שטעהען אנגעבויגען כורעים, און א סך וואלטען שוין לאנג איינגעפאלען, ווען זיי זאלען נישט זיין אונטערגעשפארט מיט קלעצער. און חאטש די לופט איז דארט נישט אזוי פויגעלדיג, און די ריחות פונ׳ם מארק און פונ׳ם שוהלהויף זענען עפים נישט אזוי געשמאק, און דער שטויב איז געדיכט און שטעהט הויך ווי א מויער, — פון דעסטוועגען זענען אלע מענשען ארוים, ווי טאראקאנעס פון די לעכער, אידען און ווייבער, אלטע לייט און קליינע קינדער, „חאפען א לופטעל“ נאך דעם הייסען ברענענדיגען טאג. דער עולם האט זיך אויסגע־זעצט אויף די שוועלען א ביסעל שמועסען, פלאפלען דברים בטלים, אדער גלאט אזוי קוקען ארויף אין הימעל אריין, בעטראכטען די צורה פון דער לבנה, מיט די מילי־מילאסען שטערען, וואס אז מע זאל זיין מיט אכצעהן קעפ, איז אוממעגליך זיי איבערצוצעהלען!

אין יענער נאכט האט זיך שמעון־אלי דער שניידער ארומ־געדרעהט איינער אליין אין אלע הינטערגעסלעך מיט׳ן תכשיט, וואס ער האט איינגעהאנדעלט אין קאזאדאיעווקע, זיך געהיט פאר די ווייסע־חברה׳ניקעס, מע זאל איהם נישט דערזעהען. ער האט גערעכענט, אז עס וועט ווערען טאג, זאל ער זיך ווידער לאזען אין וועג אריין, און דערווייל האט ער זיך אריינגעחאפט צו האדעל דער אקציזניטשקע אין שענקעל, נעמען פאר הארצוועהטיג א ביסעל בראנפען און אויסרעדען זיך א ביסעל דאס הארץ, זיך האלטען מיט איהר איין עצה מכח דעם אומגליק, וואס ער האט אייף זיך גענומען.

האָדעל די אקציזניטשקע איז געווען אַ ווייבעל איין אַלמנה, אַ „מאַנסבילשער קאָפּ“, אויסגעבונדען מיט גאַנץ „נאַטשאַלסטווע“ און אַ גוטע שוועסטער מיט אַלע בעלי־מלאכות אין שטאָדט. פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען „אקציזניטשקע“? איבער אַ מעשה, וואָס זי איז מיידעלוויז געווען זעהר אַ שענע, אַ יפת־תואר; האָט איין אקציזניק, זעהר אַ רייכער, זי דערזעהען איינמאָל דורכ־פאָהרענדיג פאַרביי זלאַדייעווקע, בשעת זי האָט געטראָגען געגנז צום שוחט; האָט זי דער אקציזניק אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטהאָן:

— מיידעל, וועמענ'ס ביזט דו?

האָט זי זיך פערשעמט, צעלאַכט און איז אַנטלאָפען געוואָרען; האָט מען איהר פון דעמאָלט אָן אַ נאָמען געגעבען „די אקציזניטשקע“... אַנדערע זאָגען, אַז דער אקציזניק איז געווען ביי איהר נאָכדעם אין דער היים, גערעדט מיט איהר טאַטען, נחמיה ווינאַקור, געוואָלט פאַר איהר חתונה האָבען, זי נעמען ווי זי שטעהט און געהט און נאָך צוצאָהלען איהר טאַטען אין בייטעל אריין. איז שוין כמעט געווען „תנאים“, האָט דאָס שטעדטעל זי גענומען אין די מיילער אריין, איז צעקראָכען געוואָרען דער שידוך, און זי האָט גאָר חתונה געהאַט נאָכדעם אַ שטילע חתונה פאַר עפּיס אַ שלים־מזל, אַ חולה־נופל'דיגען; האָט זי שטאַרק געוויינט, נישט געוואָלט געהן צו דער חופּה, האָט זיך דעמאָלט די גאַנצע שטאָדט געוויעגט. מע האָט געזאָגט, אַז זי איז גאָר געווען פערקאָכט אינ'ם אקציזניק, און מע האָט געמאַכט אַ ליעדעל אויף איהר, וואָס ווייבלעך און מיידלעך זינגען דאָס נאָך עד היום אין זלאַדייעווקע: דאָס ליעדעל הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„די לבנה האָט געשיינט,
האַלב נאַכט איז געווען —
און האָדעלע זיצט ביי דער טיר...“

און עס לאזט זיך אויס מיט די ווערטער:

„איך האב דיך ליעב, דושינקע,
גאר אהן איין עק,
איך קאן אזש ניט לעבען אהן דיר!“

אט דאס איז געוועזן האדעל די אקציזניטשקע, און פאר איהר האט דאס אונזער שניידער אויסגעגאסען זיין ביטער הארץ: דער־צעהלט אלסדינג, וואס ביי איהם אויף דער נשמה טהוט זיך, און געבעטען, זי זאל איהם געבען איין עצה: וואס טהוט מען?

— וואס טהוט מען? איהר זענט דאך עפּיס יא, ווי דוד המלך זאגט אין שיר־השירים: שחורה אני ונאוה — ווער ס'איז שען, איהר זענט ביידע זאכען... גיט מיר איין עצה: וואס טהוט מען?

— וואס זאל מען טהון? — זאגט צו איהם האדעל און שפּייט־אויס. — איהר זעהט דען נישט, אז ס'איז א גלגול? וואס ווערט איהר זיך האלטען מיט דער באמבע? נעמט און ווארפט איהם ארויס צו אלדי שווארצע יאהר! איהר קאנט נאך האבען, חס ושלום, דעם אייגענעם פּסק, וואס מיין מוהמע פּערעל האט געהאט, לאז זי זיין ווייט אפּגעשיידט פון מיר, זי איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט.

— דהיינו? — פרעגט שמעון־אלי דערשראקען.

— דהיינו, — זאגט האדעל מיט א זיפץ — מיין מוהמע פּערעל, עליה השלום, איז געוועזן איין עהרליכע אידינע, א כשר'ע. אונזער משפחה זענען אלע עהרליכע... חאטש דא, אין דעם וויסטען זלאדייעווקע, פארברענט זאל דאס ווערען, האט מען ליעב בארעדען איטליכען באזונדער, געוויינטליך, הינטער די אויגען, ווארום אין די אויגען זענען זיי גרויסע חליפת'ניקעס, קוצעני־מוצעני... בקיצור, מיין מוהמע פּערעל, עליה השלום, איז איינמאל געגאנגען אין מארק, זעהט זי: עס ליגט א קניילעכין בייוועל אויף דער ערד. איז זי זיך מיישב: א קניילעכין בייוועל קומט צו־נוטץ; בויגט

זי זיך אָן און הויבט דאָס אויף. זי נעמט דאָס קניילעכין בייוועל און לאָזט זיך געהן, טהוט דאָס איהר אַ שפּרונג אין פּנים אריין און אַ פאַל אויף דער ערד. בויגט זי זיך אָן מסתמא נאָך אַ מאָל און הויבט דאָס אויף, טהוט דאָס איהר ווידער אַ שפּרונג אין פּנים אריין און אַ פאַל אויף דער ערד. בויגט זי זיך ווידער אַ מאָל אָן, נעמט דאָס ווידער אַ מאָל, טהוט דאָס איהר ווידער אַ שפּרונג אין פּנים און אַ פאַל אויף דער ערד. איז זי זיך מיישב און טהוט אַ שפּיי אויפ׳ן קניילעכין בייוועל (חאַפּט דאָס דער וואַטענמאַכער!), און וויל שוין געהן אהיים. זי טהוט אַ קוק — דאָס קניילעכין בייוועל קאַטשעט זיך איהר נאָך; זי פּרובט זיך לויפען — דאָס קניילעכין בייוועל קאַטשעט זיך. בקיצור, זי איז געקומען אהיים אַ טוידטע נעבאָך, געפאַלען חלשות, און האָט נאָכדעם אָפּגעקרענקט אפשר אַ יאָהר כסדר. וואָס, מיינט איהר, איז דאָס געווען, אשטייגער? אנו, טרעפט?...

— עט! כולם אהובים, כולם ברורים — אַלע ווייבער זענען אויף איין שניט! — זאָגט שמעון־אַלי. — ס׳איז באָבסקי מעשיות, פּוסטע מיהלען, באַצרעס, פּידרוך מיט לאַקריצע! מע זאָל זיך וועלען צו־הערען, וואָס ווייבער פּלעטשען, וואָלט מען באַדאַרפט מורא האָבען פאַר׳ן אייגענעם שאָטען, ככתוב, ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: נשים דעתן קלות — ווייבער זענען גענז... נאָר גאָר נישט, היום הרת עולם — נישט געזאָרגט! האָט אייך אַ גוטע נאַכט.

און שמעון־אַלי דער שניידער לאָזט זיך געהן ווייטער.

די נאַכט האָט זיך אויסגעשטערנט. די לבנה האָט געשפּאַ־ציערט צווישען שטיקער וואָלקען, וואָס זעהען־אויס, ווי הויכע טונקעלע בערג, בעלעגט מיט זילבער. מיט אַ האַלבען פּנים האָט די לבנה אראָפּגעקוקט אויף דער שטאָדט זלאַדייעווקע, וואָס האָט געהאַלטען אין רעכטען שלאָף. אַ טייל בעלי־בתים, וואָס האָבען מורא פאַר וואַנצען, האָבען זיך אריבער־געפּעקעלט מיט׳ן בעט־

נעוואנד אין דרויסען, זיך איבערגעדעקט מיט די געלע ליילעכער איבער'ן קאָפּ, נעחראָפּעט גאַנץ געשמאַק און געזעהען זיסע חלומות: חלומות פון פדיון אויפ'ן יריד, פון לייזונג א סך, פון א פער־דיענסטעל א גראָבס; חלומות פון א פריץ זעהר א וואוילען, פון א געשעפטעל א גוטס; חלומות פון א שטיקעל ברויט, פון פרנסה בכבוד און פון כבוד אליין — פערשיעדענע חלומות!... מע זעהט נישט אויף דער גאס קיין לעבעדיגען נפש; מע הערט נישט קיין פּיפּס אין ערגיץ, — אפילו די יאטקע־הינד, וואָס האָבען זיך גענוג אָנגעבילט און אָנגעמאָרדעוועט דורכ'ן טאָג, האָבען זיך איינגע־נאָרעט צווישען די קלעצלעך, בעהאַלטען די מאָרדעס צווישען די לאַפּעס — און שאַ! זעלטען־זעלטען חאַפּט זיך ארויס ביי זיי א האַלבער „האו“, בשעת עס חלומ'ט זיך זיי עפּיס א ביינדעל, וואָס אַנדערע הינד שאַרפען זיך דערויף די צייהן, אָדער בשעת עס דאַכט זיך זיי, אז א פליעג האָט זיך פערקליבען אין אויהער אריין און רייסט זיי איין א סוד... זעלטען־זעלטען פליהט־דורך א נארישער זשוק מיט צעלאָזטע פליגעל, דרעהט זיך און שוועבט אין דער לופטען אויף איין אָרט, זשומעט ווי א סטרונע פון א באַס און מאַכט: זשששששש!, טהוט א פאַל אָן דער ערד און ווערד אנשווייגען... אפילו דער שטאָדט־שומר, וואָס אלע נאַכט געהט ער ארום, הים די קלייטען און קלאַפּט מיט צוויי שטעקלעך: קלאַ! קלאַ!... קלאַ! קלאַ!... האָט היינטינגס מאָל, ווי אויף־צו־להכעיס, אויסגעטרונקען, האָט זיך צוגעשפּאַרט צו א וואַנד און איז גע־שמאַק אנשלאָפען געוואָרען... אין דער דאָזיגער שטילער נאַכט דרעהט זיך אום שמעון־אלי דער שניידער איינער אליין איבער דער גאַנצער שטאָדט, און ער ווייסט נישט, צי זאָל ער געהן, צי זאָל ער שטעהן, צי זאָל ער זיצען... און ער געהט־ארום און רעדט צו זיך אליין שטילערהייד:

— ואתא שונרא ואכלה לגדיא — נע מאַלאַ באַבאַ חלאַ־פּאַטע — קופּילע סאָבי קאָנאַ!... לאָז קומען א פּאָהיבעל אויף דער דאָזיגער ציעג! א ציעג?... ח־ח־ח־חד גדיא! חד גדיא!

ער צעלאכט זיך און שרעקט זיך איבער פאר זיין איינענעם געלעכטער. בשעת מעשה געהט ער דורך פארביי דער „קאלטער שוהל“, וואס האט א שם מיט איהרע מתים, וואס דאווגען דארטען אלע שבת־צו־נאכטס, אנגעטהאן אין ווייסע קיטלען און אין טליתים, און עס דאכט זיך איהם, ווי ער הערט עפּיס א מין געזאנג: או־או־או! ווי א ווינד, וואס בלאזט אין קוימען אריין ווינטער ביינאכט... ער טרעט־אפּ פון דער „קאלטער שוהל“, לאזט זיך געהן אין דער גוי'עשער גאס, דערהערט ער א קול „פּצססס!“ דאס פייפט א פוהאטש, וואס האט זיך פערקליבען גאנץ אויבען, אויפ'ן שפּיץ קלויסטער... עס פאלט אויף איהם אן א שרעקליכע מרה־שחורה, א פּחד, מיט סכנת־נפשות! נאר ער שטארקט זיך, ער מאכט זיך א הארץ און וויל זאגען עפּיס א פּסוק, אזעלכען, וואס מע זאגט ביינאכט, אז מע זאל קיין מורא נישט האבען; האט ער אבער פערגעסען דעם פּסוק, ארויסגעפלויגען פונ'ם קאפּ! און מעשה־שטן, קומען איהם אקעגען דוקא אלערליי מורא'דיגע בילדער פון בעקאנטע, וואס זענען שוין לאנג אויף דער אמת'ער וועלט... און ער דערמאנט זיך אן א סך שרעקליכע מעשיות, וואס ער האט זיך אנגעהערט אויף זיין לעבען: מעשיות מיט שדים, מיט רוחות און מיט לצים אינ'ם געשטאלט פון קעלבלעך... מעשיות מיט שרעטעלעך, וואס לויפען ווי אויף רעדלעך, מיט וואווקעלאקעס, וואס געהען אויף די הענד, מיט מינים בעשעפּענישען, וואס קוקען אויף איין אויג... מעשיות מיט לעבעדיגע מתים, וואס געהען־אום אין עולם התוהו, אנגעטהאן אין תכריכים... שמעון־אלי פועל'ט ביי זיך, אז די דאזיגע ציעג, וואס ער פיהרט זיך מיט איהר ארום, איז נישט קיין ציעג, נאר א גלגול, אדער א לץ, וואס אט באלד שטעלט ער איהם ארויס א צונג אויף צעהן ארשין, אדער ער טהוט א פּאטש מיט די פליגעל און טהוט א געשריי איבער דער גאנצער שטאדט: „קו־קא־רי־קו!“... שמעון־אלי פיהלט, אז עס הויבט זיך איהם דער מח; שטעלט ער זיך אפּ אויף א ווייל, בינדט־אפּ דעם גארטעל; ער וויל פּטור ווערען פון דע־

באַמבע. ווער? וואָס? דער שענער בחור שטעהט, ער וויל נישט אָפּטרעטען פונ׳ם שניידער אויף א מינוט אפילו! שמעון־אלי פּרובט זיך לאָזען געהן א פּאָר טריט — ער געהט איהם נאָך; ער נעמט זיך רעכטס — געהט ער רעכטס; ער נעמט זיך לינקס — ער געהט לינקס...

— שמע ישראל! — שרייט־אויס שמעון־אלי נישט מיט זיין קול און לאָזט זיך לויפען אין דער וועלט אריין. און אַזוי ווי ער לויפט, דאכט זיך איהם, אז עמיצער יאָגט איהם און מעקעט איהם נאָך אויף א דין ציעגען קול׳כעל און רעדט צו איהם, ווי א מענש, און זינגט, ווי א חזן:

— מ־־־לך ממית ומחיה!... ונ־א־א־א־א־א־מן אתה להחיות מתים!...

קאַפּיטעל יא.

בבוקר — אין דער פריה, אז אידען זענען אויפגעשטאַנען געהן דאַווענען, ווייבער — אין מאַרק אריין, און מיידלעך — צו דער טשערעדע, האָט מען געפונען שמעון־אלי דעם שניידער זיצען אויף דער ערד, און נעבען איהם די שענע ציעג זיצט, די פיסלעך אונטער זיך, מעלה־גרה׳ט און שאָקעלט מיט׳ן בערדעל. מע געהט־צו צום שניידער, מע רעדט צו איהם — ער ענטפערט נישט א וואָרט; ער זיצט און קוקט, ווי א לעהמענער גולם... איז באַלד געוואָרען א רעדעל, איין אַנגעלאָף פון דער גאַרער שטאָדט, א גערעדעריי, א ליאַרעם, א געפילדער ביז׳ן הימעל: שמעון־אלי... ציעג... שמע־קולנו... גלגול... לץ... וואָוקעלאַקע... נישט־גוטער... פאַרשטעלט... געפיהרט... געפאָהרען רייטענדיג א גאַנצע נאַכט... געמוטשעט... פאַרמוטשעט"... בשעת מעשה זענען געפלויגען געווען... בשעת מעשה זענען גע־פלויגען געוויגע לינענם: איטליכער האָט דערצעהלט, אז ער האָט אַליין געזעהען איהם פאָהרען רייטענדיג...

— ווער איז געפּאַהרען אויף וועמען? — פרעגט א איד און שטעקט־אריין דעם קאָפּ אין רעדעל אריין. — שמעון־אלי אויף דער ציעג, צי די ציעג אויף שמעון־אלי'ן?

דער גאַנצער עולם שיסט־אויס א געלעכטער.

— אז אָך און וועה איז צו אייך מיט אייער געלעכטער! — רופט זיך אָן א איד א בעל־מלאכה. — אידען מיט בערד! באַ־ווייבטע! טאַטעס פון קינדער! שעמען מעגט איהר זיך אין אייער ווייטען האַלז אריין! וואָס האָט איהר זיך צונויפגעקליבען אהער צו לאַכען? איהר זעהט נישט, אז דער שניידער איז אויס מענטש, נעבאַך טוידט־קראַנק? בעסער פיהרט איהם אָפּ אהיים און שיקט רופען דעם רופא, נישט שטעהן אָט־אַ־דאָ און שטשירען די צייהן, א רוח אין אייער טאַטעג'ס טאַטען אריין!!!

די דאָזיגע ווערטער האָט דער בעל־מלאכה אויסגעשאָסען, ווי פון א הארמאַט, און דער עולם האָט אויפגעהערט צו לאַכען. דער האָט זיך א וואָרף געטהאָן נאָך וואסער, דער איז אוועקגעלאָפען צו יודעל דעם רופא. מע האָט גענומען שמעון־אלי דעם שניירער, מחילה, אונטער די הענד און מע האָט איהם אָפּגעפיהרט אהיים און אריינגעלעגט אין בעט אריין. באַלד איז געקומען צו לויפען יודעל דער רופא מיט זיין גאַנץ קלאַפּערגעצייג און האָט איהם געגעבען „גרויס ראַטוניק": ער האָט איהם געשטעלט באַנקעס און פּיאַווקעס און געשלאָגען צו דער אָדער, געצאַפּט בלוט אָהן א שיעור.

— וואָס מעהר בלוט מע וועט איהם אָפּצאַפּען, — אזוי האָט יודעל אליין געזאָגט — וועט אלץ זיין בעסער, מחמת אלע שלאָפ־קייטען, נים דאָ געדאַכט, נעמען זיך פון אינוועניג, פון די „גע־בליטען". — אזוי האָט יודעל דער רופא געגעבען צו פערשטעהן די „חכמת הדאָקטאָריע", און האָט צוגעזאָגט, אז אויף דער נאַכט, אם ירצה השם, וועט ער אריינקומען נאָך א מאָל. און אז ציפּה־ביילה־רייזה האָט א קוק געטהאָן אויף איהר מאַן, ווי ער ליגט נעבאַך, דער שלים־מזל, אויף דעם צעבראָכענעם טופּטשאַן, מיט

אַ סך שמאַטעס איינגעדעקט, די אויגן אַרויף, די ליפּען פאַר־שמאַכט, רעדט פון היץ, עס קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, — האָט זי אָנגעהויבן צו ברעכן די הענד, שלאָגן זיך קאָפּ אָן וואַנד, וויינען, יאָמערען און קלאָגן מיט דעם נוסח, וואָס מע בעווייגט אַ טוידטען:

— וועה איז מיר, ווינד איז מיר, אַ דונער איז מיר אַ גרוי־סער! אויף וועמען לאָזט דו מיך אי־בער מיט מיינע קליינע קינ־דער ?!...

און די קינדער, נאַקעטע און באָרוועסע נעבאַך, האָבען זיך צונויפגעקליבען אַרום דער אָרעמער מאַמע און האָבען איהר גע־האָלפען וויינען. די עלטערע האָבען געוויינט שטילערהייד, בע־האַלטען די פּנימ׳ער, געשלונגען די טרערען; און די קלענערע, וואָס האָבען נישט פערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך, האָבען גלאַט געוויינט אויף אַ קול, וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער; און אפילו גאָר דאָס קליינינטשקע, אַ יונגעלע פון אַ יאָהר דריי, מיט איין אויסגעמוטשעטע געל פּנימ׳על, האָט זיך צוגערוקט צו דער מוטער מיט זיינע אויסגעבויגענע קרומע פיסלעך און מיט׳ן גראָבען בייכעלע,ביידע הענטלעך אריינגערוקט אין קעפּעל און האָט גע־נומען גאָר אַ הויכען טאָן: „מאַמע, וויל עעסען !!!“ דאָס אַלס־דינג אינאיינעם איז געווען אַזאַ מין געזאַנג, וואָס אַ פרעמדער מענש האָט נישט געקאָנט בשום אופן שטעהן דערביי; ווער ס׳איז אריינגעקומען צום שניידער אין שטיבעל אריין, איז ער באַלד ארויסגעלאָפען פון דאָרטען אַ צעטראָגענער, מיט אַ צעבלוטיגט האַרץ און מיט אַ צעבראָכען געמיט, און אז מע האָט איהם אַ פרעג געטהאָן: וואָס טהוט עפּיס שמעון־אלי? — האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, ווי איינער רעדט: „אַז אַך און וועה איז איהם!“... עטליכע ווייבער, נאָהענטע שכנות, זענען געשטאַ־נען די גאַנצע צייט מיט פערוויינטע פּנימ׳ער, מיט רויטע נעזער, נעקוקט ציפּה־בײלה־רייזה׳ן גלייך אין די אויגען אריין, געמאַכט בשעת מעשה משונה מאָדנע פּיסקעס, צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ,

ווי איינער רעדט: „אז אָך און וועה איז צו דיר, ציפּה־בײלה־רייזה!“

אַ חידוש נפלא! פּופציג יאָהר האָט שמעון־אלי שמע־קולנו אָפּגעלעבט אין זלאָדייעווקע אין אָרעמקייט, אין דחקות, געלעגען, ווי אַ וואָרעם, אין דער פינסטער, קיינער האָט פון איהם נישט גערעדט, קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ מענש דאָס איז. אצינד, אַז ער איז פערשלאָפט געוואָרען, האָט ער זיך מיט אַ מאָל ארויסבעוויזען מיט אלע זיינע מעלות טובות; מען איז מיט אַ מאָל געוואָהר געוואָרען, אז שמעון־אלי איז געווען אַ זעל־טענע, אַ גוטע, אַ כשר׳ע נשמה, אַ גרויסער בעל־צדקה, דאָס הייסט: ער פלעגט רייסען ביי נגידים און טיילען די אָרעמע לייט, זיך קריעגען פאַר זיי מיט דער גאַנצער שטאָדט און זיך שלאָגען ביז׳ן בלוט אריין, זיך טיילען מיט יענעם מיט׳ן לעצטען ביסען, און נאָך און נאָך אַ סך מעלות און שבחים האָט מען נאָכדערצעהלט נאָך דעם אָרעמען שניידער, ווי מע דערצעהלט נאָך, אשטייגער, נאָך אַ טוידטען בשעת דער לויה, און מען איז איהם געגאַנגען מבקר־חולה זיין כמעט פון דער גאַנצער שטאָדט, און מע האָט איהם געראַטעוועט מיט כל המעגליכקייטען, ער זאָל, חלילה, נישט שטאַרבען פאַר דער צייט...

קאַפּיטעל יב.

והפּועלים — און די בעלי־מלאכות פון דער שטאָדט זלאָדייעווקע האָבען זיך צונויפגעקליבען אויף איין אסיפה ביי האָדעל די אקציזניטשקע, געשטעלט בראַנפען, געשריגען, געפּיל־דערט, געאַרבייט מעשים, געזידעלט די נגידים, געוויינטליך, היני־טער די אויגען, זיי געמאַכט מיט דער בלאָטע.

— זלאָדייעווקע — אַ שענע שטאָדט, ברענען זאָל זי! וואָס שווייגען זיי, די נגידים אונזערע, אַ וויסטען סוף זאָלען זיי האָ־

בען ?!... איטליכער באַדט זיך אין אונזער בלוט, און ס׳איז נישטאָ קיינער, ווער ס׳זאָל זיך אָננעמען אונזער קריוודע! געלט אין דער קאַראַבקע ווער צאָהלט? — מיר! א צרה, א שלאַק, א שוחט, א באָד, להבדיל, — ביי וועמען רייסט מען די הויט? — ביי אונז! וואָס שווייגט איהר, אידען? לאָמיר געהן צו די רבנים, דיינים און די שבעה טובי העיר זיי טרויבערען די קישקעס! וואָס איז דאָס פאַר א הפקרות, מע זאָל לאָזען קוילען א גאַנצע משפחה?! הבה נתחכמה!!!...

און חברה „פועל־צדק״ זענען אוועק צום רב און האָבען דאָרט געמאַכט א גוואַלד. האָט זיי דער רב איבערגעלייענט דעם ענט־פער, וואָס ער האָט נאָר־וואָס בעקומען דורך א בעל־עגלה פון די קאָזאָדאָיעווקער רבנים, דיינים און די שבעה טובי העיר.

אָט וואָס ס׳איז געשטאַנען אין בריעף:

„לכבוד צו די רבנים, דיינים, חכמים מפורסמים, בערג זאָלען אקעגען טראָגען פריעד צו די גילדענע הענגלייכטער בק״ק זלאָ־דייעווקע, אָמן.

„תיכף ווי מיר האָבען מקבל געווען אייערע רעד, וואָס זענען געווען ווי האָניג צו אונזערע מיילער, האָבען מיר זיך צונויפגעזאַ־מעלט אַלע און חוקר ודורש געווען די זאַך אקוראַט, און האָבען געפונען, אז אומזיסט האָט מען געטהאָן חושד זיין איינעם פון אונזערע לייט; נישט מעהר, אז דער שניידער אייערער איז א שאַלקהאַפטיגער מענש, ער האָט אויסגעטראַכט א בלבול און אָנ־געפיהרט א רכילות צווישען צוויי קהילות. ער איז ווערטה, מע זאָל איהם קנס׳ענען! מיר, וואָס שטעהען גע׳חתמ׳עט אונטען, קאָנען אייך עדות זאָגען און געהן שווערען, אז מיר האָבען גע־זעהען מיט אונזערע אויגען, ווי די ציעג מעלקט זיך, הלואי זאָלען זיך אַלע אידישע ציעגען אַזוי מעלקען! הערט איהם נישט, דעם שניידער, וואָס ער וועט אייך דערצעהלען פזומונות! איהר זאָלט זיך נישט קעהרען צו די ווערטער פון די פערדאָרבענע לייט, לאָזען פערשטאָפּט ווערען די מיילער, וואָס רעדען שקרים! שלום זאָל

זיין צו אייך און שלום זאָל זיין צו אַלע אידען פון איצט און ביז אייביג און אייביג.

„די רעד פון אייערע יונגערע ברידער, וואָס וואַלגערען זיך אינ׳ם שטויב פון אייערע פיס:

„נ א ו ם ה ר ב ב ה ר ב ז ״ ל . . . ו נ א ו ם
ה ר ב ב ה ר ב ז ״ ל . . . ו נ א ו ם ה ע נ י ך
ג אַ ר נ ע ל, י ק ו ת י א ל ש מ אַ ר אָ ו ו י ד־
ל ע, ש ע פּ ס ע ל ק אַ ר ט אָ פּ ע ל, פּ י ש ע ל
ק אַ ט ש אַ ל ק י, ב ע ר ע ל ב ר אַ נ פּ ע ן,
ל י ב וו אָ ר ע ט ש אַ ק, א ל י פּ ע ט ע ל ע ל ע״.

אז דער רב האָט איבערגעלייענט פאר די בעלי־מלאכות דעם דאָזיגען בריעף, זענען זיי געוואָרען נאָך מעהר אָנגעצונדען. „אהא! קאָזאָדאָיעווקער שקצים! מע מאכט נאָך פון אונז חוזק?! באַ־דאַרף מען זיי בעווייזען דרך־ארץ. שער און אייזען אונזער פאָלק — עמך!״... און מע האָט באַלד געמאַכט א נייע אסיפה, געשיקט נאָך בראָנפען, און ס׳איז נעבליבען, מע זאָל נעמען די שענע ציינג און מען זאָל געהן גלייך קיין קאָזאָדאָיעווקע איבער־קעהרען דעם מלמד מיט דעם חדר מיט דער גאַנצער שטאָדט!

אומר ועושה — געזאָגט און געטהאָן. חברה האָבען זיך צונויפגעקליבען א שטיק זעכציג בעלי־מלאכות: שניידערס, שוס־טערס, סטאָליערס און קאָוועלים, קצבים, העקערס, אנשי־חיל, גע־זונדע יונגען, איינס אין איינס, אָנגעוואָפּענטע מיט כלי־זיין — ווער מיט א הילצערנעם ארשין, און ווער מיט איין אייזערן פּרע־סעל, ווער מיט א קאָפּיט פון א שטיוועל, ווער מיט א האַק און ווער מיט א האַמער, און ווער מיט גלאַט אַזוי פון בעל־הבתישקיים: א קאַטשאַלקע, א ריבאייזען, אָדער א קאָלאָדאַטש־מעסער, — און ס׳איז געבליבען, מע זאָל געהן גלייך אין קאָזאָדאָיעווקע אויף מלחמה, להרוג, לאבד ולהשמיד — הרג׳ענען, פערליערען און פער־טיליגען! איין מאָל פאַר אַלע מאָל — האָבען חברה געזאָגט: —

תמות נפשי עם פלשתים — דער טוידט זאָל זיי זיין און איין עק זאָל דאָס האָבען!

— שאַט, רבותים! — רופט זיך אָן איינער פון דער חברה פועל־צדק. — איהר זענט שוין גרייט אויפ'ן פידפאַלעק, פאַרטיג ארום און ארום, ואיה השה — וואו איז די ציעג?

— יאָ, זעהט־נאַר, וואו איז ערגיץ אהינגעקומען דער גלגול?

— אנטרונען געוואָרען!

— נישט קיין נאַרישער גלגול! כלעבען, וואוהין האָט ער געקאָנט אנטלויפען?

— מסתמא אהיים, צום מלמד, וואָס פארשטעהסט דו דאָ נישט?

— משוגע וועט ער ווערען! דו רעדסט, ווי א בהמה!

— ביזט אליין א פערד; וואו דען האָט ער געקאָנט אנט־לויפען?

— בקיצור, וואָס טויגען די טענות? שריי היינט, שריי מאָר־גען, והילד איננו — נישטאָ קיין ציעג...

. . . .

קאַפּיטעל יג.

כעת — אצינד לאָזען מיר איבער דעם פער'כישופ'טען שניידער זיך ראנגלען מיט'ן מלאך־המות און חברה בעלי־מלאכות זיך גרייטען צו מלחמה, און מיר געהען־אריבער צום גלגול, דאָס הייסט, צו דער ציעג.

דער גלגול, אז ער האָט דערזעהען די בהלה, וואָס איז גע־וואָרען אין שטעדטעל, האָט ער זיך מיישב געווען: וואָס טויג איהם דער מסחר? וואָס נוצט איהם זיין צוגעבונדען צום שניי־דער, ארומשלעפּען זיך מיט דעם שלים־מזל'ניק הין און צוריק און פּגר'ען פון הונגער? אמעהר, וועט ער בעסער לויפען אין דער וועלט אריין, וואו די פיס וועלען טראָגען! אבי נים זיין נע־ונד! און אונזער חברה־מאַן האָט געמאַכט פליטה גאָר אויף

איין אנדער אופן, געלאָפען משוגע'נערוויז, גאָר ניט געפיהלט די ערד אונטער זיך, נישט געקוקט אויף דרך־ארץ, געשפרונגען איבער אידען און ווייבער, אָנגעמאכט איין אומגליק, א חורבן אין מארק — סכנת־נפשות! איבערגעקעהרט טישלעך מיט ברויט־לעך און פלעצלעך, מולטערס מיט ווײנשעל און מיט ווײמפערלעך, געשפרונגען איבער טעפ און גלאָזווארג, געשליידערט, געשמיצט און געבראָכען — טראַך־טאַרעראַך! צווישען די ווייבער איז גע־וואָרען א בהלה, א קוויטשעריי: „ווער איז?... א שלים־מזל!... א ציגע!... א באָשעפעניש!... א גלגול!... א קלאָג צו מיר!... אוי, איין אומגליק!... וואו איז ער?... אָן איז ער!... האַפּט איהם!... לאָז מען איהם חאַפּען! חאַפּען!"... און א גאַנצע חאַליאַסטרע אידען מיט פערקאַטשעטע פאָלעס און ווייבער מיט אונטערגע־שטעקטע קליידלעך, מחילה, האָבען זיך געלאָזט לויפען אייגער איבער'ן אַנדערען. נאָר אומזיסט: אונזער חברה־מאַן האָט דער־פיהלט וואָס הייסט פ ר י י ה י י ט, האָט ער זיך געלאָזט לויפען וואו די אויגען טראָגען.

און דער שניידער נעבאַך?... און דער היוצא־לנו־מזה?... און דער מאי־קא־משמע־לן פון דער מעשה? — וועט פרעגען דער לעזער. צווינגט מיך נישט, קינדער! דער סוף איז געוועזען נישט קיין גוטער סוף. אָנגעהויבען האָט זיך די מעשה זעהר פריילי֜ך, און אויסגעלאָזט האָט זי זיך, ווי דאָס רוב פריילי֜כע געשיכטעס, אוי־וועה, זעהר טרויעריג... און מחמת איהר קענט דעם מחבר פון דער געשיכטע, אז ער איז בטבע ניט קיין מרה־שחורה'ניק און האָט פיינד קלאָגעדיגע און האָט ליעב בעסער לאַכענדיגע מעשיות, און מחמת איהר קענט איהם און ווייסט, אז ער האָט פיינד „מאָ־ראַל" און זאָגען מוסר איז ניט זיין דרך, — לכן געזעגענט זיך מיט אייך דער פערפאַסער מתוך שחוק, לאַכענדיג, און ווינשט אייך, אז אידען, און גלאַט מענשען אויף דער וועלט, זאָלען מעהר לאַכען איידער וויינען. לאַכען איז געזונד. דאָקטוירים הייסען לאַכען...

פינף און זיעבעציג טויזענד

א פעקעל.

נעשריבען אין יאהר 1902.

פינף און זיעבעציג טויזענד

איהר זאגט „פעקלעך?"... אלץ הייסט ביי אייך „פעקלעך"!... מיר דאכט, אז זינט גאט האט באשאפען די וועלט, און זינט אידען זענען א פאלק, האט מען נאך פון אזא „פעקעל" נישט געהערט און נישט געזעהען אין חלום אפילו! אויב איהר האט צייט, רוקט זיך צו, זייט מוחל, און הערט מיך אוים מיט קאפ, וועל איך אייך דערצעהלען פון אלף ביז תיו, מיט אלע ברעקלעך און מיט אלע פישטשעווקעס, א מעשה מיט פינף און זיעבעציג טויזענד. איך פיהל, אז ס'איז מיר ענג אט־א־דא־א, סע קוועטשט מיך, סע ברענט אין מיר א פייער, איך מוז, איך מוז דאס ארויסגעבען פון זיך!... איהר פארשטעהט, צי ניין?... נאר איין זאך וועל איך פון אייך בעטען: אז איך וועל זיך אפשטעלען, אדער פארקריכען קיין בויבעריק, זאלט איהר מיר דערמאנען וואו איך האלט, ווארום פון דער חתונה אן, פון די פינף און זיעבעציג טויזענד הייסט דאס, האט מיר אנגעהויבען, נים פאר אייך גערעדט, זשומען אינ־וועניג אין קאפ, און סע מאכט זיך מיר היינט אפט, אז איך פאר־געס וואו איך האלט... איהר פארשטעהט, צי ניין?... זאגט נאר, האט איהר נישט ביי זיך קיין פינף און זיעבעציג טויזענד... טפו! מיין איך א ציגאר טיטון?

קורץ און גוט, וואו האלט איך? ביי די פינף און זיעבעציג טויזענד הייסט דאס... היינטיגען ערשטען מאי האב איך, ווי איהר זעהט מיך, געוואונען די פינף און זיעבעציג טויזענד. דאכט זיך, אין פלוג, וואס איז דא פארהאן צו הארכען? קארג מענטשען פאר האן, וואס געווינען געלט? למאי אט האט איינער א ניקאלאיע־

ווער, זאָגט מען, אויסגענומען די רי״ש אלפים? צי אַט האָט איין אדעסער יונגערמאַנטשיק, אַ בוכהאַלטער פון אַ קאָנטאָר, געוואונגען פערציג טויזענד קארבען — און שאַ, שטיל, פיין, שען, מהכתיתי... אמת, אויף די גרויסע געווינסען קוקט אַרום די גאַנצע וועלט, הונדערט זעכס און דרייסיג מיליאָן מענטשען זענען אונז מקנא. איהר פאַרשטעהט, צי ניין? נאָר די מעשה איז, וואָס אַ געווינס צו אַ געווינס איז ניט גלייך. די מעשה מיט דעם געווינס איז אַ מעשה נפלא, אַ געקייטעלטע מעשה, אַ מעשה אויף אַ מעשה, און אַ מעשה בתוך מעשה, און אַ מעשה איבער אַ מעשה. מע באַדאַרף זיך, הערט איהר, גוט אונטערצוגאַרטלען, מע זאָל זי אויסהאָרכען ביז׳ן סוף און פאַרשטעהן, וואָס דאָ טהוט זיך.

קודם כל באַדאַרף איך מיך פאַר אייך פאַרשטעלען, ווער איך בין. איך וועל מיך פאַר אייך ניט געהן באַריהמען, אַז איך בין דער גרויסער למדן, מיט׳ן גרויסען עושר, מיט׳ן גרויסען פילאָזאָף. איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ איד פון אַ גאַנץ יאָהר — אַ איד אַ בעל־הבית הייסט דאָס, מיט איין איינענער שטוב, מיט אַ שטיקעל נאָמען און מיט אַ שטיק ווערדע ביי זיך אין שטעדטעל. איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... אמת, אמאָל האָב איך געהאַט געלט, טאַקי גאָר אַ סך געלט, — וואָס איז שייך צו זאָגען אַ סך? בראָדסקי האָט אודאי אַ סך מעהר; נאָר גאָרנישט, עטליכע טויזענד קערבלעך האָב איך געהאַט, האָט זיך, ווי זאָגט איהר, גאָט אַרומגעקוקט אויף מיר, עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט, פאַרשטעהט איהר מיך, מיט אַ מאָל רייך ווערען, האָב איך אַ האַנדעל געטהאָן אין די הונגעריגע נובערניעס מיט ברויט, און בין געבליבען, ווי מע זאָגט, אָהן אַ פּיערער. אַ שטיקעל גליק האָטש, וואָס נישט דערונטער. מיינט איהר דאָך מן הכתם, אַז ווי באַלד איך האָב אָנגעוואָהרען דאָס געלט, בין איך געוואָרען חלילה ביי זיך געפאַלען? קענט איהר מיך נישט! איך בין, פאַרשטעהט איהר, אַזאַ נפש, וואָס געלט שפּיעלט ביי מיר אַזאַ ראָלע, ווי וואָס זאָל איך אייך זאָגען? ווי אַט דאָס אש פונ׳ם פּאַפּיראָס. לחלוטין גאָרנישט,

אבער טאקי גאלע גארנישט ! וואס איז שייך צו זאגען גארנישט ? געלט איז אודאי א גוטע זאך, נאר געהן זיך שלאגען איבער דעם, מפקיר זיין דאס לעבען — דאס נישט. שלעכט איז נאר, אז ס'איז נישטא דאס, וואס מע באדארף, אז מע קאן זיך ניט שטעלען ווי סע געהער צו זיין, אז מע קאן נישט געבען די נדבה מיט דעם נדר, וואס איך וואלט וועלען געבען. איהר מעגט מיר זיכער גלויבען, אז איך זעה בשעת מע געהט־צו צו יענעם בעל־הבית און מע מאנט ביי איהם א דרייערעל אויף דער שטאדט, און ביי מיר נישט, עקט זיך מיר דאס חיות. איהר פארשטעהט, צי ניין ? איך וועל גיכער חאפען א פסק פונ'ם ווייב, פאר וואס ס'איז נישטא אויף שבת, איידער אפזאגען איין ארעמאן, בשעת עס באמבעלט זיך נאך א פערציגער אין בייטעלע. איהר פאר־שטעהט, צי ניין ?... אט אזא מין משוגע'נער בין איך ! האט איהר ניט ביי זיך א פערציגער... טפו ! מיין איך א שוועבעלע אויף צו פארוויכערען ?

קורץ און גוט, וואו זשע האלט איך ? האב איך אנגעוואהרען די עטליכע גילדען און בין געבליבען, הייסט דאס, אהן א פער־ציגער. אז איך האב אנגעוואהרען די עטליכע גילדען און בין געבליבען אהן א פערציגער, רוף איך מיך אן איינמאל אין א שענעם פריהמארגען צו מיין ווייב: „הערסט דו, צפורה, וואס איך וועל דיר זאגען ? מיר זענען ריין". מאכט זי צו מיר: „וואס הייסט, מיר זענען ריין ?" זאג איך: „מיר האבען שוין נישט א פערציגער !" איז דאך עס א אידינע, הויבט זי דאך אן מסתמא צו ליארעמען: „וועה איז מיר, וויסט איז מיר, פינסטער איז מיר, א שלאק איז מיר, יעקב־יוסיל, וואס רעדסט דו, וואו איז דיין געלט ?"... „שא, שא, זאג איך, וואס פילדערסט דו אזוי ? וואו שטעהט דאס געשריבען, אז ס'איז מיין געלט ? ה' נתן וה' לקח, אדער, ווי זאגט איהר: נע בילא או מיקיטא הראשי אי נע בודע ! וואו שטעהט דאס, זאג איך, געשריבען, אז יעקב־יוסיל באדארף זיצען אין פיער דירות און האלטען צוויי דיענסטען און ארויסגעהן

מיט דער שענער שבת'דיגער קאָפּאָטע? למאי, זאָג איך, אָט זעגען פאַרהאַן אידען, וואָס געהען־אוים פון הונגער, — נו, אם כן, שטאַרבען זיי דען? אז מע זאָל וועלען, זאָג איך, געהן מיט דעם גאַנג, למאי דאָס, למאי יענס, וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט"... און נאָך כדומה אַזעלכע ווערטער מיט משלים האָב איך איהר געבראַכט, און זי, מיין ווייב הייסט דאָס, האָט פאַר־שטאַנען, אז איך בין גערעכט, איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... דאָס באַדאַרפט איהר וויסען, אז איך האָב מיין אייגענם אַ ווייב, וואָס איך באַדאַרף מיך מיט איהר כלל ניט שעמען — זי פאַרשטעהט איין עסק; לאַנג טענה'ן באַדאַרף מען נישט. זי האָט באַלד אויפגעהערט צו פילדערען און צו ליאַרעמען און האָט נאָך, אדרבה, גענומען מיר אויסרעדען דאָס האַרץ, אז מסתמא איז דאָס אַ באַ־שערטע זאַך, אז גאָט איז אַ פאָטער, ער וועט מסתמא אויספיהרען... און טאַקי נישט־לאַנג געטראַכט, גענומען און פאַרדונגען די דירה אַ שכן, אליין זיך באַזעצט אין איין שטיבעל מיט אַ קיך, די דיענס־טען, מחילה, אָפּגעשאַפט, דאָס ווייב, זאָל מאריך ימים זיין, האָט פאַרקאַטשעט די אַרבעל און זיך אליין אוועקגעשטעלט ביי'ם אויווען, און איך האָב מיך אליין אויפגערופען חמישי: „יעמוד רב יעקב־יוסיל קבצן!" זיך פאַרשריבען, ווי זאָגט איהר, פאַר איין אָרעמאַן. וואָס איז שייך זאָגען איין אָרעמאַן? פאַרהאַן, מאָהלט אייך, גרעסערע אָרעמע־לייט פון מיר; פאָרט, ווי זאָגט איהר, אַ שטיקעל נחלה, אַ שטוב, וואָס מע קאָן ציהען פון איהר די פּרנסה. דער חסרון איז נאָר, וואָס ס'איז פיער וואָכען אין חודש. אין אַ חודש זאָל מעהר ניט זיין ווי צוויי וואָכען, וואָלט מען מיט דער הוצאה אפשר אויסגעקומען אקוראַט; און אַזוי בלייבען איבער צוויי וואָכען אויפ'ן אַנדערען חודש, איז נישט גוט, וואָס זאָלט איהר קלערען! נאָר גאָרנישט, ווי זאָגט איהר: מיט צרות ווערד מען געוואוינט. ס'איז גאָר נישטאָ קיין בעסערס און קיין רוהי־גערס, זאָג איך אייך, ווי איין אָרעמאַן: מען איז פּטור, פאַר־שטעהט איהר מיך, פון קאָפּדרעהעניש, פון צאָהלעניש, לייהעניש,

בארגעניש, לויפעניש, עולם־התוהו! איז דאך אבער פארהאן א נאמ אויף דער וועלט, זאגט ער: „וואס טויג דיר, יעקב־יוסיל, לעבען בארוהט, אהן צרות? א בילעט האסט דו? נא דיר פינף און זיעבעציג טויזענד און ווער פארשווארצט!"... איהר פאר־שטעהט, צי ניין?... האט איהר נישט ביי זיך קיין בילעט... טפו! מיין איך א פאפיראס טיטון?

קורץ און גוט, וואו זשע האלט איך? ביי'ם בילעט הייסט דאס. א בילעט? אט־אזוי־א האט זיך מסתמא א איד א בילעט און נעמט־אוים די פינף און זיעבעציג טויזענד? ווארט־צו א קאפעטשקע! ערשטענס, אויף וואס האלט א איד א בילעט? ער זאל איהם קאנען פארזעצען און נעמען געלט. נעה זשע, דו שוטה, יעקב־יוסיל, טראג־אריין דעם בילעט אין א באנק און נעם געלט! איז דער תירוץ: ראשית, איז נישטא ביי אונז אין שטעדטעל קיין בענק, והשנית, וואס איז מיר די באנק? א באנק קאן דען נימ אנזעצען, אז זי וויל?... די וועלט איז ניט הפקר, מע חאפט נישט פון די הענט, און ווער דארף עס מיין בילעט? איהר פאר־שטעהט, צי ניין? אזוי האב איך מיר בשעת מעשה געטראכט, און אפשר האב איך בשעת מעשה גאר ניט געטראכט, און האב מיר מיישב געווען: איך האב א שכן, וואס זיצט ביי מיר אין דער דירה טאקי, א יונגערמאן א בעל־הלואה, זעהר א פיינער יונגערמאן, א יונגערמאן, וואס קען שען לערנען, א לייטישער יונגערמאן — פאר וואס זאל איך ניט אפלעגען דעם בילעט ביי איהם? לאז ער מיר נאר געבען אויף איהם צוויי הונדערטער, וועל איך אודאי נעמען, — פאר וואס זאל איך ניט נעמען? בין איך אריינגעגאנגען צו מיין שכן, בירנבוים הייסט ער, און רוף מיך אן צו איהם: „פאני בירנבוים, אפשר וועט איהר מיר געבען צוויי הונדערט קערבלעך אויף מיין בילעט?" מאכט ער: „איך וועל אייך געבען צוויי הונדערט קערבלעך אויף אייער בילעט". זאג איך: „וויפיעל וועט איהר מיר רעכענען פראצענט?" זאגט ער: „וויפיעל זאל איך אייך רעכענען פראצענט?" זאג איך:

„איך ווייס, וויפיעל איהר זאָלט מיר רעכענען פּראָצענט? רעכענט מיר באַנקאָווע פּראָצענט". מאַכט ער: „איך וועל אייך רעכענען באַנקאָווע פּראָצענט"... בקצור, מיר האָבען זיך אויסגעגלייכט מיט'ן פּראָצענט און איך האָב איהם אוועקגעגעבען דעם בילעט אויף פינף חדשים און האָב גענומען די צוויי הונדערט קערבלעך. איהר פאַרשטעהט, צי ניין? גאַה זשע, דו שוטה, יעקב־יוסיל, און נעם־אַרויס ביי איהם אַ צעטעל, אַז דו האָסט ביי איהם אַזאַ און אַזאַ בילעט פון אַזאַ און אַזאַ סעריע מיט אַזאַ און אַזאַ נומער! ניין. נעהמט ער, בירנבוים הייסט דאָס, און נעמט, אדרבה, ביי מיר אַרויס אַ צעטעל, אַז איך האָב ביי איהם אַנטליהען אויף פינף חדשים צוויי הונדערט קאָרבען אויף אַט אַזאַ און אַזאַ בילעט, מיט אַזאַ און אַזאַ נומער, מיט אַזאַ און אַזאַ סעריע; און באַם איך צאָהל איהם ניט אָפּ צום זמן די צוויי הונדערט קערבלעך, איז אַזאַ און אַזאַ בילעט מיט אַזאַ און אַזאַ נומער און מיט אַזאַ און אַזאַ סעריע זיין בילעט, און איך האָב צו איהם קיין טענות ניט... איהר פאַרשטעהט, צי ניין? וואָס האָב איך מיר בשעת מעשה געקלערט? איך האָב מיר געקלערט: וואָס האָב איך דאָ מורא? ממה־נפשך, עס וועט קומען צום זמן און איך וועל אויס־קויפען דעם בילעט, איז דאָך אודאי גוט; אלא ניט, וועל איך איהם באַצאָהלען די עסקא, וואָס איהם קומט, וועט ער מיר וואַר־טען — פאַר וואָס זאָל ער מיר ניט וואַרטען? וואָס אַהרט דאָס איהם, אַבי עסקא! איהר פאַרשטעהט, צי ניין?

כך הוה. ס'איז געקומען צום זמן, האָב איך דאָך מסתמא דעם בילעט נישט אויסגעקויפט; ס'איז אוועקגעגאַנגען די פינף חדשים מיט נאָך פינף חדשים, און אַט אַזוי פּאַוואָלינקע האָט זיך אוועקגעצויגען צוויי יאָהר מיט פינף חדשים; פּראָצענט, גע־וויינטליך, צאָהל איך איהם, דאָס הייסט, אַמאָל געצאָהלט און אַמאָל ניט געצאָהלט. — וואָס האָב איך מורא? ער וועט פאַר־קויפען מיין בילעט? ער וועט ניט פאַרקויפען מיין בילעט! למאי זאָל ער פאַרקויפען מיין בילעט? אַזוי האָב איך מיר בשעת מעשה

געטראכט, און אפשר האָב איך בשעת מעשה גאָר ניט געטראַכט... און די צייט דערווייל איז נישט גוט, קיין געשעפטען איז ניטאָ, וואָכען זענען אין חודש אַלץ איבעריגע, מע מוטשעט זיך, וואָס זאָל מען טהון? אבי, ווי זאָגט איהר, יאָהרען, קיין צרות איז מען ניט זשעדנע... ביז היינטיגען פאַר־פסח...

היינטיגען פאַר־פסח האָט מיר גאָט צוגעשיקט א געשעפטעל: איך האָב געהאַנדעלט עטליכע וואַגאָן הירזש, ס'איז געוואָרען חשוב הירזש, האָב איך פארקויפט די הירזש און האָב דוקא פארדיענט אויף די הירזש, דאַנקען גאָט, שענע עטליכע קערבלעך, און האָב געהאט א פסח, מעגט איהר מיר גלויבען, אז בראָדסקי — בראָדסקי איז גאָרנישט אקעגען מיר! א קליינינקייט, א מענטש איז ניט שולדיג קיינעם א פרוטה ניט, און פארמאָגט נאָך זיין אייגענס א פאָר הונדערט קערבלעך אויך, היינט ווער איז צו מיר גלייך, איהר פארשטעהט, צי ניין? נעם זשע, דו שוטה, יעקב־יוסיל, טראָג־אריין בירנבוים'ען די צוויי הונדערטער און קויף־אוים דעם בילעט! ניין, בין איך מיך מיישב: וואָס האָב איך ניט קיין צייט? בירנ־בוים וועט ניט אנטלויפען מיט'ן בילעט; איך וועל נאָך צייט האָבען אויסקויפען דעם בילעט נאָך פסח, אָדער אניט — וועל איך איינצאָהלען פראָצענט וויפיעל סע קומט און ארויסנעמען א קוויטעל אויפ'ן בילעט. אזוי האָב איך מיר בשעת מעשה גע־טראַכט, און אפשר האָב איך בשעת מעשה גאָר ניט געטראַכט. איהר פארשטעהט, צי ניין? און בין אוועקגעגאַנגען און האָב פאַר'ן געלט געהאַנדעלט זעק, און האָב אָפגעלעגט די זעק אין איין אמבאַר; האָט גאָט געטהאָן א נס, מע האָט אָפגעשלאָגען דעם שלאָס פונ'ם אמבאַר — ס'איז געוועזען היינטיגען נאָך־פסח איז דאָס געוועזען, פונקט דעם דרייסיגסטען אפריל, די נאַכט וואָס אקעגען ערשטען מאַי, ווען כע שפּיעלט דער בילעט — און מע האָט אוועקגע'גנב'עט די זעק, און איך בין ווייטער געבליבען אָהן א פערציגער.

— צפורה, זאג איך צו מיין ווייב, ווייסט דו וואס איך וועל דיר דערצעהלען א נייעס? מיר זענען שוין ווידער ריין.

— וואס הייסט, זאגט זי, מיר זענען ריין?

— מיר האבען שוין ניט, זאג איך, איין זאק אפילו.

— וואס הייסט, זאגט זי, וואו זענען אהינגעקומען די זעק?

— מע האט זיי, זאג איך, היינטיגע נאכט ארויסגעטראגען פונ׳ם אמבאר.

הויבט זי דאך אן מסתמא צו ליארעמען און צו פילדערען, ווי דער שטייגער איז פון א אידינע. רוף איך זיך אן צו איהר:

— שא־שא, צפורה, שריי ניט אזוי, ביזט ניט איינע ביי גאט! עלעהיי, זאג איך, לאז זיך דיר דאכטען, אז ס׳איז פארברענט געווארען די שטוב, און מיר זענען ארוים נאקעט־הויל, ווי די מאמע האט אונז געהאט, — וואלט דיר דעמאלט געווען בעסער?

— ס׳א גוטער משל! — זאגט ז. — דעריבער באדארף מען אוועק׳גנב׳ענען די זעק?

— וואס געהער זיך אן, זאג איך, דאס מיט דעם? אט וועסט דו געדענקען מיין ווארט, זאג איך, עס וועלען זיך געפינען די זעק...

— פון וואנען, זאגט זי, וועלען זיי זיך צו דיר נעמען? די גנבים וועלען דיר אונטערווארפען די גנבה׳שע זעק, דערפאר וואס דו הייסט יעקב־יוסיל?... זיי האבען, אפנים, מעהר נישט וואס צו טהון?...

— ע, ביזט א נארר! — זאג איך. — וואס גאט קאן טהון, קאן א מענטש גאר נישט צוטראכטען אפילו...

כך הוה. די זעק זענען דאך מסתמא געווען פארפאלען, ווי אין וואסער אריין. ווער מיר זעק? וואס מיר זעק? איך בין נאר ארומגעפלויגען, ווי א משוגע׳נער, געהאט צו טהון מיט פאליציע, געזוכט אין אלע ווינקעלעך, געגישטערט אין אלע מייזנלעכער. נאר ווער? וואס? גנה זוך דעם פאראיאהריגען שניי, דעם נעכטיגען טאג! איהר פארשטעהט, צי ניין? דער קאפ איז אין

דער ערד, דאָס האַרץ איז ניכטער, אין מויל איז טרוקען, אויף דער נשמה איז וויסט און פינסטער, — שטעה איך מיר אַזוי אין מאַרק ביי אונז אויף דער בערזע, ביי דער אַפּטייק הייסט עס, און עס פליהט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ, — ס'איז געווען אין דער פריה, אַרום זייגער צוועלף איז דאָס געווען: „סטייטש, ס'איז דאָך עפּיס היינט אַ יום-הדין, ערשטער מאַי, דער בילעט שפּיעלט, אַ קשיא אויף גאָט? מיר האָבען אַ גרויסען גאָט און אַ שטאַרקען! ער קאָן דאָך, אויב ער וויל נאָר, באַגליקען מיך מיט מיין גאַנצער משפּחה!“... און דאָ דערמאָן איך מיר אָן די נע'-גנב'עטע זעק, פאַרגעס איך, אַז ס'איז ערשטער מאַי און אַז איך האָב אַ בילעט, וואָס שפּיעלט, און לאָז מיך ווידער אַ מאָל זוכען די זעק, עפּיס האָט זיך געפונען אַ שטיקעל סליד פון די זעק, — און אַזוי דעם גאַנצען טאָג מיט דער גאַנצער נאַכט, ביז אויף מאָרגען, דעם צווייטען מאַי. אַליין בין איך פאַרטאַרעראַמט, אַ גאַנץ מעת-לעת אין מויל נישט געהאַט, שוין זייגער איינס, דאָס האַרץ נעהט מיר אונטער, איהר פאַרשטעהט, צי ניין? איך קום אהיים, פאַלט נאָך אָן אויף מיר דאָס ווייב:

— טאָמער וואָלסט דו נעגאַנגען זיך וואַשען און עפּיס נעמען אין מויל אריין? טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג זעק? דיינע זעק ליגען מיר שוין אָט-אַ-דאָ-אָ! חאַפּט דער רוח די זעק! מע באַדאַרף זיך טאַקי נעמען דאָס לעבען פון די זעק? אַזוי ווי מיט די זעק, אַזוי אָהן די זעק! נאַ דיר איין עסק מיט זעק! זעק-זעק! זעק-זעק!

— ווייסט דו וואָס, מיין ווייב? — זאָג איך צו איהר. — טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג זעק? סע זעקט מיר שוין אַזוי אויך גוט אין קאָפּ, קומסט דו צו געהן און זאָלצסט מיר אויף די וואונדען: זעק-זעק! זעק-זעק!... איהר פאַרשטעהט, צי ניין? אפשר געפינט זיך ביי אייך נאָך אַ זאַק... טפו! מיין איך נאָך אַ פּאַפּיראָס?

קורץ און גוט, וואו זשע האלט איך? ביי די זעק הייסט דאָס. מילא, פארפאלען די זעק. וואָס זאָל מען טהון? די נשמה אויס־שפייען קאָן מען ניט. איך וואש מיך און זעץ מיך צום טיש — ווער? וואָס? עס קריכט ניט אין מויל אריין.

— וואָס איז מיט דיר, יעקב־יוסיל? — פרעגט מיך מיין ווייב זאָל לעבען. — ווער איז דיר איבערגעגאנגען דעם וועג היינ־טיגען טאָג?

— איך וויים אליין ניט, וואָס מיר איז! — זאָג איך און וואַרף־אוועק אין מיטען עסען און לעג מיך צו אביסעל אויף דער סאָפע. אזוי ווי איך ליג מיר, אזוי טראָגט מען מיר אריין דאָס בלאַט פון דער פּאָסט. נעם זשע, דו שוטה, יעקב־יוסיל, און טהו א קוק אין בלאַט, ס'איז היינט דער צווייטער מאי, אפשר האָט דיין בילעט עפּיס געוואונען? — ווער? וואָס? פרעגט מיך בחרם, צי ס'איז היינט דער צווייטער מאי, צי ס'איז היינט דער צוויי־און־צוואַנציגסטער יוני, צי גאָר ראש־חודש קרעמעניץ! איהר פאַר־שטעהט, צי ניין? און איך נעם דאָס בלאַט און הויב־אָן צו לייענען, געוויינטליך, פון מה־טובו. בקיצור, איך ליג מיר אזוי און לייען אלערליי נייעסען: געשאָסען — געהאנגען, געשטאָ־כען — געקוילעט, די ענגלענדער מיט די בורען — עס קריכט מיר מסתמא אין איין אויהער אריין, פו'ם אנדערען ארויס. וואָס מיר ענגלענדער, ווער מיר בורען, אז ביי מיר האָט מען אוועקגע'גנב'עט די זעק? א כפרה אלע ענגלענדער מיט אלע בורען פאר מיינע זעק! אזוי האָב איך מיר בשעת מעשה געטראַכט, און אפשר האָב איך בשעת מעשה נישט געטראַכט גאָרניט, און מיש מיר דאָס בלאַט פון איין זייט אויף דער אנדערער, פון דער אנדערער אויף דער דריטער — איך טהו א קוק: טיראַזש!... פליהט מיר דורך פלוצים א מחשבה: אפשר האָט מיין בילעט אויסגענומען חאָטש ת"ק קערבלעך? אצינד וואָלט דאָס מיר צו מיינע זעק דוקא געווען צונעפּאַסט, ווי געוואונשען! און איך נעם און קוק־איבער פון אונטען ארויף אלע ת"ק'ער — נישטאָ; טויזענדער — נישטאָ;

פינפטויזענדער, אכטטויזענדער, צעהנטויזענדער — אודאי ניט! אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז איך בין געקומען צו די פינף־און־זיעבעציג טויזענד. און אז איך בין געקומען צו די פינף־און־זיעבעציג טויזענד, האט מיר עפּיס מיט א מאל זיך אווארף גע־טהאן אין די אויגען און א זעין געטהאן אין קאפּ: סעריע 2289, נומער 12! איך וואלט געמעגט שווערען, אז ס'איז מיין נומער! נאר ווייס איך! ווי קומט צו מיר, שלים־מזל, אזא גרויס געווינס? איך קוק זיך גוט איין אין די ציפערס — רבונו־של־עולם! ס'איז פּארט מיין נומער! איך וויל אויפשטעהן — קאן איך ניט; איך בין ווי צוגעוואכסען געווארען צו דער סאפע. איך וויל א געשריי טהון: „צפּורה!" — קאן איך ניט; די צונג איז מיר עפּיס מיט א מאל ווי צוגעוואכסען געווארען צום גומען. איך האב זיך אנ־גענומען מיט אלע כחות, בין אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צום טיש־קעסטעל, א קוק געטהאן ביי זיך אין בוך. יא, ווי איך בין א איד: סעריע 2289, נומער 12!...

— צפּורה, — זאג איך צו מיין ווייב און די הענט ציטערען מיר און די צייהן אין מויל קלאפּען. — דו ווייסט? עס האבען זיך געפונען די גנבה'שע זעק...

קוקט זי מיך אן ווי א משוגענעם.

— וואס רעדסט דו? דו ווייסט וואס דו רעדסט?

— איך זאג דיר, — מאך איך צו איהר — גאט האט אונז אומגעקעהרט אונזערע זעק בכפל כפלים און מיט פּראצענט... אונ־זער בילעט האט אויסגענומען און מיר האבען געוואונען, זאג איך, א פולע היטעל מיט געלט!

— דו זאגסט דאס ערנסט, יעקב־יוסיל, צי דו לאכסט פון מיר?

— וואס הייסט, — זאג איך, — איך לאך? איך זאג דאס גאנץ ערנסט, אונז קומט מזל־טוב, מיר האבען געוואונען געלט!

— וויפיעל זשע האבען מיר געוואונען? — מאכט זי צו מיר און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין, ווי איינער רעדט:

„אנו, לאז דאס נאר זיין א ליגען, וועסט דו זיך פון מיר נישט נארען!“

— אשטייגער, כדומה למשל, וויפיעל האסט דו א השגה זאלען מיר געווינען?

— איך ווייס? — זאגט זי. — עטליכע הונדערט קערבלעך מסתמא?

— פאר וואס ניט — זאג איך — עטליכע טויזענד?

— וויפיעל הייסט עטליכע טויזענד — זאגט זי — פינף? צי זעכס? צי אפשר טאקי אלע זיעבען?...

— אויף מעהר — זאג איך — האסט דו, אפנים, קיין השגה ניט?

— צעהנטויזענד? — זאגט זי.

— האב שכל, — זאג איך — נעם א ביסעל העכער!

— פופצעהן טויזענד?

— נאך העכער!

— צוואנציג? פינף־און־צוואנציג?

— נאך העכער!

— יעקב־יוסיל, — זאגט זי — זאג, מוטשע ניט!

— צפורה! — זאג איך און נעם זי אן ביי דער האנד און קוועטש זי. — מיר האבען געוואונען איין עושר מיט געלט! א גאנצען גביר האבען מיר געוואונען! אזוי פיעל געלט, וואס עס האט זיך דיר קיינמאל ניט פארגעשטעלט אין חלום אפילו!

— נו, זאג זשע, זאג, וויפיעל האבען מיר געוואונען, יעקב־יוסיל, ציה נישט ביי דער נשמה!

— מיר האבען געוואונען — זאג איך — א פויטעקע, א סך געלט, איין אוצר, א סומע פון פינף־און־זיעבעציג טויזענד קארבען! דו הערסט, צפורה? פינף־און־זיעבעציג טויזענד!

— געלויבט ביזט דו, גאט! — זאגט זי און חאפט זיך אויף און הויבט־אן ארומלויפען איבער׳ן שטוב און ברעכען די הענד. — געבענטשט זאל זיין דער נאמען דיינער, וואס דו האסט זיך ארומ־

געקוקט אויף אונז אויך א מאָל און האָסט אונז באגליקט! א דאנק דיר, גאָטעניו, א דאנק דיר!... האָסט דו נאָר גוט אכטונג געגעבען, יעקב־יוסיל, האָסט חלילה קיין טעות ניט? געלויבט ביזט דו, גאָט, דערבארעמדיגער פאָטער, הארציגער־געטרייער! די גאנצע משפחה וועט זיך מחיה זיין, גוטע פריינד וועלען זיך פרעהען, שונאים וועלען צעפיקעט ווערען! א קלייניגקייט — אזוי פיעל געלט, קיין עין־הרע! וויפיעל זאָגסט דו, יעקב־יוסיל, פינף־און־זיעבעציג טויזענד?

— פינף־און־זיעבעציג טויזענד! — זאָג איך. — געב מיר צפורה, די קאפאָטע, לאָם איך געהן.

— וואוהין וועסט דו געהן?

— וואָס הייסט וואוהין זאָל איך געהן? צו בירנבוים'ען באדאָרף איך אריינגעהן, דער בילעט ליגט דאָך ביי איהם פאַר־זעצט... און קיין צעטעל האָב איך פון איהם ניט...

אז איך האָב איהר אויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער, איז זי געוואָרען אלערליי קאָלירען, מיין ווייב הייסט דאָס, און נעמט מיך אָן פאַרביידע הענט און רופט זיך אָן צו מיר:

— יעקב־יוסיל, ווי גאָט איז דיר ליעב, געה נישט גלייך. באטראכט זיך פריהער, וואָס דו טהוסט און וואוהין דו געהסט און ווי אזוי דו זאָלסט מיט איהם רעדען. פארגעס ניט, ס'איז פינף־און־זיעבעציג טויזענד!

— דו רעדסט ווי א אידינע! — זאָג איך. — און אז פינף־און־זיעבעציג טויזענד איז וואָס? וואָס בין איך עפּיס, א יונגעלע?

— פאָלג מיך, — זאָגט זי — יעקב־יוסיל, באטראכט זיך פריהער, האַלט זיך איין עצה מיט א גוטען פריינד, געה נישט גלייך אהין, איך וועל דיך ניט לאָזען!

קורץ און גוט, איהר ווייסט דאָך, אז א ווייב שפּאַרט זיך איין, פיהרט זי אוים איהרם. מיר האָבען אריינגערופען א גוטען פריינד, דערצעהלט איהם די גאנצע געשיכטע. אויסגעהערט די מעשה, מאכט ער, אז זי איז גערעכט, מיין ווייב הייסט דאָס, וואָרום פינף־

און־זיעבעציג טויזענד איז ניט קיין שפיעלעכעל; דערווייל ליגט דער בילעט ביי יענעם, און קיין צעטעל אויף איהם איז נישטא, געלט איז א יצר־הרע, א קשיא אויף א מעשה — טאמער קומט איהם אן א שלעכטע מחשבה, ס'איז פינף־און־זיעבעציג טויזענד!

איהר פארשטעהט, צי ניין? וואס זאל איך אייך זאגען — זיי האבען מיך אריינגעווארפען אין אזא מרה־שחורה, אז איך האב שוין אליין אויף אנגעהויבען מורא האבען און איבערקלערען מי יודע וואס... ווי אזוי זשע טהוט מען דא? איז געבליבען, איך זאל נעמען מיט זיך צוויי הונדערט קערבלעך (געלט איז געווארען מיט דער רגע, ווארום אז מע געווינט פינף־און־זיעבעציג טויזענד, ווערד מען שוין א בטוח) און זאל מיטנעמען מיט זיך א מענטשען, דער מענטש זאל דערווייל שטעהן הינטער דער טהיר, און איך זאל מאכען מיט מיין בירנבוים'ען א שמועס, באצאהלען איהם זיין חוב מיט פראצענט און אויסקויפען דעם בילעט. איז דאך ממה־נפשך: וועט ער אפגעבען דעם בילעט, איז דאך אודאי גוט; אלא ניט, וועל איך חאטש האבען איין עדות... איהר פארשטעהט, צי ניין? „דאס איז אבער אלסדינג גוט, — טראכט איך מיר — אויב ער ווייסט נאך ניט, אז דער בילעט האט געוואונען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד. וואס טהוט מען אבער, אז ער האט אויך א בלאט, און האט אויך געזעהען, אז דער נומער האט געוואונען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד. און וואס טהו איך, אז ער זאגט, אשטייגער, ווי יענע אידינע מיט'ן טעפעל: „ערשטענס, האב איך אייך שוין לאנג אפגעגעבען אייער בילעט; צווייטענס, איז אייער נומער גאר ניט דער נומער; און דריטענס, האב איך ביי אייך קיינמאל קיין בילעט ניט גענומען!?“... איהר פארשטעהט, צי ניין? סיידען אפשר גאט האט א נס געטהאן, ער ווייסט נאך ניט פון קיין געווינס?

— געדענק זשע, יעקב־יוסיל, ס'איז נישט קיין קלייניג־קייט — דו געהסט איצטער אויף פינף־און־זיעבעציג טויזענד! מע זאל ביי דיר נישט דערקענען אויפ'ן פנים קיין סימן, קיין זכר פון

קיין פינף־און־זיעבעציג טויזענד! און וואס סע זאל זיך מיט דיר נישט טרעפען, זאלסט דו געדענקען, אז דאס לעבען איז טהייערער פון פינף־און־זיעבעציג מאל פינף־און־זיעבעציג טויזענד!

אזוי מאכט צו מיר מיין ווייב זאל געזונט זיין און נעמט מיך אן פאר ביידע הענט און זאגט מיר, איך זאל איהר געבען דאס ווארט, דאס הייליגע ווארט, אז איך זאל זיין רוהיג... רוהיג? איהר פארשטעהט, גער זיי רוהיג, אז דאס הארץ קאכט אין מיר, און די געדאנקען שלאגען, און איך קאן מיר נישט מוחל זיין: „סטייטש, סטייטש, יעקב־יוסיל שוטה, נעמסט און גיסט אוועק א בילעט פון פינף און זיעבעציג טויזענד א בירנבוים'ען, א ווילד־פרעמדען, און נעמסט נישט ארויס ביי יענעם קיין צעטעל, קיין איינגעטונקטע פען! איהר פארשטעהט, צי ניין?... געפינט זיך נישט ביי אייך קיין איינגעטונקטע פען... טפו! מיין איך קיין פאפיראס טיטון?

קורץ און גוט? וואו זשע האלט איך? ביי בירנבוים'ען הייסט דאס. שען וואלט געווען, טראכט איך מיר, ווען מיין בירנבוים זאל האבען געהאט לאנג דורכגעקוקט דאס בלאט און ווייסט שוין פון די פינף־און־זיעבעציג טויזענד גלייך מיט מיר, און אפשר נאך פריהער פון מיר, און איך קום צו איהם און זאג איהם: „גאט העלף אייך, פאני בירנבוים"... „גוט יאהר. וואס וועט איהר עפים זאגען?"... „וואו איז מיין בילעט, פאני?"... „וואסער בילעט?"... „דער בילעט, סעריע 2289, נומער 12, וואס איך האב ביי אייך פארזעצט"... קוקט ער מיך אן ווי א תם... אט אזעלכע מחשבות פליהען מיר דורך אין קאפ, און אין הארצען ווערד מיר ענג, אין האלז שטיקט מיך. נישטא קיין „דעחאניע", קיין פיצעל אטהעם! צום סוף, וואס לאזט זיך אויס? איך קום צו בירנבוים'ען: וואו איז בירנבוים? — ער שלאפט... ער שלאפט? איז דאך א סימן, אז ער ווייסט נאך נים פון קיין פותר און פון קיין חלום. געלויבט ביזט דו גאט!... איך קום אריין צו איהם אין שטוב אריין, טרעף איך דאס ווייב זיינס, פייגעלע רופט

מען זי, אין קעך. ס'איז א רויך און א היטץ און א טוואן ביז'ן האלז.

— ברוך הבא, א גאסט, רב יעקב־יוסיל! — מאכט צו מיר פייגעלע און בעט מיך אריין אין שטוב אריין, און באזעצט מיך גאנץ אויבענאן, און פרעגט, וואס איז די מעשה, וואס מע זעהט מיך ניט?

— איך ווייס פאר וואס מע זעהט מיך ניט? איך ווייס אליין ניט! — זאג איך און קוק איהר בשעת מעשה אין די אויגען אריין און טראכט מיר: „זי ווייסט שוין, צי זי ווייסט נאך ניט? דאכט זיך, אז זי ווייסט נאך ניט?... און אפשר ווייסט זי שוין?"...

— וואס זשע מאכט איהר עפּיס, רב יעקב־יוסיל?

— וואס זאל איך מאכען? — זאג איך. — מסתמא האט איהר געהערט פון מיין „פעקעל"?

— פון וואסער „פעקעל"?

— סטייטש, איהר האט גאר ניט געהערט — זאג איך — די מעשה מיט די זעק, וואס מע האט ביי מיר אוועקגע'גנב'עט?

— אט דאס איז דאס „פעקעל"? — מאכט זי. — דאס איז דאך שוין איין אלטע מעשה! איך האב געמיינט עפּיס א נייעס. „עפּיס א נייעס?... צי מיינט זי ניט די פינף־און־זיעבעציג טויזענד?" — אזוי טראכט איך מיר און קוק איהר גלייך אין די אויגען אריין און קאן ביי איהר אין די אויגען נישט איבערלייענען גארניט, גאלע גארניט, קיין פיצעל ניט אפילו!

— אפשר וועט איהר טרינקען א גלעזעל טיי, רב יעקב־יוסיל, וועל איך הייסען צעבלאזען דעם סאוואר ביז מיין מאן וועט אויפשטעהן.

— א גלעזעל טיי? מהכתיתי, פאר וואס ניט? — מאך איך צו איהר און דאס הארץ געהט מיר אונטער, קיין „דעחאניע" איז נישטא, קיין פיצעל אטהעם, אין מויל איז טרוקען, אין שטוב הייס, דער שוויס רינט, און זי, פייגעלע הייסט דאס, רעדט צו מיר — לאם איך אזוי וויסען א בייזע וועטשערע מיט אייך אינאיינעם,

ווי איך ווייס וואס זי רעדט! אז דער קאפ איז מיר נאר דארטען, אין יענעם אלקיר, וואו בירנבוים לינט און שלאפט און חראפעט אזוי געשמאק, איהר פארשטעהט, צי ניין?

— פאר וואס טרינקט איהר ניט? — מאכט זי צו מיר, פייגעלע הייסט דאס.

— וואס דען טהו איך? — זאג איך און דרעה און דרעה מיט'ן לעפעלע אין גלאז.

— איהר דרעהט מיט'ן לעפעלע — זאגט זי — שוין א שעה כסדר, און טרינקען טרינקט איהר נישט.

— א דאנק, — זאג איך — איך טרינק נישט קיין קאלטע, מיין איך קיין הייסע טיי; איך האב ליעב, זאג איך, אז די טיי שטעהט זיך אפ און ווערד גוט היים, מיין איך גוט קאלט, דאס הייסט, זי ווערד גוט אפגעהיצט, מיין איך אפגעקיהלט...

— עפיס זענט איהר מיר זעהר צעטראגען, רב יעקב־יוסיל! — מאכט זי צו מיר. — איהר זענט אזוי צעטראגען, אז איהר ווייסט גאר נישט וואס איהר רעדט. שוין זשע באדארף מען זיין אזוי צעטראגען, אז מע גנב'עט אוועק די זעק? גאט וועט העלפען, די זעק וועלען זיך נאך געפינען. איך האב געהערט, מע זאגט, ס'איז פארהאן א סליד... שא, מיין מאן ריהרט זיך שוין, ער שטעהט שוין אויף. אט געהט ער!

ארויסגעקומען איז מיין חברה־מאן א פארשלאפענער מיט א זיידען יארמעלקעלע אויפ'ן קאפ, זיך געריבעי די אויגען און געקוקט אויף מיר פון צפון־זייט.

— וואס מאכט א איד, רב יעקב־יוסיל?

די ערשטע מחשבה מיינע איז געווען: „ער ווייסט? צי ער ווייסט ניט? דאכט זיך, אז ער ווייסט ניט? און אפשר יא?"

— וואס זאל מען מאכען? — זאג איך. — איהר האט דאך געהערט מיין אומגליק מיט די זעק?

— די מעשה האט שוין א בארד; דערצעהלט אונז עפיס נייעס... געפינט זיך ניט ביי דיר, פייגעלע, אביסיל איינגעמאכטס,

ס'איז מיר פאסקודנע אין מויל פונ'ם שלאף. — מאכט בירנבוים און פארקרימט זיך.

„נו, ווי באלד עס ווילט זיך איהם איינגעמאכטס, איז א סימן, אז ער ווייסט נאך גאר נישט גיט"... — אזוי קלער איך מיר און איך פארבינד מיט איהם א שמועס דער רוח ווייסט פון וואס, עס קלעבט זיך ניט א ווארט צו א ווארט. אינוועניג אין בויך גענזעלט מיך, אין האלז שטיקט מיך, איך פיהל, אז עס עקט זיך מיר דאס חיות, אט פאל איך אום, אט הויב איך אן צו שרייען אויף א קול: „גוואלד, אידישע קינדער, פינף און זיעבעציג טויזענד!" איהר פארשטעהט, צי ניין?... ביז גאט האט רחמנות געהאט, איך בין ארויף אויף א שמועס מכח פראצענט.

— איך קאן אייך, פאני בירנבוים, געבען אביסעל פראצענט, זאג איך, דאס הייסט, איך קאן אייך באצאהלען דאס פראצענט, וואס אייך קומט אויפ'ן בילעט.

— אך, מהכתיתי, מיט'ן גרעסטען כבוד! — מאכט ער און פארזוכט א לעפעלע איינגעמאכטס.

— וויפיעל זשע וועט אייך קומען, זאג איך, פראצענט הייסט דאס?

— איהר ווילט וויסען, מאכט ער, א חשבון, צי איהר ווילט טאקי צאהלען געלט?

— ניין, — זאג איך, — איך מיין טאקי, הייסט דאס, צאה־לען געלט ממש.

— פייגעלע! אנו, געב נאר אהער דאס בוך...

דערהערט די דאזיגע ווערטער, בין איך פון טוידט לעבעדיג געווארען: „ער ווייסט נעבאך ניט פון וואס צו זאגען!"...

באצאהלט דאס פראצענט, רוף איך זיך אן צו איהם:

— פארשרייבט זשע טאקי, זייט מוחל, פאני בירנבוים, ביי אייך אין בוך הייסט דאס, אז איהר האט מקבל געווען ביי מיר פראצענט פאר מיין בילעט סעריע 2289, נומער 12.

— פארשרייב, מאכט ער, פייגעלע, פאר'ן בילעט סעריע 2289, נומער 12.

„ער הויבט נישט אן צו וויסען!" — קלער איך מיר און פארבינד מיט איהם א שמועס מכח'ן בילעט, אז עס לוינט נאר ניט צו האבען א בילעט און צאהלען פאר איהם פראצענט; און וואס וועט זיין מיט'ן בילעט אויף ווייטער?...

— אקענען וואס, הייסט דאס, זאגט איהר דאס? — מאכט ער צו מיר און טהוט א קוק אויף מיר מיט איין אייגעל פון צפון־זייט.

פונ'ם דאזיגען קוק האט זיך מיר אפגעריסען אין הארצען; ס'איז מיר נישט געפעלען דער קוק, איהר פארשטעהט, צי ניין? נאר איך האב מיך באלד פארחאפט און האב א זאג געטהאן:

— פארשטעהט איהר, פאני בירנבוים, איך זאג דאס אקענען דעם, וואס סע פאלט הוצאות אויפ'ן בילעט. איהר וואלט, כלע־בען, געמענגט נעמען ביי מיר אויף ווייטער מיט א פראצענט ווינ־ציגער; פארט, ווי זאגט איהר, אלטע באקאנטע און נאהענטע שכנים.

— ניין, — זאגט ער, — אלסדינג יא, נאר דאס ניט. ווילט איהר אזוי, איז רעכט, אניט — באצאהלט מיר מיין געלט און פארזעצט אייך איהם ערגיץ אנדערש.

— טאקי היינט? — זאג איך און דאס הארץ קלאפט מיר, ווי א האמער: טיק־טיק־טאק! טיק־טיק־טאק!

— אפילו באלד! — מאכט ער.

— נאט זשע אייך אייער געלט! — זאג איך און נעם און לעג איהם אנידער זיינע צוויי הונדערטער, און דאס הארץ — אט־אט שפרינגט דאס ארויס!

— נעם געלט! — מאכט ער צו פייגעלען און אליין בויגט ער זיך אן צו דער גלאז טיי און פארבייסט מיט א לעפעלע איינ־געמאכטס. נאכ'ן לעפעלע נעמט ער נאך א לעפעלע, און נאך יענעם לעפעלע — נאך א לעפעלע און נאך א לעפעלע. איך וואלט

שוין וועלען דערלעבען זעהען אַ בילעט, און צום סוף עסט ער גאָר איינגעמאַכטס! מיך קאָסט יעדע מינוט, יעדע רגע בלוט און געזונט! מע קאָן אָבער קיין חזיר ניט זיין: יענער האָט ליעב איינגעמאַכטס — לאָז איהם וואָהל באַקומען. טרייבען יענעם האַלז־און־נאַקען פאַסט אויך נישט, מוז מען זיצען אין געהאַקטע וואונד־ען און וואַרטען ביז ער וועט מאַכען איין עק מיט'ן איינ־געמאַכטס. איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... געפינט זיך ניט ביי אייך אַביסעל איינגעמאַכטס... טפו! מיין איך אַ פּאַפּיראָס טיטון?

קורץ און גוט, וואו זשע האַלט איך? מיין חברה־מאַן עסט איינגעמאַכטס. אָפּגעגעסען דעם איינגעמאַכטס און אָפּגעווישט די ליפּען, רופט ער זיך אָן צו מיר:

— רב יעקב־יוסיל, געלט האָב איך ביי אייך אָפּגענומען, פּראָצענט האָט איהר מיר באַצאָהלט, אַצינד באַדאַרף איך אייך, הייסט דאָס, געבען אייער בילעט?

— אַ פּנים האָט דאָס! — מאַך איך כלומרשט קאַלטבלוטיג און פאַל שיער חלשות פאַר פרייד.

— דער חסרון אָבער — מאַכט ער — איך קאָן אייך הייגט דעם בילעט נישט געבען.

ווי ער האָט מיר אויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער, האָב איך דערפיהלט, אַז עס האָט זיך מיר עפּיס אַ ריס געטהאָן אינוועניג אין האַרצען; איך בין מיט אַ מאָל אַראָפּגעפאַלען פונ'ם זיעבעטען הימעל גלייך אויף דער ערד. ווי אַזוי איך האָב מיך געהאַלטען אויף די פיס — פאַרשטעה איך ניט.

— וואָס איז די מעשה, פאַני בירנבוים, פאַר וואָס קאָנט איהר מיר ניט געבען מיין בילעט?

— דערפאַר, — זאָגט ער — וואָס איך האָב איהם נישט ביי זיך.

— וואָס הייסט — זאָג איך — איהר האָט איהם נישט ביי זיך?

— ער ליגט ביי מיר — זאָגט ער — אויף מיין רעכענונג אין באַנק.

דערהערט די דאָזיגע דבורים, איז מיר געוואָרען אביסעלע גרינגער אויף דער נשמה, און איך האָב מיך פאַרטראַכט.

— וואָס האָט איהר זיך — מאַכט ער צו מיר — אַזוי פאַר־טראַכט?

— גאָר נישט, זאָג איך, איך שטעה און טראַכט, ווי אַזוי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער?

— גאַנץ פּשוט — מאַכט ער: — איך פאָהר מאָרגען אין שטאָדט אריין, ברענג איך אייך דעם בילעט.

— אויך גע'פּועל'ט! — זאָג איך און הויב מיך אויף און געזעגען זיך אָפּ, און לאָז מיך געהן כלומרשט צו דער טהיר און קעהר מיך אום באַלד צוריק.

— געפעלט אייך בעסער, פאַני בירנבוים, וואָס פאַר אַ שטיק סוחר איך בין? דאָס געלט האָב איך אייך אָפּגעגעבען, פּראָצענט אָפּגעצאָהלט, דער בילעט ליגט ביי אייך, — גיט זשע מיר חאָטש אַ קוויטעל אויפ'ן בילעט!

— אויף וואָס נוצט אייך אַ קוויטעל? — מאַכט ער. — איך בין ביי אייך נישט קיין בטוח אויף צוויי הונדערט קערבלעך אָהן אַ קוויטעל?

— און אפשר זענט איהר אויך גערעכט? — זאָג איך און לאָז מיך געהן צו דער טהיר און קעהר מיך אום ווידער אַ מאָל צוריק.

— ניין, — זאָג איך צו איהם — עס פּאַסט עפּיס נישט, ס'איז ניט מעשה סוחר; אַז מע האָט ביי יענעם אַ בילעט, באַ־דאַרף מען האָבען אַ קוויטעל... פאָלגט מיך, פאַני בירנבוים, גיט מיר אַ קוויטעל. פאַר וואָס זאָלט איהר מיך ניט געבען קיין קוויטעל?

פלוצים הויבט זיך אויף מיין בירנבוים, נעהט־אוועק צו זיך אין אלקיר אריין הינטער׳ן פארהאנג און טהוט א רוף פיינעלען צו זיך.

— פאני! — רוף איך זיך אן צו איהם. — איך ווייס אויף וואס איהר רופט צו זיך פיינעלען. איהר ווילט איהר הייסען, זי זאל שיקען די דיענסט קויפען דאס בלאט, ס׳איז היינט דער צוויימער מאי, ווילט איהר א קוק טהון, צי האט דער בילעט נישט געוואונען קיין געלט? למאי זאלט איהר זיך אומזיסט מטריח זיין? איך וועל אייך בעסער אליין אנזאגען די בשורה, אז מיין בילעט האט, דאנקען גאט, געוואונען שען געלט!

מיין פארשוין איז געווארען אלערליי קאלירען.

— טאקי באמת? — זאגט ער. — לאז אייך גאט העלפען! וויפיעל זשע האט ער געוואונען?

— ער האט געוואונען — זאג איך — היבשליך, אויף אלע אידישע קינדער געזאגט געווארען, און דערפאר טאקי וויל איך ביי אייך א קוויטעל, איהר פארשטעהט, צי ניין?

— איך זאג דאך אייך — מאכט ער: — לאז אייך גאט העלפען אפילו די רי״ש אלפים — איך פארגין אייך, גלויבט מיר, מיט׳ן גאנצען הארצען! פארט וויפיעל האט דער בילעט געוואו־נען? וואס האט איהר מורא אויסצוזאגען?

— פאני בירנבוים! — זאג איך. — וואס טויגען אונז לאנגע מחזקות מיט איבעריגע רעד? דער בילעט האט געוואונען פינף־און־זיעבעציג טויזענד קארבען, און ער ליגט ביי אייך, פראצענט האב איך אייך באצאהלט, דאס געלט האב איך אייך אפגעגעבען, — גיט מיר אפ מיין בילעט! איהר זאגט, איהר האט נימ דעם בילעט, ער ליגט אין באנק? גיט מיר ארויס א קוויטעל, און איין עק לאז דאס האבען!

וואס טויג אייך — ביי מיין פארשוין האבען זיך מיט א מאל איבערגעקעהרט די אויגען און דאס פנים איז איהם געווארען אנגע־צונדען. איך האב ארויסגעזעהען, אז ס׳איז מיט איהם נישט

פרייליך, רוף איך איהם אפ אויף א זייט און נעם איהם אן ביי די הענט און זאג צו איהם:

— ליעבער פריינד! האט רחמנות אויף מיר און אויף זיך, זאגט וואס ווילט איהר. מיר וועלען דורכקומען. מוטשעט מיך נית, איך שטעה קוים אויף די פיס. זאגט וויפיעל ווילט איהר, און גיט מיר ארויס א קוויטעל אויפ'ן בילעט. ס'איז נאריש, איך וועל אהן א קוויטעל פון דאנען נית אוועקגעהן, ווארום ס'איז פינף־און־זיעבעציג טויזענד קארבען!

— וואס זאל איך אייך זאגען? — מאכט ער און די אויגען ברענען ביי איהם ווי פייער. — מיר וועלען זיך פארלאזען אויף מענטשען: וואס מענטשען וועלען זאגען, אזוי וועט זיין.

— וואס טויג אונז — זאג איך — מענטשען? לאמיר בעסער אליין זיין מענטשען. פאלגט מיך, בירנבוים, ווי גאט איז אייך ליעב, זאגט וואס ווילט איהר. לאמיר נישט דערלאזען צו קיין לייטיש געלעכטער און צו סקאנדאלען!

— נאר מענטשען! — זאגט ער. — וואס מענטשען וועלען זאגען, אזוי וועל איך טהון...

איך האב ארויסגעזעהען, אז איך וועל מיט איהם גאר נית מאכען, האב איך אויפגעעפענט די טהיר און רוף מיך אן צו מיין פארשוין, דעם עדות הייסט דאס: „זיידעל! אצינד קאנסט דו געהן!“ מיין זיידעל האט געחאפט די פיס אויף די פלייצעס און איז אוועק און האט אויסגעפויקט איבער דער גאנצער שטאדט, אז יעקב־יוסיל'ס בילעט האט אויסגענומען פינף־און־זיעבעציג טויזענד, און אז דער בילעט ליגט ביי בירנבוים'ען און בירנבוים גיט דעם בילעט נישט ארויס!... איהר פארשטעהט, צי ניין?... מעהר האט מען נישט באדארפט האבען: עס איז נית אוועקגעגאנגען קיין האלבע שעה, איז די שטוב ביי בירנבוים'ען געווארען פול, די גאס פאר־פלייצט. עס איז געווארען א רעש, א טומעל, א הו־הא: „בילעט“... „יעקב־יוסיל“... „בירנבוים“... „פינף־און־זיעבעציג טויזענד“... חברה האבען זיך אנגענומען מיין קריוודע, עס האבען זיך געפונען

אזעלכע, וואס האבען געקלאפט אין טיש, אנדערע האבען צוגעזאגט געבען פעטש, ברעכען ביינער, צעטראגען די שטוב אויף פיצ־פיצלעך, גאר נישט אויף קאטאוועס. ביז ס׳איז געבליבען, אז מע פארלאזט זיך איינגאנצען אויפ׳ן גביר. ווי אזוי דער גביר וועט פסק׳ענען, אזוי וועט זיין. און מיר האבען זיך געלאזט, גאנץ קהל הייסט דאס, צום גביר.

אונזער גביר, דארפט איהר וויסען, איז א מענטש א שטילער, א לייטישער און איין ארענטליכער מאן ביז גאר. בסך־הכל האט ער גאר פיינט אזעלכע מעשיות מיט בוררות׳ען! נאר אז גאנץ קהל איז אריינגעפאלען צו איהם מיט א גוואלד: „ראטעוועט!“ אגיט, צעטראגט מען איהם די שטוב! — האט ער קיין אנדער ברירה ניט געהאט און האט געמוזט איבערנעמען אויף זיך די חתונה. און מיר האבען זיך צעשריבען, אז מיר פארלאזען זיך איינגאנצען אויף איהם, און טאקי אויף זיין נאמען האט נעבאך בירנבוים איבערגעשריבען דעם בילעט, און ס׳איז געבליבען, אז, אם ירצה השם, מארגען אדער איבערמארגען פאהרען מיר אלע אין שטאדט ארויסנעמען דעם בילעט פון באנק, און וויפיעל דער גביר וועט הייסען באצאהלען בירנבוים׳ען, אזוי פיעל וועל איך באצאהלען. איהר פארשטעהט, צי ניין?... נאר איהר מיינט דאך מסתמא, אז דערמיט האט דאס איין עק? טע־טע־טע! אט דא הויבט זיך ערשט אן די רעכטע חתונה. איך האב, פארשטעהט איהר מיך, א שותף צו מיין בילעט. וואו האט איהר געזעהען, א איד זאל האבען אליין א גאנצען בילעט? — ווער איז מיין שותף? מיין שותף איז טאקי מיינער איין אייגענער ברודער, העניך הייסט ער, און זיצען זיצט ער אין א קליין שטעדטעל, ניט וויים פון אונז, און דורך איהם, הייסט דאס, האב איך טאקי דעם דאזיגען בילעט פארזעצט ביי דעם דאזיגען בירנבוים; דאס הייסט, פארקעהרט מיין איך, דורך מיר, הייסט דאס, האט ער, דער ברודער מיינער, פארזעצט דעם דאזיגען בילעט ביי דעם דאזיגען בירנבוים...

איהר פארשטעהט, צי ניין? נאר דרינען איז א גאנצע מעשה, וואס איך מוז אייך דערצעהלען אקוראט, איהר זאלט פארשטעהן.

קורץ און גוט, וואו זשע האלט איך? ביי מיין ברודער העניך, הייסט דאס. מילא, האב איך מיין אייגענעם א ברודער העניך ביז הונדערט און צוואנציג יאהר — וואס זאל איך אייך זאגען? ס'איז דאך ניט שייך צו רעדען אויף איין אייגענעם ברודער, ווי זאגט איהר: „שנייץ די נאז און שמיר דאס פנים". נאר גאר־נישט, חטא פאקרישקע... מיר האלטען עפים ניט איינס פון דאס אנדערע, איהר פארשטעהט, צי ניין?... וואס איך האב, מאהלט אייך, געטהאן פון זיינעטוועגען — זאל דאס מיר אקעגען קומען. איך מעג מיך באריהמען, אז איך האב איהם געשטעלט אויף די פים. פריהער גאט, נאכדעם איך האב איהם געמאכט פאר א לייט. איך באדארף מיך פאר אייך ניט אויסשטעלען, איהר פאר־שטעהט, צי ניין?... איז, דאכט זיך מיר, אז ער שיקט מיר אריין א בילעט און בעט מיך, איך זאל דעם בילעט פארקויפען, אדער פארזעצען, און קריגען אויף איהם צוויי הונדערטער און ארויס־שיקען איהם דאס געלט, — מעג איך דאס טהון, צי ניין?... אי, פרעגט איהם בחרם: וואס בילעט? ווער בילעט? געה האב איין זינען דעם בילעט, סטראכיר איהם, פראצענט צאהל, — וואס געהט דאס איהם אן, אשטייגער? און אז גאט האט געהאלפען, דער בילעט האט געוואונען, — ווער האט זיך געשלאגען קאפ אן וואנט מיט בירנבוים'ען? ווער האט שיער דעם שלאג באקומען, איידער ער איז ארויף מיט איהם אויף א שטיקעל דרך? און לסוף, אז ס'איז נעקומען צו עפים, טענה'ט ער, דער ברודער מיינער: „ווער האט דיך געבעטען, דו זאלסט חלש'ען פאר מיין בילעט?"... איהר הערט דבורים? געפעלט אייך, אשטייגער, אזא מין טענה פון א גראבען יונג?... האט דאך דאס מיך, געוויינטליך, גוט פארדראסען און פארבראטען ביי'ם הארצען: „ע, אז דו ביזט יא אזא גראבער נפש, וואו שטעהט דאס געשריבען, אז דער בילעט איז דיינער?" „ווענענס דען, זאגט ער, בילעט איז דאס?" „ווענענס ער איז —

איז ער, זאָג איך; לעת־עתה באַדאַרף מען פאָהרען דעם בילעט ארויסראַטעווען פון פרעמדע ידים, וואָרום ס'איז נים קיין שפּיעל־כעל, זאָג איך, ס'איז פּינף־און־זיעבעציג טויזענד קאַרבען!"... איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... נו, וואָס קומט מיר דערפאַר? באַדאַרף מען מיר מאַכען סקאַנדאַלען? קלאַפּען אין טיש אריין? ברעכען בענקלעך?... הערט איהר, אז די וועלט זאָגט, אז פון א חזיר'שען עק קאָן מען קיין שטריימעל נים מאַכען, איז טאַקי, אפּנים, איין אמת... איך האָב מיך מיישב געווען: וואָס וועל איך דאָ מיט מיין ברודער האַריקען זיך אומזיסט? הונדערט זעכס און דרייסיג מיליאָן מענטשען זענען אונז מקנא אויפ'ן גע־ווינס — צום סוף קריעגען מיר זיך, אייגענע ברידער: מיין בילעט, דיין בילעט — פּע, חלשות! מע באַדאַרף זעהען קודם כל באַוואָהרענען דעם בילעט; דאָס איז, דאַכט מיר, אביסעל בילכער. הא? וואָס זאָגט איהר? נים אזוי?... נו, נעה טענה מיט א פּראָסטען מענטשען! איך מיין טאַקי מיין ברודער העניך מיין איך, גאָט זאָל מיך נים שטראָפען פאַר די רעד... וואָרום ווען ער זאָגט מיר פריהער, וואָס איהם קווענטשט, ווען ער דערצעהלט מיר פריהער, אז דאָס איז נישט גלאַט אזוי א בילעט, ווי אַלע בילעטען, אז דאָס איז א מעשה מיט א ביינדעל, — וואָלט איך דאָך געוואוסט וואָס איך האָב צו טהון!... ערשט ווען האָט זיך מיין ברודער העניך אויסגעקוועטשט מיט'ן ביינדעל? — העט־העט שפּעטער, אז דער בילעט איז שוין לאַנג אריבער אויפ'ן גביר'ס נאָמען, און דער סליעדאָוואַטעל האָט אויפ'ן דאָזיגען בילעט, הייסט דאָס, אנידערגעלעגט, מחילה, איין ארעסט טאַקי אין באַנק, און אונז האָט מען גענומען איטליכען באַזונדער צום סמיק, דאָס הייסט, דער סליעדאָוואַטעל האָט אונז געשיקט בעטען צו זיך, מיר זאָלען זיך מטריח זיין איהם דער־צעהלען אַקוראַט די מעשה מיט'ן בילעט: „פון וואַנען האָט זיך, זאָגט ער, גענומען צו מיר דער דאָזיגער בילעט? און וואָס פאַר א מחותן, זאָגט ער, איז דאָ בירנבוים? און וואָס געהער זיך,

זאָגט ער, אָן אהער דער גביר?" — א גאַנצע חתונה! איהר פאַר־שטעהט, צי ניין?... אי, וואָס געהער זיך אָן אהער דער סליעדראָ־וואטעל? צו וואָס דאַרף ער וויסען די דאָזיגע אַלע מעשיות? — הערסט דו, אָט דאָס איז דאָך טאַקי די רעכטע מעשה מיט'ן ביינ־דעל! דאָס איז א מין ביינדעל, הערט איהר, וואָס ניט אהער, ניט אהין, מיט אזא ביינדעל קאָן מען זיך דערווערגען!... איהר ווילט וויסען, פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס דאָזיגע ביינדעל? דאָס דאָזיגע ביינדעל האָט זיך גענומען פון עפּיס א מאַנאַך, א גלח. איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... עפּיס א מאַנאַך, א גלח פאַרהאַן דאָרטען, וואו מיין ברודער העניך זיצט. האַנדעלט מיט איהם דער ברודער מיינער אויפ'ן וואָרט שוין פון כמה וכמה יאָהרען, לייהט ביי איהם געלט און פאַרקויפט איהם סחורה, און זיי לעבען צווישען זיך, ווי די בעסטע גוטע פריינד. איהר פאַרשטעהט, צי ניין?...

ויהי היום, טרעפט זיך א מעשה, — אזוי דערצעהלט דער גלח, און געה גלויב איהם אויף זיינע הייליגע נאמנות, — דער אָחי מיינער קומט צו איהם צו געהן און זאָגט צו איהם: „פּאַטערעל, איך באַדאַרף האָבען א גמילות־חסד א פּאָר הונדערטער, ס'איז ביי מיר יריד!"... מאַכט צו איהם דער כומר:

— וואו זאָל איך דיר נעמען, אז איך האָב קיין געלט ניט?

— ס'איז קיין שום תירוץ ניט! — זאָגט צו איהם דער אָחי מיינער. — איך באַדאַרף האָבען צוויי הונדערט קאַרבען ווי אין לעבען אריין!

— א מאָדנער איד דו ביזט! — זאָגט צו איהם דער כומר. — איך זאָג דאָך דיר, אז קיין געלט האָב איך ניט. א בילעט, אויב דו ווילסט, א וויגרעשנע, קאָן איך דיר לייהען, און דו געה קריג דיר אויף איהם געלט...

איהר פאַרשטעהט, צי ניין? אָט דאָס איז טאַקי דער דאָ־זיגער בילעט, וואָס האָט געוואונען, הייסט דאָס, די פינף־און־זיבעציג טויזענד. אזוי זאָגט דער גלח, הייסט דאָס, און געה גלויב איהם אויף זיינע הייליגע נאמנות. אַצינד, אז דער בילעט

האָט געוואונען, — קומט דאָך מסתמא דער גלח צו לויפען צו מיין ברודער און זאָגט איהם אזוי און אזוי: דער בילעט האָט, דאנקען גאָט, געוואונען היבשליך געלט... מאכט צו איהם דער אָחי מיינער: „יאָ, מע זאָגט, אז ער האָט געוואונען געלט"... מאכט צו איהם דער כומר: „נו, וואָס זשע וועט זיין?" מאכט צו איהם דער אָחי מיינער: „וואָס זאָל זיין?"... בקיצור, אהין־אהער, מילא ווערטלעך אָן א זייט — ער זאָגט איהם דאָס, ער ענטפערט איהם יענס; ער פרעגט איהם פדרוך, ענטפערט ער איהם בוידעם; קיין שווארץ אויף ווייס, אויף פאפיער, איהר פאר־שטעהט צי ניין, האָבען זיי ביידע ניט. מילא, מיין אָחי האָט חאָטש א בילעט, און דער כומר וואָס האָט? עגמת־נפש האָט ער!... וואָס טויג אייך, ס'איז געבליבען — ער בעט ביי איהם, דער גלח הייסט דאָס, חאָטש עטליכע טויזענד קערבלעך. נעם זשע, דו גראָבער מענטש, דו העניך איינער, פארשטופ איהם דאָס מויל מיט עטליכע טויזענד קערבלעך, און לאָז זיך יענער נישט טשעפען! טענה'ט אָבער דער אָחי מיינער: „פאר וואָס קומט איהם? דער בילעט איז דאָך מיינער; איך זאָל אזוי האָבען, זאָגט ער, אלראָס גוטס, ווי איך האָב איהם אוועקגעקויפט ביי איהם שוין א מעשה פון דריי יאָהר!"... וואָלט אפשר אָפגעלאָפען גלאַט; איז דאָך אָבער אונזערע אידעלעך זאָלען זיין געזונט! און דאָס שטעדטעל אליין איז א גוט שטעדטעל — אפשר האָט איהר געהערט פון דעם? „פישי־יאבעדע" הייסט דאָס, דאָס שטעדטעל, כשמה כן היא, א שטאָדט פון יאבעדניקעס, מוסרים, פארברענט זאָל זי ווערען אין א זומער־טאָג! וואָס טויג אייך, מען איז אוועק צום גלח און מע האָט איהם אויפגעקלערט, אז ער קאָן דאָ מאכען נימל, און מע האָט איהם ארויפגעפיהרט, ער זאָל ניט מאכען קיין לאנגע שהיות, פאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט אריין גלייך צום פראָקוראָר און איינגעבען אזוי און אזוי, אז אידען, הייסט דאָס, האָבען ביי איהם אויסגענאַרט א בילעט, און דער בילעט האָט געוואונען פינף־און־זיבעציג טויזענד, און מע גיט איהם נישט

אָפּ דעם בילעט... איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... וואָס טויג אייך, דער גלח האָט זיך דוקא נישט געפוילט און האָט געטהאָן אַלסדינג, וואָס מע דאַרף, נאָך מעהר ווי מע באַדאַרף, און מע האָט אויפ'ן בילעט, מחילה, אַנידערגעלעגט איין אַרעסט, און סע פאַרבינדט זיך פּאָוואָלינקע אַ גאַנצער עסק, טאַקי גאָר נישט אויף קאַטאָוועס... אָט האָסט דו דיר אַזאַ מין שלאַק, טאָמער איז קאַרג! נאַ דיר גאָר אַ ביינדעל, אַ גלח!... מיין אָחי האָט שוין אפילו מיט איהם נאָכדעם געענדיגט פאַר צעהנטויזענד, נאָכדעם — פאַר פופצעהנ־טויזענד קאַרבען, האָט דער גלח חרטה געקריגען. מע האָט איהם אַזוי צעדרעהט, פאַרשטעהט איהר, אַז ער ווייסט שוין אַליין ניט וואָס ער זאָל וועלען... אָט דאָס האָט איהר אייך די מעשה מיט'ן ביינדעל, איהר פאַרשטעהט, צי ניין?...

קורץ און גוט, וואו זשע האַלט איך? ביי'ם ביינדעל, הייסט דאָס. גאָט האָט אונז באַשערט אַ רעכט ביינדעל, וואָס זאָלט איהר קלערען, נישט איינצושלינגען און נישט אויסצושפייען! נישט אהער און נישט אהין! איז דאָך אָבער פאַרהאַן אַ גאָט אויף דער וועלט, אַ גרויסער גאָט, ווי זאָגט איהר, וואָס מיט איין האַנט שטראָפט ער, מיט דער אַנדערער היילט ער, — האָבען זיך גע־פונען מענטשען, גוטע ברידער, מחותנים, גוטע פריינד, און גלאַט מענטשען, מע האָט זיך אַריינגעלעגט אין דער מיט, געדרעהט, געפּרובט אויף אַלע זייטען, הין און צוריק, פון מיין ברודער צום גלח, פונ'ם גלח צו מיין ברודער, פון מיר צו בירנבוים'ען, פון בירנבוים'ען צו מיר, און פון אונזביידען צו מיין ברודער, און פון אונז אַלע דריי וויעדער צום גלח — אַ דרעהעניש, אַ לויפעניש, אַ געפּאָהערײַ, אַ געדערעריי, אַ געשפּאַרעריי, — בקיצור, מע האָט אונז קוים מיט צרות מיט לייד אויסגעגלייכט. וואָס אויס־געגלייכט? ווי אַזוי אויסגעגלייכט? — פרעגט נישט, אַבי אויס־געגלייכט! ווי זאָגט איהר: פון קריוודע קאָכט מען וועטשערע, אָדער, ווי מיין אָחי האָט געזאָגט, אַז מע האָט איהם צונויפגעפיהרט מיט'ן גלח:

— וואשע פּרעפּאָדאָביע, — זאָג ער — יאַק נע פּסק, טאָ פּסאקעץ, נעחאַי בודע יחלוקו...

— נעחאַי בודע יחלוקו! — זאָגט איהם דער גלח. — אָלע טי, העניך, מאָשעניק!...

— לחיים, פּאָטערעל, זא וואשע זדאָראָוויע! — זאָגט צו איהם מיין אָחי און טראָגט איהם אונטער א גלעזעל, און מיר אַלע נעמען צו גלעזלעך, און מע טרינקט־אויס און מע צעקושט זיך — פיין, שען, צופריעדען... שייך זאָגען צופריעדען? ווי קאָן מען זיין צופריעדען, אז איטליכער פון אונז האָט געהאַט כמעט ביי זיך אין האַנט די פינף־און־זיעבעציג טויזענד און האָט זיי אַרויס־געלאָזט אויפ'ן ווינט — פּפו! איהר ווילט וויסען, ווי אזוי? נאָט אייך א פּראָסטען חשבון: מילא, פון מיר שמועסט מען ניט: האָב איך נ י ט פינף־און־זיעבעציג טויזענד, א שענע־ריינע כפּרה! נאָר איך פרעג אייך: וואָס וואָלט געטהאָן, אשטייגער, מיין ברודער העניך, ווען איך זאָל איהם ניט געוועזען געבען קיין דעפּעש, אז אונזער בילעט האָט אויסגענומען די פינף־און־זיעבעציג טוי־זענד? איין אַנדערער אויף מיין אָרט, אז ער דערזעהט אזא גע־ווינס, ווייסט איהר וואָס ער טהוט? ער ווישט אָפּ די ליפען און מאַכט א שוויינ. וואָס מיר ברודער? ווער מיר העניך? — וואָרום לאָז זיך איהם דאַכטען, אז איך האָב גאָר פאַרקויפט דעם בילעט! אָדער עלעהיי איך האָב איהם פאַרזעצט ביי בירנבוים'ען און האָב איהם ניט אויסגעקויפט צו דער צייט, — און א צעטעל פון מיר האָט דאָך בירנבוים, אז איך האָב איינגעלעגט ביי איהם אזא און אזא בילעט פון אזא און אזא סעריע, און באַם איך קויף ניט אויס צו דער צייט, איז אזא און אזא בילעט פון אזא און אזא סעריע — איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... נאָר וואָס דען?... אז ס'איז מיר גאָר נישט געקומען אויף דער מחשבה, איך זאָל אזוי ריין זיין פון שלעכטס! וואָרום, ווי איהר זעהט מיך אָטאָ, בין איך אזא איד, וואָס קאָטאָרי געלט שפּיעלט ביי מיר נאָר א קליינע ראָליע! וואָס איז דען, איינענטליך, געלט? געלט

איז בלאָטע, אבי גאָט העלפט. ווי מיין ווייב זאָגט, מען איז גע־זונט און מע האָט אלסדינג, וואָס מע באַדאַרף... נאָר גאָרנישט, פאַרדראָסיג איז דאָס, פאַרט, ווי זאָגט איהר, פ י נ ף ־ א ו ן ־ ז י ע ב ע צ י ג ט ו י ז ע נ ד! איהר פאַרשטעהט, צי ניין?...

אצינד נעמט בירנבוים׳ען. בירנבוים איז דאָך טאַקי גאָט די נשמה שולדיג; ער האָט דאָך טאַקי נעבאָך ארויסגעלאָזט די פינף־און־זיעבעציג טויזענד ממש פון די הענט! גלאַט ער איז איין עהרליכער, א לעצט־אָרענטליכער יונגערמאַן, און וויל ניט נהנה זיין פון א פרעמדען בילעט; ער וויל נאָר, מע זאָל א פרעג טהון מענטשען, ו ו אָ ס מ ע נ ט ש ע ן ו ו ע ל ע ן ז אָ ג ע ן. איהר פאַרשטעהט, צי ניין? ווייטער וואָלט דאָך געווען, ווי זאָגט איהר, א כשר׳ער טאָפ מיט א כשר לעפעל, וואָרום ער האָט דאָך טאַקי פון מיר א צעטעל, אז באַם איך קויף נישט אוים ביי איהם דעם בילעט צו דער צייט, איז אזא און אזא בילעט פון אזא און אזא סעריע — איהר פאַרשטעהט, צי ניין? נעמט דער דאָזיגער בילעט און געווינט פונקט די פינף־און־זיעבעציג טויזענד! נו, פרעג איך אייך, קאָן נישט די גאַל צעזעצט ווערען?... האָט איהר שוין, הייסט דאָס, צוויי אומגליקליכע נפשות אויף דער וועלט, וואָס האָבען כמעט פון קעשענע פאַרלאָרען צו פינף־און־זיעבעציג טויזענד קאַרבען — וואָס? ניט אזוי?...

דער דריטער אומגליקליכער נפש איז מיין ברודער העניך נעבאָך. ער געהט גלאַט ארום ווי א נגזל, א געקוילעטער האָהן, און ס׳איז טאַקי א ביטערער רחמנות אויף איהם, וואָס ער נעמט אזוי ווינציג געלט, וואָרום ער איז דאָך טאַקי געוואָהנט געוואָרען אלע יאָהר, און אפשר צוויי מאָל אין יאָהר, אז בילעטען שפּיעלען, נעמען־אוים פינף־און־זיעבעציג טויזענד, נישט ווינציגער! געהט ער ארום און שרייט: „וואָס האָבען זיי צו מיר? וואָס ראַבעווען זיי מיך? אלעמען געב געלט! דעם גלח געב, דעם ברודער געב, בירנבוים׳ען געב — זיי ווילען מיך מאַכען פאַר א קבצן!“ איהר פאַרשטעהט, צי ניין?...

דער פּערטער, דער גלח הייסט דאָס, איז דאָך אודאי איין אומגליקליכער גלח! ער שווערט, און מע מוז איהם גלויבען אויף זיינע הייליגע נאמנות, אז ער פאַרשטעהט ניט, פאַר וואָס אידען טיילען זיך מיט זיין געלט? „מילא העניך, זאָגט ער, מעג זיך טאָקי זיין אַ מאַשעניק, און סע קומט איהם אודאי נעהן אין חדר אריין, — איז ער אָבער פאָרט אַ היימישער מענטש און אַ גוטער ברודער... אָבער דאָס גאַנצע איבעריגע „קהל", זאָגט ער, — וואָס פאַר מחותנים איז „קהל" צו מיין בילעט?!"... איהר פאַרשטעהט, צי ניין? געה רעד מיט אַ גלח און געב איהם צו פאַרשטעהן, וואָס הייסט אָרענטליך: אַז דער איז אַ ברודער, וואָס האָט געהאַט ביד צונעמען אינגאַנצען אַזוי, אַז קיין האָהן זאָל אפילו נישט קרעהען, און דער איז אַ לעצט־אָרענטליכער יונגערמאַן, וואָס האָט פון מיר אַ צעטעל, אַז אַזאַ און אַזאַ בילעט פון אַזאַ און אַזאַ סעריע — איהר פאַרשטעהט, צי ניין? ער מיינט דען עפּיס, בירנבוים הייסט דאָס? ער מאָנט דען געלט? ער האָט דען עפּיס טענות? חס וחלילה! ער וויל נאָר, מע זאָל אַ פרעג טהון מענטשען, וואָס מענטשען ווילען זאָגען! אַ מענטש, וואָס האָט זיך איינגעליעבט אין מענטשען, אַ מענטשליכער מענטש — איהר פאַרשטעהט, צי ניין?...

הכלל, פיער מענטשען האָבען געוואונען, הייסט דאָס, צו פינף־און־זיעבעציג טויזענד אויף אַ חלק, און פיער מענטשען האָבען פאַרלאָרען צו פינף־און־זיעבעציג טויזענד — פיער אומגליקליכע געקוילעטע מענטשען!... נאָר גאָרנישט, אויסגעגלייכט זיך — איז פאַרפאַלען. מסתמא איז דאָך עס אַ באַשערטע זאַך... וואָס זשע בלייבט־איבער צו טהון אַצינד? אַצינד באַדאַרף מען, הייסט דאָס, נעמען און זיך צעטיילען מיט'ן בילעט, דאָס הייסט, מע באַדאַרף געהן אַלע פיער אין באַנק אריין, אַרויסנעמען דעם בילעט, אָפּ־נעמען דאָס געווינס, אָפּגעבען איטליכען זיינס און זאָגען מזל־טוב און טרינקען מאַהריטש. איאָ? האָט זשע צייט אַביסעל, פּאַווא־לינקע, נישט געהאַפּט. ערשטענס. ליגט דאָך אויפ'ן בילעט עפּיס

א חתימה פונ'ם סליעדראָוואטעל, באדארף מען דאָך קודם כל באַ־פרייען, הייסט דאָס, דעם בילעט. ווייל דער גלח נישט באפרייען דעם בילעט ביז מע וועט איהם נישט באוואָהרענען מיט זיין חלק. איהר פארשטעהט, צי ניין?... ווי אזוי זשע באוואָהרענט מען איהם מיט זיין חלק? באדארף מען דאָס בילעט, הייסט דאָס, אראָפּנעמען פונ'ם גביר'ס חשבון און איבערלעגען איהם אויף מיין ברודער העניך'ס און אויפ'ן גלח'ס נאָמען. ווייל דער גביר נישט הערען, נישט זעהען. באשר ער טענה'ט, דער גביר הייסט דאָס, און איז דוקא גערעכט:

— וואָס בין איך פאר א מחותן צו א פרעמדען בילעט? ווי קאָן איך הייסען איבערגעבען א פרעמדען בילעט פון פינף־און־זיעבעציג טויזענד, וואָס סע ליגט אויף איהם איין ארעסט, אז איך וויים ניט וועמענ'ס בילעט דאָס איז? פריהער איז ער געווען בירנבוימ'ס מיט יעקב־יוסיל'ס, היינט הער איך, אז ער איז גאָר א העניך'ס מיט א גלח'ס, שפּעטער וועלען זיך אלע מאָל ארויסבאַ־ווייזען נייע בעלי־בתים, נייע העניכס מיט נייע גלחים — וואָס וועל איך טהון, אז זיי וועלען נאָכדעם מאָנען ביי מיר איטליכער באזונדער צו פינף־און־זיעבעציג טויזענד? וואו וועל איך נעמען, קינדערלעך, אזוי פיעל געלט אויף צו באצאָהלען? איך בין דאָך ניט בראָדסקי!

איהר פארשטעהט, צי ניין? האָט זיך אָנגעהויבען איין עסק מיט אדוואָקאטען. און אדוואָקאטען זענען דאָך פונקט ווי די דאָק־טוירים: וואָס איינער זאָגט, זאָגט דער אנדערער קאפּויר. געלט נעמען זיי אלע און געבען עצות, איטליכער איין אנדער עצה. איין אדוואָקאט זאָגט, אז דער גביר מעג זעהר שען איבערגעבען דעם בילעט וועמען ער וויל... און דער אנדערער זאָגט: ער טאָר ניט בשום אופן איבערגעבען דעם בילעט... קומט דער דריטער און זאָגט, אז ער מוז איבערגעבען, אניט — קאָן ער האָבען אויף זיך א „פּעקעל", למאי ער גיט ניט איבער... קומט נאָך איין אד־וואָקאט און זאָגט: לאָז זיך דער גביר ולאָט אזוי אָפּזאָגען

פונ׳ם בילעט, וועט דאָס זיין ווי געוואונשען... קומט נאָך איינער און זאָגט: הס מלהזכיר! באָם ער זאָגט זיך אָפּ פונ׳ם בילעט, דער גביר הייסט דאָס, בלייבט דער בילעט הענגען אין דער לופּ־טען, קאָן ער נאָכדעם האָבען אויף זיך א רעכט „פּעקעל״!... קומט נאָך איין אדוואָקאַט און זאָגט: אדרבה, טאָמער זאָגט ער זיך נ י ט אָפּ, האָט ער ע ר ש ט אויף זיך א „פּעקעל״!... קומט א נייער אדוואָקאַט און זאָגט א נייעם דין: דער גביר, זאָגט ער, מעג זיך יאָ אָפּזאָגען, ניט אָפּזאָגען — ער וועט ס א י ־ ו ו י ־ ס א י האָבען אויף זיך א פּעקעל... איהר פאַרשטעהט, צי ניין? נאָר מיר דאַכט, אז ער האָט ש ו י ן אויף זיך א גוט „פּעקעל״, וואָרום, א חוץ וואָס מע דולט איהם אַלע מינוט דעם ספּאָדעק, פּאָהרט ער נעבאַך אַלע וואָך אין דער גרויסער שטאָדט אריין, אונזער גביר הייסט דאָס, פון איין אדוואָקאַט צום אנדערען, צאָהלט געלט און בעט, מע זאָל אויף איהם רחמנות האָבען, געבען איין עצה, ווי אזוי ער זאָל פּטור ווערען פון דער דאָזיגער באָמבע? ס׳איז א גאָט׳ס רחמנות, זאָג איך אייך, און א חרפּה, א בזיון פאַר לייטען. מע נעמט א מענטשען, איין עהרליכען, א שטילען מענטשען, וואָס טשעפּעט ניט קיין פליעג אויף דער וואַנט, און מע הענגט איהם אָן אזא באָמבע, א לונג־און־לעבער אויף דער נאָז — און האַלט זיך געזונטערהייד!... טאָמער ווייסט איהר, פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַר וואָס קומט איהם אזא באָמבע? דערפאַר וואָס מענטשען האָבען זיך אריינגעלעגט, געוואָלט א אידען א טובה טהון, איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... האָט איהר ניט ביי זיך נאָך א באָמבע... טפו! מיין איך נאָך א פּאַפּיראָס?

קורץ און גוט, וואו זשע האַלט איך? ביי דער באָמבע הייסט דאָס, וואָס מע האָט אָנגעהאַנגען אונזער גביר... ווילט איהר דאָך מסתמא וויסען, וואָס הערט זיך מיט דער באָמבע? גאָר ניט, די באָמבע איז א באָמבע! לעת־עתה הענגט זי נאָך אין דער לופטען... דער גביר העצקעט זיך אַלע וואָך הין און צוריק אין דער גרויסער שטאָדט אריין צו די אדוואָקאַטען, די אדוואָקאַטען נעמען געלט

און געבען עצות — דער אזוי, דער אנדערער אַט אזוי, און דער דריטער ניט אזוי און ניט אזוי, נאָר פונקט קאַפּויר, ווי געוויינטליך... וואָס דער סוף דערפון וועט זיין — ווייסט נאָר איין גאָט אין הימעל, וואָרום קיין מענטשליכער פארשטאַנד קאָן דאָס גאָרנישט משיג זיין, וואָס דערפון קאָן ארויס; וואָרום טאָמער דערגעהט דאָס חלילה צו א משפט, ווייסט מען ניט, מיט וואָס עס קאָן זיך ענדיגען... איהר פארשטעהט, צי ניין? דערוויייל ווער ליגט נייען איילען אין דער אדמה? יעקב־יוסיל! אז די שטאָדט, — וואָס זאָג איך די שטאָדט? — די גאַנצע וועלט האָט מיט מיר צו טהון! איטליכער טייט אויף מיר מיט די פינגער: „אָן געהען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד!"... פון געשעפט איז מען אָפּגעריסען; אין קעשענע איז ניטאָ א דרייערעל, נאָך ערגער ווי פריהער; מיין ווייב שעמט זיך ארויסצוקומען אין מארק אריין — מע רופט זי „די נייע נגידית"... מיך האָט מען דעם ערשטען שבת אין שוהל מכבד גע־וועזן מיט „ששי" גאָר אויף איין אנדער אופן. מע האָט שוין אפילו געמאַכט א חשבון פון די פינף־און־זיעבעציג טויזענד, וויפיעל איך באַדאַרף געבען אויף דער שטאָדט, וויפיעל איך זאָל צע־טיילען אָרעמע קרובים, און וואָס איך וועל טהון מיט'ן איבע־ריגען. דער האָט געזאָגט, אז איך וועל מסתמא ווערען א בעל־הלואה; און דער האָט געדרונגען, אז גיכער וועל איך האנדלען מיט ברויט, אזוי ווי איך האָב אמאָל געהאַנדעלט; און דער האָט אויסגעוויזען, אז דאָס בעסטע איז פאַר מיר א קאַנטאָר: מיט א קאַנטאָר, זאָגען זיי, מאַך איך די בעסטע געשעפטען ביי אונז אין שטאָדט, וואָרום וואָסער קאַנטאָר ביי אונז פארמאָגט דען מיט א מאָל א קאַפּיטאַל פון פינף־און־זיעבעציג טויזענד? מע מיינט מעות מזומנים מיינט מען, טאַקי וואָס מזומנים הייסט! איהר פארשטעהט, צי ניין?... וואָרום ביי אונז אין שטעדטעל זענען די אידען גרויסע אפּיקורסים; קיינער גלויבט גאָר נישט, אז ס'איז ערגיץ פאַרהאַן במזומנים מעהר ווי א פינפאונצוואַנציגער איין אייגענער... אונזער שטעדטעל, דאַרפט איהר וויסען, איז

איך אַ רעכט שטערטעל, דעָר רוח האָט דאָס ניט גענומען! דאָס איז אַ שטעדטעל, פאַרשטעהט איהר מיך, פון די שטעדטלעך, וואָס מע פרעגט אויף זיי!... פאַרהאַן לעדיגגעהערס געגוג, וואָס האָבען ניט וואָס צו טהון, געהט מען אַרום פון שמונין צו בונין און מע רעדט־אָפּ פון דער גאַנצער וועלט. קיין איינענע געשעפטען איז נישטאָ, האָט מען אין זינען יענעמ׳ס. מע קלויבט זיך צונויף אין מאַרק ביי דער אַפּטייק, אויף דער „בערזע" הייסט דאָס, און מע האַלט אין איין שאַצען יענעמ׳ס עסקים: מע האָט מורא, טאָ־מער פאַרדיענט יענער; און אַז יענער דערלעבט, איז מען זיך מחיה, עס קומט צו אַ שטיק געזונט... הייגט פאַרשטעהט איהר, וואָס פאַר אַ חמאָרע עס האָט זיך אָנגערוקט אויף דער שטאָדט, אַז מע האָט דערהערט פון די פינף־און־זיבעציג טויזענד? פון יענעם טאָג אָן מאַכט זיך זיי שוין נישט צו דאָס מויל פון אײַן־דער־פריה ביז ביינאַכט. מע ווערטעלט זיך און מע שמעכט זיך. איינער דעם אַנדערען עסט־אויס די גאַל, קריכט־אַריין מיט די פיס אין האַרצען.

— פאַר וואָס האָט איהר בעסער נישט אויסגענומען די פינף־און־זיבעציג טויזענד? זיי וואָלטען דאָך אייך איצטער שטאַרק צוניטץ געקומען!...

— למאי איהר ניט? איהר באַדאַרפט זיי אַ סך נויטיגער פון מיר!...

בכדי עס זאָל דעם איבעריגען עולם פאַרדריסען, האָט איינער אַ בעל־חשבון אויסגערעכענט, אַז איך בין דער גרעסטער גביר אין שטאָדט. „עס איז אַ פּראָסטער חשבון — זאָגט ער: — פינף־און־זיבעציג טויזענד האָב איך געוואונען, אַ קערבעל זעכס־זיבען טויזענד באַטרעפט די דירה מיינע — האָט איהר אַ קיימאַ־לן פון פינף־און־אַכציג, קרוב צו מאה אלף קאַרבען. נו, און אַז אַ איד, וואָס פאַרמאָגט הונדערט טויזענד קאַרבען, מעג מען, דאַכט זיך, אויף איהם זאָגען, אַז ער פאַרמאָגט צוויי, וואָרום אַז מע שאַצט אַ אידען אין רי״ש אלפים, פאַרמאָגט ער דאָך קיין הונדערט טויזענד

אויך ניט! אלזא, בין איך, הייסט דאס, א איד פון רי״ש אלפים, דאס הייסט, דער גרעסטער גביר אין שטאדט! אי, ס'איז פארהאן נאך גרעסערע גבירים פון מיר? איז דער תירוץ: פון וואנען ווייסט מען? ווער איז געווען ביי זיי אין קעשענע און ווער האט נעצעהלט זייער געלט? אפשר זענען זיי נאך דעראונטער? איהר פארשטעהט, צי ניין?... א סך מענטשען האט דאס טאקי אנגע־ריהרט ביז דער ביין. זיי האבען נעבאך נישט געקאנט דאס איבער־טראגען: ווי נעמט דאס מיט א מאל א געמיינער איד, פלוצים אין מיטען דרינען, און ווערד, אהן קאפּוועהטיג, א גביר פון פינף־און־זיעבעציג טויזענד?... פארהאן ביי אונז איינער, איין אלטער בחור, א רייכער און א קארגער, האבען חברה אומיסטען אונטער־געשיקט א שליח, איינעם א „מענדעל־בארד”, ער זאל איהם אנ־זאגען די גוטע בשורה, אז יעקב־יוסיל האט געוואונען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד; איז איהם געווארען, ניט פאר אייך גע־דאכט, אזוי שלעכט, אז מע האט געמיינט, ס'איז איין עק פונ'ם יונגענמאן! א ביטערער רחמנות — ער איז נעבאך עטליכע טאג כסדר ארומגעגאנגען אהן א קאפּ! און אצינד, אז ער האט דער־הערט די געשיכטע מיט מיין ברודער העניך און די מעשה מיט'ן ביינדעל, איז איהם צוגעקומען א שטיק געזונט: „לאז שוין בעסער זיין, זאגט ער, דעם גלח; פאר וואס קומט א אידען אזוי פיעל געלט?“... איהר פארשטעהט, צי ניין?... נאר איהר מיינט, אז איינענע פארגינען שוין? אזוי לאנג שמייסט מען זיי! זיי זאלען קאנען דערטרינקען אין א לעפעל וואסער!... מאהלט אייך, ווען עס פאלט אריין צו מיר טאקי די פינף־און־זיעבעציג טויזענד, וואל־טען געווען אנדערע ווערטער; דעמאלט וואלטען מסתמא אלע הנאה געהאט: אי איינענע, אי פרעמדע. נאר אז עס האט זיך שוין געמאכט אזוי, איז שוין ווידער אנדערע ווערטער... נישקשה, די משפחה מעג זיך נייהען א בייטעל — ביי מיין ברודער העניך וועט מען צעפיהרען די הענט. ער איז א רעכטער נדבן, מיין העניך זאל געזונט זיין; ער, אז ער וועט אנהויבען געבען „נתינות“,

וועט זיין וואָס צו זעהען. ס'איז א סברה, אז ער האָט שוין אַסיג־נירט פון פינף־און־זעכציג ביז צוויי־און־זיעבעציג רובל אויף חתונה מאַכען איין אָרעמע שוועסטער; און דעם אַלטען טאַטען האָט ער מנדר געווען א גאַנצען הונדערטער א הארטען: לאָז ער וויסען, הייסט דאָס, דער אַלטער טאַטע, אז זיין זוהן האָט איסגענומען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד. איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... דאָס זענען די היימישע קרובים. און די וואָס פון דערווייטען האָבען זיך גלאַט א לאָז געטהאָן צו מיר פון דער גאַרער וועלט, דער מיט אַזא „פעקעל", און דער מיט אַזא „פעקעל"... א סך האָבען אויף דעם חשבון אָנגעהויבען טהון שדוכים, חתונה מאַכען קינדער. איינינגע האָבען זיך נע'נט צוליעב דעם, וואָס זיי וועלען נאָכדעם קאָנען גרויכען צו עפּיס גרעסערס... מילא, איז דאָס האָטש קרובים; ווי זאָגט איהר: פון איינענע מוז מען ליידען. איהר פאַרשטעהט, צי ניין? אָבער פון פרעמדע, פון ווילד־פרעמדע וואָס בין איך נאָך מחויב צו טראָגען? פאַר וואָס קומט דאָס מיר? פאַר וועמענ'ס זינד?... וואו איך האָב ערגיץ א שונא, הערט איהר, ווינש איך איהם אַזא געווינס פון פינף־און־זיעבעציג טויזענד! איהר מעגט מיר גלויבען בנאמנות, אז דאָס אָפּגעבען מזל־טוב, וואָס איטליכער גיט מיר אָפּ, מיט דעם אונטערשמייכלען זיך, מיט די חניפה'לעך פון איטליכען באַזונדער — בין איך שוין ניט אימשטאַנד אָריבער־צוטראָגען! מענטשען, וואָס איך קען זיי נישט און וויס זיי נישט, קומען צו מיר צו נעהן זיך מיט מיר איין עצה האַלטען.

— מיר האָבען געהערט, זאָגען זיי, פון אייך, רב יעקב־יוסיל, מיר האָבען שוין לאַנג פון אייך געהערט, אז איהר זענט א קלוגער מענטש. מיינט נישט, זאָגען זיי, אז מיר סיינען עפּיס דערומיט א מיין, וואָס גאָט האָט אייך באַגליקט די פינף־און־זיעבעציג טויזענד — חלילה וחס! גלאַט אַזוי, זאָגען זיי, מיר זענען געקומען צו אייך אַביסעל אויסרעדען זיך דאָס האַרץ...

איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... איינער איז געקומען צו מיר עפּיס פון א מאָדנער שטאָדט, איך האָב שוין פאַרגעסען ווי זי הייסט,

פון א ווייטער מדינה, וואס מיין זיידענ'ס באבע איז דארט קיינמאל נישט געווען. עס עפענט זיך די טהיר, עס קומט אריין פלוצים א איד, לעגט אפ דאס פעקעל.

— שלום עליכם!

— עליכם שלום! פון וואנען איז א איד?

— פון אויסרייסען. דאס זענט איהר רב יעקב־יוסיל?

— דאס בין איך יעקב־יוסיל. וואס וועט איהר זאגען גוטס?

— זענט איהר דאס טאקי אליין, הייסט עס, אט דער רב יעקב־יוסיל, וואס האט אויסגענומען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד? דאס בין איך אומיסטען, זאגט ער, געקומען צו פאהרען אהער; דאס הייסט, איך פאהר במילא פארביי, האב איך דערהערט די מעשה מיט די פינף־און־זיעבעציג טויזענד, האב איך מיך מיישב געווען: טא, לאס איך ארפפאהרען אהער אויף א טאג; איך וויל אנקוקען מיט מיינע אויגען דעם דאזיגען גליקליכען, וואס האט געוואונען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד. ס'איז נים קיין קלייניגקיים — ס'איז פינף־און־זיעבעציג טויזענד!!...

איהר פארשטעהט, צי ניין? נעה, דערצעהל איטליכען באזונדער א מעשה מיט א בירנבוים, וואס וויל מענטשען, און מיט א ברודער, וואס הייסט העניך, און מיט א ביינדעל, און מיט א גביר, און מיט א באמבע, און מיט אדוואקאטען, און מיט רוחות, און מיט שדים!... איך זאל האבען, הערט איהר, די גליקליכע יאהר, וואס ס'איז פריהער, פאר די פינף־און־זיעבעציג טויזענד, געווען בעסער ווי אצינד, נאך די פינף־און־זיעבעציג טויזענד, און רוהיגער אודאי! איך וועל אייך זאגען דעם אמת: איך בין שוין איצטער נים זיכער מיט'ן לעבען אויך. אט בין איך געווען נים לאנג אין דער גרויסער שטאדט ביי די אדוואקאטען דארטען, האט מיך איינער א חברה־מאן פארנארט צו זיך אהיים אויף פאדאל, כלומרשט אויף טיי; איך קום צו איהם אויף פאדאל, ביינאכט איז דאס געווען, טרעף איך דארטען נאך איינעם א חברה־

כאן, א אידען מיט דוקא א שענער בארד, זיצען איבער א ספר; גיט ער מיר אפ שלום, שטעהט־אויף פאררויכערען א פאפּיראס, פארלעשט די לאמפּ, און מיר בלייבען אין דער פינסטער... איהר פארשטעהט, צי ניין? עס וואלט כדאי געווען, כלעבען, ס'זאל ניט זיין אזוי שפּעט און איהר זאלט זיך אזוי ניט חאפּען אין וועג אריין, אייך דערצעהלען די דאזיגע מעשה אויך, און אויף יענער מעשה זיצט נאך א מעשה, אדער ווי זאגט איהר: אויף א בלאטער א פּרישטש און אויף א מכה א בלאטער. איהר פארשטעהט, צי ניין?...

קורץ און גוט, וואו זשע האלט איך, הייסט עס? ביי'ם סוף פון דער מעשה. א סוף, מיינט איהר? האט צייט א ביסעל, נישט נעהאפּט, ס'איז ערשט איין אנהויב. וואס זאג איך איין אנהויב? עס הויבט נאך גאר נישט אן צו זיין קיין אנהויב אפילו! און ווער איז שולדיג? איך אליין טאקי! שייך זאגען איך בין שולדיג? וואס בין איך שולדיג? איך וויים? איך בין דאך נישט מעהר ווי א מענטש, ווי זאגט איהר, א בשר־ודם, נאר אז ס'איז באשערט איין אומגליק, העלפט זיך עפּים? וואס בין איך שולדיג, למשל, אז איך... נאר שא! מע טאר נישט האפּען די פיש פאר די לאק־שען, מיין איך פארקעהרט — די לאקשען פאר די פיש. לאם איך אייך בעסער דערצעהלען פּאוואלינקע, נישט געהאפּט, די גאנצע מעשה פונ'ם אנהויב, דאס הייסט, ניט פונ'ם אנהויב, נאר פונ'ם לעצטען אנהויב, דאס הייסט, פון דעם, וואס איהר מיינט, אז ס'איז שוין דער סוף... על כל פּנים, אז גאט האט גע־האלפען, מיר האבען זיך דעמאלט, אויב איהר געדענקט, מיט צרות, מיט אנגסטען איינגעטיילט מיט'ן בילעט, הייסט דאס, איטליכען באזונדער זיין חלק, — נעוויינטליך, נישט אזוי גיך טהוט זיך עס ווי סע רעדט זיך; מע האט זיך נענוג אנגערעדט, אנגעהאריקעט מיט איטליכען באזונדער. אז דער גלח טענה'ט: פאר וואס קומט אונז געלט, מיר און בירנבוים'ען, אונז ביידען הייסט עס? און מיין ברודער העניך איז א בעלן, איך זאל מיך פארלאזען אויף

זיין יושר און אויף זיין גוטען ווילען און אויף זיין השנה. און מיין חברה־מאן, בירנבוים הייסט עס, שרייט, אז ער וויל נאר־נישט — ער וויל נאר מענטשען, הארכען וואס מענטשען וועלען זאגען. איהר פארשטעהט, צי ניין? האבען זיך ארייגגעמישט אין דעם דאזיגען עסק מעקלערס, און דוקא דריי מיט א מאל; צוגעהארעוועט, אויסגעגלייכט — איין עק, א סוף. און ס'איז געבליבען, אויב איהר געדענקט, — וואס זשע, הייסט דאס, איז געבליבען? ס'איז געבליבען, אז מיר זאלען זיך צונויפקלויבען אלע פיער, הייסט עס, אוועקפאהרען אין דער גרויסער שטאדט אריין, ארויסנעמען דעם בילעט, אפנעמען דאס ביסעל מינץ, צעטיילען זיך מיט די חלקים, נא דיר, געב מיר — און א גוטען טאג מיט דער קאפאטע! יא, ווען זשע איז דאס געדעדט געווארען? נאפשיקלאד, אז ס'איז פארהאן א בילעט. אבער אז ס'איז קיין בילעט נישטא? שייך זאגען, ס'איז קיין בילעט נישטא? א בילעט איז פארהאן א בילעט, נאר, אויב איהר געדענקט, וואו ליגט ער, דער בילעט? פארצוויאקעוועט אין א באנק ערגיץ, אויף א פרעמ־דען נאמען, און פון אויבען, אויפ'ן בילעט הייסט עס, אויב איהר געדענקט, ליגט, איך בעט איבער אייער כבוד, איין ארעסט פונ'ם סליעדאוואטעל — געה נעם־ארויס אזא בילעט! וואס זשע טהוט מען? באדארף מען קודם כל, אויב איהר געדענקט, זעהען, מע זאל צערייבען דעם עסק — לאז דערוויילע, הייסט עס, ווערען אויס עסק, וועט מען שוין נאכדעם זעהען וואס מע האט צו טהון. איהר פארשטעהט, צי ניין? ווער זשע באדארף צערייבען דעם עסק, מע זאל ווערען אויס עסק? פארשטעהט זיך, אז דער גלח. זאגט אבער דער גלח, אויב איהר געדענקט: לאז מען איהם פריהער באוואהרענען, דאס הייסט, איבערגעבען דעם בילעט אויף זיין נאמען, וועט ער זעהען, מע זאל צערייבען דעם עסק. איז ער, דאכט זיך, אויך גערעכט? ווער זשע באדארף דאס איבערגעבען דעם בילעט אויף זיין נאמען, אז ער זאל צערייבען דעם עסק? פאר־שטעהט זיך, אז דער גביר אונזערער. קומען מיר מסתמא צו

אונזער נגיד און בעטען איהם, ער זאָל זיין אזוי גוט און איבער־נעבען דעם בילעט, וועט מען צעררייבען דעם עסק. טענה׳ט דער נגיד וויעדער די אייגענע טענה, אויב איהר געדענקט, און איז אויך געדעכט: „וואָס האָט איהר צו מיר? — זאָגט ער. — וואָס האָט איהר מיר אָנגעהאנגען א פרעמדען עסק?” טענה׳ן מיר: „געדעכט זענט איהר טאַקי; נאָר וואָס זאָלען מיר טהון, אז אָהן אייך קאָן מען ניט צעררייבען דעם עסק?” זאָגט ער: „אם כן, וואָס בין איך שולדיג? צעררייבט אייך יאָ דעם עסק און צעררייבט אייך ניט דעם עסק, — וואָס איז מיין עסק?”... איהר פארשטעהט, צי ניין?... האָט איהר ניט ביי זיך איין עסק... טפו! מיין איך א פאפיראָס?

קורץ און גוט, וואו זשע האַלט איך, הייסט דאָס? ביי צעררייבען דעם עסק. עצות אהער, עצות אהין — ס׳איז געבליבען: לאָדען זיך. און וויבאַלד לאָדען זיך, באַדאַרף מען פרעגען איין אדוואָקאַט. און וויבאַלד פרעגען ביי איין אדוואָקאַט, באַדאַרף מען פאָהרען אין שטאָדט אריין. הויבט זיך אָן: ביי וואָסער אד־וואָקאַט זאָל מען פרעגען? זאָגט דער, מע זאָל פרעגען ביי דעם אדוואָקאַט, און יענער זאָגט, מע זאָל פרעגען ביי יענעם אדוואָקאַט. פרעגט מען דאָך מסתמא ביי ביידע אדוואָקאַטען, א ברירה האָט מען? זאָגט דאָך מסתמא דער אדוואָקאַט פונקט דעם היפך, וואָס יענער אדוואָקאַט; זאָגט דער דריטער אד־וואָקאַט בוידעם; איז דאָך ביטער — געהט מען צו א פיערטען אדוואָקאַט... בקיצור, איך באַדאַרף אייך דערצעהלען וואָס אדוואָ־קאַטען זענען? אדוואָקאַטען און דאָקטוירים — דאָס איז איין מכה; אדוואָקאַטען און דאָקטוירים זענען לכתחילה באַשאַפען געוואָרען, זיי זאָלען זאָגען איינס דאָס אנדערע אויף צו־להכעיס. וואָס יענער זאָגט, באַדאַרף דער זאָגען פונקט קאַפויר, ווי, להבדיל, דער תרגום. איך האָב א גוטען ברודער, זאָגט ער: וואָס איז דער, אייגענטליך, דער תרגום? דער תרגום, זאָגט ער, איז א צו־להכעיס׳־ניק; דער תרגום דאַרף זאָגען לאַקירדע. למשל, אז דער חומש

זאָגט „ויאמר" — קומט דער תרגום און זאָגט „ואמר" ; און אז דער חומש זאָגט „לאמר", איז, דאַכט מיר, וואָס קאָן דאָס דיר שאַדען, רב תרגום, אז ס'וועט שטעהן לאמר? ניין, לוינט איהם נישט! נאָר ל־מ־י־מ ר! — און געה טהו איהם עפּיס! איהר פאַרשטעהט, צי ניין? אז איין אַדוואָקאַט זאָגט, אז מיר אַלע פיער זאָלען איינגעבען אַ פּאַפּיער אויף דער באַנק און אויפ'ן גביר, למאי זיי געבען אונז ניט אַרויס דעם בילעט, — דאַכט זיך, אַ גלייכער איינפאַל, האַ? קומט דער אַנדערער אַדוואָקאַט און זאָגט: אַז איינגעבען באַדאַרפען נאָר צוויי, איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס, און נאָר אויפ'ן גביר אַליין, למאי ער הייסט ניט די באַנק, זי זאָל איבערגעבען דעם בילעט. דאַכט זיך, אויך נישט קרום, האַ, וואָס זאָגט איהר? זאָגט אָבער דער דריטער אַדוואָקאַט: וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט דער באַנק? די באַנק קען מיך? זי האָט געהאַט מיט מיר עסקים? איינגעבען לאָז בירנבוים אַליין, און נישט אויף דער באַנק, נאָר אויפ'ן גביר אַליין, וואָרום וואָס איז שולדיג די באַנק, אַז ער אַליין, בירנבוים הייסט עס, האָט ערשט ניט לאַנג געהייסען די באַנק, זי זאָל אַריבערטראָגען דעם בילעט פון זיין חשבון על חשבון הגביר? דאַכט זיך, גערעדט ווי אַ מענטש, האַ? קומט נאָך איין אַדוואָקאַט און דרינגט, אַז איינגעבען באַ־דאַרף ניט איך און ניט בירנבוים — איינגעבען באַדאַרף גאָר דער גלח מיט מיין ברודער, העניך הייסט עס! דאַכט זיך, כ'איז אויך מיט אַ גאַנג, האַ? קומט איין אַנדער אַדוואָקאַט און פאַלט נאָר אויף אַזאַ מין המצאה: מע באַדאַרף זיך, זאָגט ער, גאָר ניט לאָדען, וואָרום לאָמיר זעהען, פון וואַנען, זאָגט ער, האָט זיך גענומען אין באַנק אַ בילעט אויפ'ן גביר'ס נאָמען? בירנבוים האָט איהם אַריינ־געטראָגען. וואו האָט בירנבוים גענומען אַ בילעט? ביי יעקב־יוסלען, ביי מיר הייסט עס. וואו האָב איך איהם גענומען? ביי מיין ברודער, העניך הייסט דאָס. ביי וועמען האָט איהם גענומען מיין ברודער, העניך הייסט עס? אַנטליהען, מיין איך געקויפט ביי'ם גלח. ער זאָגט געקויפט, דער גלח זאָגט געליהען — וואָס

מאכט דאס אויס, א פארפּאלענער עסק. על כן, זאגט ער, לאז דער גלח מאנען דעם בילעט ביי מיין ברודער העניך, מיין ברודער העניך ביי מיר, איך ביי בירנבוים'ען, און בירנבוים — ביי וועמען? בירנבוים ביי דער באנק. אי, די באנק טענה'ט דאך: זי קען שוין נישט בירנבוים'ען, זי קען נאר דעם גביר? טא לאז בירנבוים מאנען ביי'ם גביר, און דער גביר לאז מאנען ביי דער באנק. אי, דער גביר האט מורא, טאמער — וואס? טאמער לאדט מען איהם? איז פארהאן, זאגט ער, איין עצה: לאז בירנבוים ארויסגעבען א צעטעל, קוויטירען הייסט עס, דעם גביר, איך זאל קוויטירען בירנ־בוים'ען, און מיין ברודער העניך זאל קוויטירען מיך, און דער גלח זאל קוויטירען מיין ברודער העניך. נו, ווי געפעלט אייך איין איינפאל? וואס קאן שוין זיין גלייכער דערפון? געפינט זיך נאך איין אדוואקאט א חכם און פרעגט א קלאץ־קשיא: שאט, פון וואנען ווייסען מיר, זאגט ער, אז דער בילעט ענדיגט זיך שוין מיט'ן גלח? טאמער ליגט ערגיץ באהאלטען אויפ'ן בוידעם נאך א נפש, וואס וועט אויפשטעהן מארגען, וועט ברענגען עדות מיט פאפּיערען און וועט טענה'ן: „דער בילעט איז מיינער! קינדער, וואו איז מיין בילעט?!" וואס זשע וועט זיין? וועט ער מאנען שוין נישט קיין בילעט, נאר פינף־און־זיעבעציג טויזענד! ביי וועמען? נישט ביי קיינעם, נאר ביי'ם גביר! אי, דער גביר האט א צעטעל פון בירנבוים'ען, בירנבוים פון מיר, איך פון מיין ברודער העניך, מיין ברודער העניך פונ'ם גלח? לאז דער גביר געהן, זאגט ער, נאכדעם לאדען בירנבוים'ען, בירנבוים מיך, איך מיין ברודער העניך, מיין ברודער העניך דעם גלח — פונקט די אייגענע מעשה, וואס מיט'ן חד־גדיא: ציגעלע־קעצעלע, קעצעלע־הינטעלע, הינ־טעלע־שטעקעלע, שטעקעלע־פייערעל, פייערעל־וואסערעל, וואסע־רעל־אקסעלע, אקסעלע־שוחט'על — איהר פארשטעהט, צי ניין?... איז שוין ווידער שלעכט! וואס זשע טהוט מען? באדארף מען געהן צו א נייעם אדוואקאט, צו קאפּערניקאווען אליין, און פון קאפּערניקאווען צו נאך א גרעסערען אדוואקאט, צום „גאלדענעם

ווייזער". וואס טויג אייך, מיר האבען נישט דורכגעלאזט קיין איין אדוואקאט, מיר האבען זיך מיט זיי, מיט די דאזיגע אדוואָ־קאטען הייסט עס, אזוי פאראדוואקאטעט דעם קאפ, אז וואו מיר זענען געשטאנען און וואו מיר זענען געגאנגען האט מען געהערט נאר אדוואקאט און אדוואקאט און אדוואקאט. האט איהר נישט ביי זיך איין אדוואקאט... טפו! מיין איך א פאפיראס?

קורץ און גוט, וואו זשע האלט איך, הייסט עס? ביי די אדוואקאטען. גאט האט געהאלפען, די אדוואקאטען האבען גע־פונען איין עצה — פארט אדוואקאטען! וואס זשע איז די עצה? די עצה איז אזא מין עצה: אז איך און בירנבוים, מירביידע הייסט עס, זאלען קודם־כל, פריהער פאר אלע היומס, איינגעבען א פאפיער, צעשרייבען זיך ביי'ם נאטאריוס הייסט עס, אז מיר זענען ניט שייך צום בילעט כלל וכלל, קיין שום מחותנים נישט הייסט עס, און אז דעם דאזיגען בילעט האט מיר צוגעשיקט מיין ברודער העניך, וואס ער האט איהם גענומען, געקויפט הייסט עס, ביי'ם גלח, אויף צו פארזעצען, און איך האב איהם פארזעצט ביי בירנבוים'ען און גענומען אויף איהם רי"ש קערבלעך, — ווי די מעשה איז געווען, דאס הייסט, דעם רעכטען, דעם ריינעם, דעם אמת'ען אמת! דאכט זיך, פראסט און פשוט, אהן שפיצלעך, אהן חכמות און אהן אויבער־הסברות — וואס קאן זיין בעסער, ווי דער אמת? איז אבער קיינער דערויף פריהער נישט געפאלען, איהר פארשטעהט, צי ניין?... נאר שאט, איהר זענט נאך ניט פארטיג. וואס הייסט, מיר וועלען נעמען, איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס, און וועלען ארויסגעבען אויף זיך אזא בייטש? און וואס וועט זיין מיט אונזערע חלקים? וואס וועלען מיר טהון, אז מע וועט אונז נאכדעם זאגען „ישקני"?... זיך געהן פארלאזען אויף מיין ברודער'ס יושר און אויפ'ן גלח'ס נאמנות? אי, מיר האבען זיך צעשריבען מיט זיי אויף פאפיער און געטרונקען לחיים? בלאטע! א בויגען פא־פיער קאסט א גראשען, און לחיים קאן מען טרינקען אלע טאג, אבי ס'איז נאר פארהאן, ווי זאגט איהר, אביסעל בראנפען. וואס

זשע האָבען מיר געוואָלט, איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס? א באוואָהרעניש — מע זאָל אונז באוואָהרענען אונזערס, וואָס אונז קומט... איהר פארשטעהט, צי ניין?... אָט דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען די רעכטע חתונה: „באוואָהרענישען? פאר וואָס קומט זיי באוואָהרענישען? גענוג זיי נעמען אומזיסט געלט, געב זיי נאָך באוואָהרענישען!" האָט דאָך עס אונז אָנגענומען ביי'ם הארצען: „סטייטש, פאר אונזער עהרליכקייט, איהר אזעלכע און אזעלכע! גענוג מע טהוט אייך אזא טובה, — מע וואָלט דאָך געקאָנט צונעמען ביי אייך איינגאַנצען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד, אז קיין האָהן זאָל אפילו ניט קרייהען, — האָט איהר נאָך טענות!?"... „קומט אייך, הייסט דאָס, א דאנק, א קניפ אין בעקעל?"... אזוי זאָגט דער ברודער מיינער, העניך הייסט דאָס. האָט דאָך עס מיך פארדראָסען! א וואָרט פאר א וואָרט, פיטש־פּאטש, ווי געוויינטליך צווישען ברידער... הקיצור, גע'פועל'ט — מע וועט אונז שוין געבען א באוואָהרעניש. וואָס פאר א באוואָהרעניש? קוויטלעך? — א קוויטעל איז א סוכה־שער. וועכסעלעך? איין עבירה וועכסעל־פּאפּיער. וואָס דען? — מזומן געלט, ווי מיין באבע עליה־השלום פלעגט זאָגען: „דאָס בעסטע מילכיגס איז א שטיקעל פלייש". וואו זשע קריגט מען מזומן געלט, אז קיין מזומן געלט איז היינטיגע צייטען נישטאָ ביי קיינעם. שייך זאָגען ביי קיינעם? פארהאַן געלט, און א סך, נאָר ביי די בראָדסקים. „הכלל, ס'איז פּוסטע דבורים! ביז מע וועט ניט לעגען קיין באוואָהרעניש, וועל איך ניט חתמ'ענען!" „וואָס פאר א באוואָהרעניש?" „וואָס פאר א באוואָהרעניש איהר ווילט, אבי א באוואָהרעניש, די וועלט זאָל פון מיר נאָכדעם נישט לאַכען, זאָגען, אז יעקב־יוסיל איז געווען א בהמה". איהר פארשטעהט, צי ניין?... דאָס איז אייך איין מאָל אוועק. און מיין חברה־מאַן, בירנבוים הייסט עס, האָט זיך טאַקי גענומען פשוט וויעדער א מאָל צו דער אלטער טענה: מענטשען!... באשר, זאָגט ער, אזוי ווי ער גיט איצטער, זאָגט ער, ארויס פון

זיך אזא מין נעשריפטס, א ר ע צ י פ י ס, הייסט עס אויף אייביג, לכן וויל ער, מע זאָל זיך מיט איהם פאַרלאָזען אויף מענטשען. וואָס מענטשען וועלען זאָגען, אזוי וועט זיין. „ווידער א מאָל מענטשען? — זאָג איך. — מע האָט דאָך א י י ן מאָל געענדיגט, — וואָס טויגען אייך מענטשען?” „פאַרשטעהסט איהר מיך, זאָגט ער, בירנבוים הייסט עס, איך וויל, מע זאָל א פרעג טהון מענטשען, אפשר וועלען מענטשען געפינען, אז סע קומט מיר גאַרניט, — למאי זשע זאָל איך נעמען אומזיסט געלט?”... איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... איך שריי ב אָ ו ו אָ ה ר ע נ י ש, און ער טענה'ט מ ע נ ט ש ע ן. „באָוואָהרעניש וועט, זאָגט ער, זיין נ אָ כ ד ע ם; פריהער לאָז מען פרעגען מ ע נ ט ש ע ן”. „איהר האָט זיך שוין ווידער א מאָל, זאָג איך, צעמענטשעלט? סע מענטשעלט מיר שוין, זאָג איך, אין קאָפּ פון אייערע מענטשען! בעסער אין זינען האָבען, זאָג איך, א באָוואָהרעניש; א באָוואָהרעניש איז בילכער”...

קורץ און גוט, וואו זשע האַלט איך, הייסט עס? ביי'ם באָוואָהרעניש. מע האָט אונז, לאָז זיך אייך דאַכטען, באָוואָהרענט, פאַרבונדען איינס דאָס אנדערע, ווי עס געהער צו זיין, זיך צע־שריבען פון אלע זייטען הייסט עס, און דוקא ביי'ם נאָטאַריוס, און מע האָט איינגעגעבען די אלע פּאַפּיערען אהין וואו מע דאַרף, און מע האָט אָנגעהויבען געהן צו אדוואָקאַטען, שרייבען פּאַפּיערען, אזא פּאַפּיער און אזא פּאַפּיער, העצקען זיך אלע מאָנטאַג און דאָנער־שטאַג אין דער גרויסער שטאָדט אריין, לעגען הוצאות, צאָהלען בעטעל־געלט, שלאָפען מיט וואַנצען, אבי סע הייסט „האָטעל” (אכסניא לוינט זיי ניט!), עסען פּאָרציעס, געפּרעגעלטע טאַראַקאַ־נעס, אבי סע הייסט „בראַטען” (ראָסעלפלייש לוינט זיי נישט!), שוויצען ווי אין א שוויץ־באָד, בראָטען זיך אויף דער זון, פּוצען די שטיינער, ווערען טויב און דול פונ'ם קלאַפּען און פונ'ם טראַס־קען און פונ'ם הו־האַ, טאָמער ווייסט איהר וואָס? א גדולה — פינף־און־זיעבעציג טויזענד! נעחיי־בי וואָלט דאָס שוין געווען, איין עק לאָז דאָס האָבען, ווי זאָגט מיין ווייב זאָל לעבען: „א

קופּערנער גראָשען אויף דער וואָחר איז טייערער פון א גאָלדען רענדעל אין חלום. דיינע פינף־און־זיעבעציג טויזענד, זאָגט זי, האָבען מיר שוין געמאַכט פינף און זיעבעציג לעבער אין הארצען. איך וואָלט דיר מוחל געווען דעם כבוד — צו וואָס האָב איך עס, זאָגט זי, באַדאַרפט?"... "ע, ביזט א אידינע, זאָג איך, און א אידינע בלייבט א אידינע"... אזוי זאָג איך צו איהר, און פיהלען פיהל איך, אז זי איז גערעכט, וואָרום וואָס האָב איך דערפון, אז אין מאַרק אריין נעמען קאָן מען דאָס נישט? זיך נאָר געקויפט אומזיסטע שונאים: דער איז מיר גלאַט מקנא, און דער פאַרגינט מיר ניט, האָט מורא, טאָמער נעם איך געלט, פאַר וואָס קומט יעקב־יוסלען אזוי פיעל געלט, איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... וואָס זאָלט איהר קלערען, עס האָט זיך גענוג בלוט אָפּגעצאַפּט, ביז מע האָט דערלעבט הערען דאָס גוטע וואָרט, אז דער עסק איז שוין א צע־ריבענער עסק, אוים עסק! און עס איז גענוג די אויגען ארוים־געקראַכען, ביז מע האָט דערלעבט זעהען דעם בילעט אין א גוטער שעה, אין א מזל'דיגער שעה! נאָר איהר מיינט, אז אַט אזוי גיך האָבען מיר דערזעהען דעם בילעט? פּאַוואָלינקע, נאָר נישט גע־חאַפּט. פריהער האָט מען באַדאַרפט, ס'זאָל איבערגעהן די צייט, דער חודש הייסט עס, וואָס טאָמער גיט עמיצער איין, אז ער איז ניט צופריעדען מיט'ן משפט. דעם דאָזיגען חודש וויים איך ניט, אויב איך בין געשלאָפען איין נאַכט אפילו. עס האָבען זיך מיר געפלאָנטעט אַלע אזעלכע ווילדע־משונה חלומות, אז ניט איין מאָל פלעג איך מיך, איהר פאַרשטעהט, צי ניין, אויפחאַפּען אין מיטען ביינאַכט און שרייען נישט מיט מיין קול: "צפורה, איך פליה!"... "וואוהין פליהסט דו?" — זאָגט זי צו מיר. — וואָס איז פאַר א פליהען אויף דיר? שפּיי אוים דריי מאָל און דערצעהל מיר, וואָס האָט זיך דיר גע'חלומ'ט?" "עס האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, זאָג איך, א שענער חלום; עס האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אז איך האָב פליגעל און איך פליה, און עס פליהען מיר נאָך ווילדע ברואים, מיני מאָדנע באַשעפענישען, שלאַנגען און עקדישען, און ווילען מיך

נאָר דורם זיין״... דאָס איז איין מאָל געווען. דאָס אַנדערע מאָל האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אז איך זיץ אויף א זאַק, א גרויסען, איין אַנגעבלאָזענעם זאק; דער זאַק איז א גומינער זאק און א רויטער, און ביי דער זייט שטעהט אָנגעצייכענט אויף איהם מיט גרויסע ציפערען: 75,000... ס׳איז שבת בייטאָג, זומער־צייט, איהר פאַר־שטעהט, צי ניין, די גאַנצע שטאָדט אידען און ווייבער געהען־ארום אויפ׳ן שפאַציער, שטעלען זיך אָפּ אַלע ווייליע און קוקען, קוקען אויף מיר מיט אויגען... פלוצים — טררראך! — עס הערט זיך א קנאַק; דאָס האָט געלאַפּנעט דער גומינער זאַק, און איך פאַל, פאַל מיט א געשריי: „צפורה, געלאַפּנעט!״ „גאָט איז מיט דיר! ווער? ווער האָט געלאַפּנעט? לאָזען מיינע שונאים לאַפּנען!״... אַזוי זאָגט צו מיר מיין ווייב און וועקט מיך אויף פונ׳ם שלאָף און איז מיר מסתמא פותר־חלום צו גוטען, ווי געוויינטליך א ווייב.

קורץ און גוט, וואו זשע האַלט איך, הייסט עס? ביי׳ם בילעט ארויסנעמען. אז ס׳איז געקומען צום נעהן דעם בילעט ארויס־נעמען, האָט זיך אָנגעהויבען א נייער עסק: מי ומי ההולכים — ווער זענען, הייסט עס, די געהערס? איטליכער באַזונדער איז ביי זיך אודאי זעהר א גרויסער בטוח, נאָר אינגאַנצען פאַרגלויבען זיך אויף יענעם בין איך אויך ניט מחויב — ס׳איז צו א גרויסער נסיון, ס׳איז פינף־און־זיעבעציג טויזענד קערב־לעך! איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... בכן איז געבליבען, איך גלויב דיר ניט, דו גלויבסט מיר ניט — לאָמיר בעסער געהן אַלע זאַלבענאַנד. דהיינו, וואָס הייסט אַלע זאַלבענאַנד? א פאַר־שוין צעהן. פון וואַנען האָבען זיך גענומען צעהן פאַרשוין? רע־בענט־אוים, וועט איהר זעהען: איך בין ניט איינס, בירנבוים איז ניט צוויי, דער גלח איז ניט דריי, מיין ברודער, העניך הייסט עס, איז ניט פיער, דריי אדוואָקאַטען (איינער פונ׳ם גלח׳ס צד, איינער פון מיין ברודער׳ס צד, א טאַראַשטשער אדוואָקאַט, און איינער פון מיין צד מיט בירנבוים׳ס צד, א טשערקאַסקער אדוואָקאַט) — האָט איהר שוין צ קיימא־לן פון קיין עין־הרע זיעבען פאַרשוין;

היינט די דריי מעקלערס, וואָס האָבען זיך אריינגעלעגט אין געשעפט און אויסגעגלייכט אונז, — אָט האָט איהר אייך פונקט צעהן פאַר־שוין, א מנין הייסט עס... איז אפילו תחילת געווען אביסעל פריקרע; מיין ברודער, העניך הייסט עס, האָט זיך געשמיצט און געוואָרפען, למאי עס געהען אזוי פיעל מענטשען, א גאַנצע חאַליאַסטרע! נענוג, זאָגט ער, וואָלט געווען, דאכט זיך, מיר זאָלען געהן אינצווייען, ער מיט'ן גלח הייסט עס... ס'איז איהם ניט אָנגעשטאַנען די מעשה, אפנים, וואָס קיינער וויל זיך ניט פאַרלאָזען אויף זיין יושר מיט'ן גלח'ס נאמנות. עס האָט זיך איהם אָבער געהאָלפען, מאָהלט אייך, ווי דער פאַראיאָהריגער שניי, וואָרום איטליכער האָט געהאַט איין אַנדער טענה, און איז געווען גערעכט. למשל, איך האָב אויס־געוויזען, אז איך מוז געהן, וואָרום איך בין א ברודער — נישט מחמת כבוד, נאָר מחמת דעם, וואָס איין ברודער דעם אַנדערען מעג אָנפייפען; וואָס וועל איך איהם נאָכדעם טהון? געהן לאָדען צום ונתנה־תוקף? ס'איז דאָך א ברודער!... און מיין בירנבוים האָט גע'טענה'ט, אז וויבאַלד איין אייגענער ברודער וויל ניט גלויבען, מעג ער, א ווילד־פרעמדער, פאַר זיין עהרליכקייט אודאי ניט פאַרלאָזען זיך אויף נסים! ער איז אזוי אויך, זאָגט ער, גענוג יוצא... און מע קאָן ניט זאָגען, ער זאָל זיין אינגאַנצען אומגערעכט... די דריי אדוואָקאַטען שמועסט מען ניט, אז זיי מוזען זיין דער־ביי, וואָרום מע וועט נאָך באַדאַרפען, זאָגען זיי, שרייבען און שרייבען און שרייבען... איז געבליבען, הייסט עס, נאָר די מעק־לערס; זאָגען די מעקלערס, אז געהן, באַדאַרפען זיי אויך געהן, און דוקא אַלע דריי, וואָרום זיי זענען שוין, זאָגען זיי, געשלאָגענע הינט, געניטע מענטשען הייסט עס; זיי זענען דורכגעגאַנגען, זאָ־גען זיי, א גוטע שקאָלע; זיי האָבען דורכגעמאַכט דעם קורס פון דער בערזע אין יעהופּעץ, וויסען זיי שוין וואָס באַדייט מעק־לער־געלט, „קאַרטאַוש" הייסט עס; דאָס איז אַזא געלט, ווי רח"ש, וואָס מע מוז, זאָגען זיי, זיין ביי'ם ערשטען טעלער־ברעכען, איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... אָפּגערעדט האָבען מיר נאָר, אז

צונויפקומען זיך זאָלען מיר האָטש ניט אַלע מיט א מאָל, נאָר איינציגווייז; און אזוי ווי איטליכער באזונדער האָט זיך געפּעדערט זיין דער ערשטער, לכן זענען מיר אַלע געווען ביי דער באַנק כאור הבוקר, זיך ארומגעדרעהט אין דרויסען א היבשע ווייַלע, ביז מע האָט אונז אויפגעעפענט די טהיר, און מיר זענען אריינגעגאַנגען אָפּנעמען דעם בילעט. נו, און דאָס פאַרשפּאַר איך דאָך אייך דערצעהלען וו א ס א באַנק איז. א באַנק האָט פיינט האָפען זיך — זי האָט זיך צייט. וואָס נעהט איהר אָן בילעט, יעקב־יוסיל, פינף־און־זיעבעציג טויזענד, נלחים, העניכם, בירנבוימס, מעקלערס, וואָס ווילען נעבאָך פאַרדיענען, און גלאַט מענטשען? וויים איך — אפילו נישט אין דער לינקער פּאה! דער פאַררויכערט זיך א פּאַפּיראָס, דער רעדט דברים בטלים, דער טרינקט א גלעזעל טיי, דער פאַרשניצט א שטיפטעל, דער לייענט א גאַזעט — אריינגעשטעקט די נאָז טיעף־טיעף און הויבט נישט אויף דעם קאָפּ, האָטש געב איהם א קרענק! מיר דרעהען זיך ארום, מיר געהניצען, הוסטען, מיר וואָלטען שוין געהרען דערלעבען די מינוט, די רגע — איז ניטאָ דער בוכהאַלטער. געקומען דער בוכהאַלטער — ניטאָ דער קאַסיר. געקומען דער קאַסיר — ניטאָ דער דרעקטער. וואו איז דער דרעקטער? ער שלאָפט נאָך. דער בעל־הבית פון דער באַנק, הייסט עס, ליגט זיך און שלאָפט. וואָס נעהט איהם אָן, אשטייגער, בילעטען, יעקב־יוסיל, פינף־און־זיעבעציג טויזענד, נלחים, העניכס, בירנבוימס, מעקלערס, וואָס ווילען נעבאָך פאַרדיענען, און גלאַט מענטשען? וויפיעל קאָן ער, אשטייגער, נעמען דאָ געהאַלט, אזא מין דרעקטער? אודאי זעכס טויזענד קאַרבען, און אפשר אכט, און פּאַר וואָס ניט אַלע צעהן? קאַרג האָרעוועט ער נעבאָך?... איך וואָלט זיך דאָ געשטעלט פאַר האַלב, כלעבען, פאַר א דריטעל, און וואָלט אפשר מעהר געאַרבייט פון איהם, און געטרייער אודאי!... אזוי שטעה איך מיר בשעת מעשה און טראַכט, און אפשר האָב איך בשעת מעשה נאָר ניט געטראַכט, איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... און בתוך כך קומט אָן דער דרעקטער. אַנגעקומען דער דרעקטער,

האָבען מיר זיך מסתמא א לאָז געטהאָן צו איהם אלע מיט א מאָל.
האָט ער זיך עפּיס ווי איבערגעשראָקען און א מאך געטהאָן מיט
דער האַנד. זענען צוגעגאַנגען צו איהם נאָר די אדוואָקאַטען,
אלע דריי הייסט עס, און דער גלח, און האָבען איהם דערלאַנגט די
פּאַפּיערען, איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... האָט זיך דער דרעקטער
פאַרשלאָסען ביי זיך מיט די פּאַפּיערען, און מיר האָבען גענומען
וואַרטען און וואַרטען, וואַרטען און וואַרטען; אזוי לאַנג, אזוי
ברייט, ביז מיר האָבען זיך דערוואַרט: דער דרעקטער איז ארויס־
געגאַנגען מיט עפּיס א גראָבען פּריץ און האָט זיך אָוועקגעשטעלט
צו אונז, מחילה, מיט'ן הינטען, רעדען, — רעדט ער נאָך. וואָס
געהט איהם אָן בילעטען, יעקב־יוסיל, פינף־און־זיעבעציג טויזענד,
גלחים, העניכס, בירנבוימס, מעקלערס, וואָס ווילען נעבאך פאַר־
דיענען, און גלאַט מענטשען?... פּלוצים דרעהט ער זיך אוים צו
אונז מיט'ן פּנים: „וואשי בומאַגי גאָטאָווי, סטופּאַיטיע אווו קאַס־
סו — שוין פאַרטיג, הייסט עס, אייערע פּאַפּיערען, געהט צום
קאַסיר"... נישט געקאָנט זאָגען פריהער, איהר פאַרשטעהט, צי
ניין?... גענומען די פּאַפּיערען, האָבען מיר זיך א לאָז געטהאָן צום
קאַסיר און דערלאַנגט איהם די פּאַפּיערען, געמיינט, אָט דאָ זענען
מיר שוין פאַרטיג; צום סוף — ווער? וואָס? עס הויבט זיך
גאָר ניט אָן! דער קאַסיר איז פאַרנומען, ער צעהלט געלט, פּאַ־
פּיערליך, הונדערטערס און ת"קערס אזוי ווי מיסט, און גאָלד, גאָלד
גאַנצע קופּקעלעך, א פולער טיש! וויפיעל קאָן דאָ זיין געלט?
וועה איז מיר, ווען איך פאַרמאָג א צעהנטחלק האָטש, לאָך איך
מיך אוים אויפ'ן גאַנצען בילעט!... אָט אזוי שטעה איך מיר
בשעת מעשה און טראַכט, און אפשר האָב איך בשעת מעשה גאָר
ניט געטראַכט; און ער, דער קאַסיר הייסט עס, האַלט אין איין
צעהלען דאָס גאָלד, ער זאָל עס אפילו אונז שענקען א קוק! וואָס
געהט איהם אָן, אשטיינער, בילעט, יעקב־יוסיל, פינף־און־זיעבעציג
טויזענד, גלחים, העניכס, בירנבוימס, מעקלערס, וואָס ווילען נעבאך
פאַרדיענען, און גלאַט מענטשען?... דאָס גאָלד ביי איהם אין די

הענד פליהט — פליהט מיט א משונה־זיסען קלאנג, מיט'ן קלאנג פון גאָלד. א „גאָלדענער קלאנג", איהר פארשטעהט, צי ניין?...

קורץ און גוט, וואו זשע האלט איך, הייסט עס? ביי'ם ביסעל גאָלד. איבערגעצעהלט דאָס גאָלד, הויבט ער אויף אויף אונז די ברילען, טהוט א נעם ביי אונז די פאַפּיערען און א מיש, ווי מע צעהלט געלט, הונדערטערס אשטייגער, מיט א מאָדנעם קנאַק מיט די פינגער! עפּענט־אויף דאָס טישקעסטעל, נעמט־ארויס פון דאָר־טען א גאַנץ גרויסען פּאַקעט; עפּענט־אויף א קאָנווערט, רייסט איהם אויף, נעמט־ארויס פון דאָרטען דעם בילעט, דעם אמת'ען בילעט הייסט עס, און טהוט א פרעג: „ווער נעמט?"... האָבען זיך א לאָז געטהאָן מיט א מאָל צעהן פּאָר הענד. „ניין! — רופט זיך אָן דער קאסיר. — אזוי פיעל הענט קאָן איך דעם בילעט נישט געבען; קלויבט אייך אוים איינעם פון אייער קאָמפּאַניע"... האָבען מיר, איהר פארשטעהט, צי ניין, אויסגעקלויבען איינעם פון אונזער קאָמפּאַניע, דעם עלטסטען פון די דריי אדוואָקאַטען. דער עלטסטער פון די דריי אדוואָקאטען האָט גענומען דעם בילעט פּאַר־וואָלינקע איןביידע הענט אריין, ווי מע נעמט א קינד בשעת אידישען, און האָט איהם צוגעטראָגען פריהער צום גלח, נאָכדעם צו מיין ברודער, העניך הייסט עס, נאָכדעם צו מיר און צו בירנ־בוים'ען, אונז ביידען הייסט עס, מיר זאָלען זעהען, צי איז דאָס דער זעלבער בילעט טאַקי, צי ניין?... האָט דער גלח געזאָגט, אז ער האָט איהם דערקענט נאָך פון דער ווייטען ביי'ם קאסיר אין די הענט; ער האָט אויף איהם, זאָגט ער, א גוטען סימן. וואָס פאַר א סימן? — וויל ער ניט זאָגען... און מיין ברודער, העניך הייסט עס, האָט געשוואָרען ביי אַלדאָס גוטס, אז ווען מע וועקט איהם, למשל, זייגער צוויי ביינאַכט און מע טראָגט איהם צו דעם דאָזיגען בילעט, דערקענט ער איהם מיט'ן קוק! איהר פארשטעהט, צי ניין?... און איך און בירנבוים, מיר ביידע הייסט עס, האָבען דוקא דעם בילעט ניט דערקענט — למאי זאָל איך זאָגען אזא זאך, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען? מיר האָבען נאָר גוט באַטראַכט

די סעריע מיט'ן נומער 12 הייסט עס — דאָס איז דאָך דער עיקר, ווי זאָגט איהר, האַ? און מיר האָבען זיך געלאָזט פון דאָרט גלייך אין גאָסודאַרסטווענע באַנק אריין, אָפּשקאַנטירען דעם בילעט, אָפּ־נעמען די ממתקים הייסט עס, די פינף־און־זיעבעציג טויזענד. געגאַנגען זענען מיר אַלע אינאיינעם, און דוקא צו־פוס, חאָטש ס'איז אַרויף־באַרג. דער עלטסטער פון די אַדוואָקאַטען האָט געהאַלטען דעם בילעט איבען־אויף, גאַנץ שטאַרק, מיט ביידע הענט, ער זאָל איהם חלילה נישט פאַרלירען, אָדער מע זאָל אויף איהם, חס ושלום, נים איבערטראַכטען, אז ער וויל מאַכען די קונץ, איבערבייטען — אַ קשיא אויף אַ מעשה, אזאַ שלים־מזל'דיגער בילעט, איהר פאַר־שטעהט, צי ניין?... און געגאַנגען זענען מיר שוין נישט נאָר זאַלבעצעהנט — מיר זענען שוין געווען מעהר .פון צוויי מנינים. פון וואַנען האָבען זיך גענומען, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל מענ־טשען? וועל איך אייך זאָגען: ערשטענס, גלאַט אַזוי, גוטע באַ־קאַנטע פון מיין שטעדטעל זענען גראַדע געווען דעם טאָג אין דער גרויסער שטאָדט, און דערזעהען, מיר געהען שוין מיט'ן בילעט אין גאָסודאַרסטווענע באַנק אריין אָפּנעמען די פינף־און־זיעבעציג טוי־זענד, זענען זיי אונז געגאַנגען אביסעל באַגלייטען, און טאַקי אין איינוועגס אַ קוק טהון, ווי אַזוי מע נעמט דאָס גרויסע געווינס, ווארום נישט אַלע טאָג קאָן מען אַזעלכס זעהען. הקיצור, וואָס זאָלט איהר קלערען, מיר האָבען געהאַט אַ שענע לויה, און אַ שענעם ברוך־הבא אין גאָסודאַרסטווענע באַנק. דער יעפרייטער, וואָס שטעהט ביי דער טהיר, האָט זיך אפילו תחילת אביסעל דערשראָ־קען, אז ער האָט דערזעהען פאַר זיך, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל אידען מיט אַ גלח אין מיטען; פון דעסטוועגען האָט ער אונז גאַנץ פיין אויפגענומען און אריינגעבעטען איינציגווייז אין באַנק אריין. צוגעגאַנגען מיט'ן בילעט אהין וואו מע דאַרף און געזאָגט וואָס מיר באַדאַרפען, האָט מען אונז צוגעפיהרט צו איינעם אַ משי־נאָווניק מיט אַ ווייסער גלאַנצענדיגער ליסינע, ווי אַ מילכיגער טעלער, און מע האָט איהם איבערגעגעבען אונזער בילעט און מע

האָט איהם עפּיס א זאָג געטהאָן, וואָס — ווייס איך ניט. יענער וואָס מיט דער ליסינע, וואָס איז געזעסען אויף יענער זייט גראַטעס, האָט אויפגעהויבען די אויגען, א וואָרף געטהאָן אויף אונז א שאַר־פען קוק דורך די ברילען און געטהאָן זיך זיין ארבייט: ער האָט געהאַלטען אין די הענט א שאַרף מעסערעל, איהר פאַרשטעהט, צי ניין, און האָט מיט'ן מעסערעל געקראַצט אין א בוך, געקראַצט און געקראַצט, אָהן איין אויפהער. ער קראַצט, און מיר שטעהען אין געהאַקטע וואונדען און קוקען, ווי ער קראַצט, און דער גאַנצער איבעריגער עולם שטעהט און קוקט אויף אונז און באַטראַכט אונז פון קאָפּ ביז די פיס, און ער, דער טשינאָווניק מיט דער ליסינע, הערט נישט אויף צו קראַצען, און אַרום און אַרום אויף אַלע טישען זיצען נאָך טשינאָווניקעס און צעהלען געלט, — נאָר ווי אַזוי, מיינט איהר, געלט? אַזוי ווי פּאַלאָווע, ווי מיסט! גאָלד — גאַנצע סטערטעס! דער קאָפּ דרעהט זיך אזש, דער „גאָלדענער קלאַנג" הילכט אזש אין די אויהערען, און סע שעמערירט אין די אויגען! „ווער האָט דאָס אויסגעקלערט, טראַכט איך מיר, אַט דאָס געלט, וואָס איבער דעם ווערען מענטשען אַזוי פאַרשווארצט, שלאָגען זיך קאָפּ אין וואַנט, און איינער דעם אַנדערען וואָלט נאָר איינגעשלונגען לעבעדיגערהייד — נישטאָ קיין ברודער, קיין שוועסטער, קיין פאָטער, קיין קינד, קיין שכן, קיין גוטער פריינד, קיין טייערס אויף דער וועלט, נאָר געלט און געלט און געלט!"... אַזוי טראַכט איך מיר, און אפשר האָב איך בשעת מעשה גאָר ניט געטראַכט, איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... און ער, דער טשינאָווניק, הייסט עס, הערט נישט אויף צו קראַצען, וואָרום וואָס געהט איהם אָן, אשטיי־גער, בילעט, יעקב־יוסיל, פינף־און־זיעבעציג טויזענד, גלחים, הע־ניכם, בירנבוימס, מעקלערס, וואָס ווילען נעבאך פאַרדיענען, און גלאַט מענטשען?... נאָר אַלסדינג אויף דער וועלט איז דאָך ביז א צייט; גאָט האָט רחמנות געהאַט, דער טשינאָווניק האָט אויפ־געהערט צו קראַצען, צונויפגעלעגט דאָס שאַרפע מעסערעל, באַ־האַלטען דאָס אין זשילעט־קעשעני, אַרויסגענומען א קלאָר־ווייסע

פעטשיילע, גוט אויסגעשנייצט די נאָז, ווי מע באַדאַרף; נאָכדעם האָט ער אַ נעם געטהאָן דעם בילעט, פּשוט ווי מע נעמט אַ פּראָסטען בויגען פּאַפּיער פאַר אַ גראָשען, געעפענט עפּיס אַ בוך, אַ ספר־הזכרונות, און געקוקט — נעקוקט, אַ קוק אין בוך און אַ קוק אויפ'ן בילעט, אַ קוק אויפ'ן בילעט און אַ קוק אין בוך. „ער האָט, אפנים, מורא, דער דאָזיגער חכם, אַז דער בילעט איז אַ נע'מלאָכה'־טער בילעט"... — אַזוי טראַכט איך מיר. — „קראַץ־קראַץ! — טראַכט איך מיר. — שמעק־שמעק! ס'איז איין אמת'ער בילעט נעבאַך, ניט קיין פאַלשער!"... פּלוצים זעה איך, ווי ער נעמט דעם בילעט, טהוט איהם אַ וואָרף אונז כמעט גלייך אין פּנים אַריין מיט די דאָזיגע ווערטער (איך געדענק זיי אַזוי ווי אַצינד געדענק איך זיי):

— וועד האָט אייך געזאָגט, אַז דער דאָזיגער בילעט האָט געוואונען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד?...

איהר פאַרשטעהט, צי ניין? וועד האָט אונז געזאָגט???? ווי געפעלט אייך אַזאַ משל?!

— וואָס הייסט, — זאָגען מיר, — וועד האָט אונז געזאָגט? דער בילעט אַליין האָט אונז געזאָגט, אַז ער האָט געוואונען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד; די סעריע 2289 נומער 12!

— יאָ, — מאַכט ער צו אונז גאַנץ ערנסט — דאָס איז אמת, די סעריע נומער 2289 נומער 12 האָט טאַקי געוואונען פינף־און־זיעבעציג טויזענד, און אייער בילעט איז 2298 נומער 12. אַ קליין טעות'על, מאַליענקאיאַ אָשיבאָטשקאַ...

געפעלט אייך עפּיס אַזאַ נייעס? מילא, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? תחילת, אַז ער האָט אונז אויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער, זענען מיר געוועזען אַלע ווי צעמישט. מיר האָבען גערעכענט: אָדער ער איז דול, אָדער מיר זענען משוגע, אָדער סע חלום'ט זיך אונז אַ חלום. און מיר האָבען גענומען קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע. נאָכדעם האָבען מיר זיך ערשט דערמאַנט אַ קוק טהון

אין בילעט אריין — יא, ווי מיר זענען אידען! סעריע 2298 נומער 12! איהר פארשטעהט, צי ניין?...

וואס זאל איך אייך דערצעהלען ווייטער, מיין ליעבער פריינד? איך בין דאס גאר ניט אימשטאנד אייך איבערצוגעבען א צעהנטל־חלק אפילו, איהר זענט דאס ניט אימשטאנד צו באשרייבען, און קיינער איז ניט אימשטאנד זיך פארשטעלען דאס בילד, די קאר־טינע, וואס איז פארגעקומען דעמאלט אין באנק, בשעת מיר זענען געבליבען שטעהן אלע אהן לשון, געקוקט איינס אויף דאס אנדערע. אויף די פנים'ער איז געווען אנגעצייכענט — וואס זאל איך אייך זאגען? ס'איז גאר ניט געווען קיין פנים'ער פון מענטשען, איהר פארשטעהט, צי ניין, ס'איז געווען חיות און בהמות איז דאס געווען, אינ'ם געשטאלט פון מענטשען, בהמות בצורת אדם הייסט עס. איינער דעם אנדערען זאל קאנען דורס זיין, וואלט ער איהם דורס געווען מיט'ן קוק, מיט די אויגען! דאכט זיך, וואס? וואס האט מען אייך געטהאן אזעלכס? עס האט זיך אייך גע'חלומ'ט א חלום פון פינף־און־זיעבעציג טויזענד? נו, אם כן, באדארף מען זיך נעמען דאס לעבען? שוין זשע האט דאס לעבען קיין שום ווערדע ניט, א חוץ געלט? משוגעים, איהר פארשטעהט, צי ניין?... אויף קיינעם האט מיך ניט פארדראסען, הערט איהר, ווי אויף מיין חברה־מאן, אויף בירנבוים'ען הייסט עס. מילא, די איבעריגע חברה האבען חאטש פארענטפערט זיך, ארויפגעלעגט די באר איינס אויף דאס אנדערע: דער גלח האט ארויפגעלעגט אינגאנצען אויף מיין ברודער העניך, און מיין ברודער העניך האט געזאגט: פרעגט איהם בחרם, עס האט זיך איהם אפילו נישט גע'חלומ'ט קיין פינף־און־זיעבעציג טויזענד, און ער וואלט נישט אנגעהויבען צו וויסען, ווען איך, יעקב־יוסיל הייסט עס, זאל איהם נישט געווען קלאפען קיין דעפעש און אפגעבען מזל־טוב, איהר פארשטעהט, צי ניין? „שען האסט דו, זאגט ער, געקוקט, ברודער מיינער, אין בלאט!"... „פאר וואס האסט דו, זאג איך, ניט געקוקט?" „דו ביזט געווען, זאגט ער, דער גאנצער ברעכער, ביי דיר איז געווען, זאגט ער, דער

בילעט, די ביזט, זאָגט ער, ד ע ר ר ע כ ט ע ר ב ע ל ־ ה ב י ת!"...
איהר הערט אַ מעשה? פריהער, אַז ס'איז געווען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד, האָט מען מיך געוואָלט אָפּלייקענען גאָר אינ־גאַנצען, און איצט, אַז עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך, בין איך שוין ד ע ר ר ע כ ט ע ר ב ע ל ־ ה ב י ת. איהר פאַרשטעהט, צי ניין? נאָר גאָר נישט. איך, יעקב־יוסיל, דאָס כפּרה־היהנדעל, נעם אויף זיך די גאַנצע באַד; לאָז זיין א י ך בין דער גאַנצער חייב! אי, וואו זענען געווען א י י ע ר ע אויגען, בהמות? איהר האָט דאָך אויך געזעהען גלייך מיט מיר אַ מאָל נייענצעהן די אַלע פּאַפּיערען, מיט די קוויטאַנציעס, מיט די סטראַכאָוועקעס, וואו סע שטעהט בפירוש סעריע 2298, נומער 12, און געוואונען האָט גאָר די סעריע 2289 נומער 12, — פאַר וואָס איז אייך ניט איינגעפאַלען אַ קוק צו טהון, אַז די 9 שטעהט פריהער פאַר דער 8? און אַז דער בילעט איז שוין געווען ביי אייך אין די הענט, זענט איהר. דאַכט זיך, ניט קליין געווען אַ קוק צו טהון נאָך אַ מאָל אין דער טאַבעלע, וואָס פאַר אַ סעריע האָט געוואונען די פינף־און־זיעבעציג טויזענד: צי די סעריע 2298, צי די סעריע 2289? אין באַנק אריין, זעהט איהר, האָט איהר זיך ניט געפוילט נעהן אַ גאַנצע חאַליאַסטרע — וואָס איז? איהר האָט געמיינט, אַט נעמט איהר געלט? איהר פאַרשטעהט, צי ניין?... נאָר אויף קיינעם האָט מיך אַזוי ניט געברענט, זאָג איך אייך, ווי אויף דעם חברה־מאַן, בירנבוים הייסט עס. איהר האָט איהם באַדאַרפט אָנ־קוקען, ווי ער איז זיך געשטאַנען ביי דער זייט, ווי אַ ווילד־פרעמ־דער, גלייך ווי מיט איהם געהער זיך דאָס ניט אָן גאָר ניט. אָט ערשט, דאַכט זיך, האָט ער געאַרבייט מעשים: מענטשען! מענ־טשען! ער וויל זיך פאַרלאָזען אויף מענטשען! און איצט שטעהט ער, ווי אַ כשר לעמעלע, נעבאַך גאָט די נשמה שולדיג!... האָט דאָס מיך שוין אָנגענומען, איהר פאַרשטעהט, צי ניין, ביי'ם האַרצען, און איך האָב זיך מיישב געווען: לאָס איך מיר חאָטש קיהלען דאָס האַרץ פאַר מיין בלוט, וואָס ער האָט מיר אָפּגעצאַפּט דעמאָלט,

דעם צווייטען מאַי, אויב איהר געדענקט, בשעת איך בין געשטאַנען פאַר איהם און געבעטען זיך, ווי ביי אַ גזלן, ער זאָל מיר ארויס־געבען דעם בילעט.

— פאַני בירנבוים! — רוף איך מיך אָן צו איהם. — אצינד האָט איהר צייט זיך פאַרלאָזען אויף מענטשען; אָט שטעהען מענטשען אין באַנק, קיין עין־הרע, אַ סך! וואָס שווייגט איהר? איהר ווילט שוין נישט קיין מענטשען? אוים מענטשען?...

דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען, איהר פאַרשטעהט, צי ניין, און געקוועלט. פון וואָס מע האָט געקוועלט — קאָן איך אייך נים זאָגען: צי דאָס קוועלען איז געווען פון דעם, וואָס איך רוף מיין חברה־מאַן, בירנבוים'ען הייסט עס, אויף מענטשען? צי ס'איז גלאַט געווען אַנגעלעגט ביי'ם עולם, וואָס פון די פינף־און־זיעבעציג טויזענד האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך? קאָן איך אייך זאָגען, איהר פאַרשטעהט, צי ניין, און שוועהרען ביי וואָס איהר ווילט, אז עס הויבט מיך נישט אָן צו אהרען דאָס געלט — לאָז דאָס ברענען אויפ'ן פייער! אהרען אהרט מיך נאָר, פאַר וואָס אז בשעת מע האָט נאָר געמיינט, אז יעקב־יוסיל האָט פינף־און־זיעבעציג טויזענד, איז יעקב־יוסיל גע־ווען „רב יעקב־יוסיל"; און איצט, אז מען איז געוואָהר גע־וואָרען, אז יעקב־יוסיל האָט, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ פייג, נים קיין פינף־און־זיעבעציג טויזענד, — איז איין עק, אוים רב יעקב־יוסיל!... וואָס, פאַרבעם, אין אייער פאָטער און מוטער אריין! וואָס האָב איך דאָ חוטא־בעגל געווען? יאָ פינף־און־זיעבעציג טויזענד, נים פינף־און־זיעבעציג טויזענד — וואָס איז דאָ די נפקא־מינה?... הערט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, פאַני שלום־עליכם? איהר מעגט זיך טאַקי איבערנעמען מיט אייערע אידעלעך און מיט דער גאַנצער וועלט! ס'איז, הערט איהר, פע, אַ פאַסקודנע וועלט, און אַ פאַלשע וועלט, און אַ פאַרפיהרטע וועלט, און אַ נאַרישע וועלט! נאָר זייט זיך מודה, עס קלינגט אייך נאָך נישט אין די אויהערען און עס דרעהט זיך נאָך נים אויף

פון אָרט, אַז ער טהוט זיך ניט צו מיר אַ לאָז, הויבט אויף דעם אייך דאָס היטעל פון מיינע פינף־און־זיעבעציג טויזענד? האָט נאָר קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך האָב אייך אפשר אָנגעדולט אַ קאָפּ, און זייט מיר געזונט, איהר פאַרשטעהט, צו גיין, און לאָז גאָט געבען בעסערע געשעפטען.

דער דײַטש

געשריבען אין יאָהר 1902.

דער דייטש

בין איך אליין, ווי איך האָב אייך געזאָגט, אַ דראַזשנער, פון דראַזשנע הייסט דאָס, אַ קליין שטעדטעל אין פּאָדאָליער גובערניע, גאָר אַ קליין שטעדטעל; היינט איז שוין דראַזשנע כלומרשט אַ שטאָדט מיט אַ באַהן, מיט אַ סטאַנציע, מיט אַ וואָקזאַל... אַז דראַזשנע איז געוואָרען אַ סטאַנציע, האָט אונז די גאַנצע וועלט מקנא געווען: אַ קלייניגקייט אַ באַהן! מע האָט געמיינט, דאָס וועט ווערען אַ מחיה, אַ מקום פּרנסה, מע וועט זשעברען פּולע זשמעניעס מיט געלד, מע וועט גליקליך ווערען! אידען זענען זיך צונויפגעפאָהרען פון די דערפער אַרוים אין שטאָדט אריין; בעלי־בתים האָבען גענומען איבערבויען די הייזער, שטעלען נייע קלייטען; די טאַקסע פון פלייש האָט מען געהעכערט; מע האָט שוין אָנגעהויבען קלערען מכח אַ נייעם שוחט, מכח נאָך אַ בית־המדרש און מכח אָפּנעמען פעלד אויף צו פאַרברייטערען דאָס אַלטע בית־עולם — בקיצור, ס'איז געוואָרען „ליהודים". אַ ווערטעל? אַ באַהן, אַ סטאַנציע, אַ וואָקזאַל! בעלי־עגלות האָבען זיך אַפילו תחילת אַביסעל געבונטעוועט, געווען שטאַרק ניט צופריעדען פון'ם עסק, נאָר ווער פרעגט זיי? מע האָט אויסגעלעגט רעלסען, אַראָפּגעבראַכט וואַגאָנעס, אַנידערגעשטעלט אַ וואָקזאַל, אויפגעהאָנגען אַ גלעקעל, צוגעשלאָגען אַ ברעטעל: „ס ט אַ נ צ י אַ   ד ר אַ ז ש נ אַ" — און רעדט צו דער וואַנט!

אַז ס'האָט אָנגעהויבען געהן די באַהן, רופט זיך אָן צו מיר מיינע: „וואָס רעכענסט דו צו טהון, יונה'לע?" (יונה רופט מען מיך). „וואָס זאָל איך, זאָג איך, טהון? דאָס וואָס אַלע

אידען טהוען; אלע דראזשנער אידען דרעהען זיך ביי דער באהן, זועל איך מיך אויך דרעהען ביי דער באהן!"... און האב גענומען דאס שטעקעל און בין ארוים אויפ'ן וואקזאל און בין געווארען מיט גאט זיינער הילף א „פראוויטעל". וואס הייסט א פראוויטעל? א פראוויטעל הייסט: יענער האנדעלט א וואגאן תבואה און באַ־דארף דעם וואגאן תבואה אנגרוזען און אוועקשיקען, איז דערויף געשטעלט געווארען א „פראוויטעל". נאר אזוי ווי כמעט אלע דראזשנער אידען זענען געווארען פראוויטעלעס, איז נישט גוט, מוטשעט מען זיך, דרעהט מען זיך; אמאל קויפט מען ביי'ם גוי א זעקעל תבואה און מע פארקויפט דאס מיד ליד; איז אדער מע פארדיענט, אדער מע דערלעגט; און אמאל טהוט מען א חאפ פון דער זייט א מעקלעריי, אבי סע לאזט זיך, א דאס, א יענץ — שלעכט, ניטא וואס צו טהון! אי, ס'איז פריהער אויך נישט געוועזן וואס צו טהון? איז חאטש ניט געוועזן קיין באהן, איז דער פאר־דראס, ווי זאגט איהר, ניט געוועזן אזוי גרויס; צו וואס האט אונז געטויגט די סטאנציע מיט'ן וואקזאל, מיט'ן גלעקעל, מיט'ן גאנצען טאררעראם?

טרעפט זיך א מעשה — איך שטעה מיר אזוי איינמאל אויפ'ן וואקזאל אביסעל פארזארגט און באנלייט ארוים דעם „פאטשטאווע פאיעזד". ס'איז שוין נאכ'ן דריטען קלונג, דער לאקאמאטיוו האט שוין גוט אנגעפייפט און פונ'ם קוימען זעצט א רויך, — איך טהו א קוק, אויף דער פלאצפארמע שטעהט א פריצ'על, א הויכם און א דארס, מיט קעסטעלדיגע הויזען, מיט א הויכען קאפעליש און מיט א סך טשעמאדאנעס; ער שטעהט אויסגעצויגען דעם האלז און קוקט זיך ארום, ווי א זינדיגער מענטש, אויף אלע זייטען. „אט דאס פריצ'על קעהר עפים באדארפען האבען", — טראכט איך מיר און פיהל, עס האט מיך ווי עמיצער א טארע געטהאן פון הינטען: „יהודי, געה־צו צו איהם און טהו איהם א פרעג, אפשר דארף ער עפים?" און אזוי ווי איך האב מיר נאר געריהרט פון ארט, אז ער טהוט זיך ניט צו מיר א לאז, הויבט אויף דעם

קאפעליש און מאכט צו מיר אויף דייטש, ציהט אוים מיט א ניגון:

— נוט מאַ־יען, מיין הערר!

— א גוט יאָהר זאָל אייך זיין! — זאָג איך צו איהם אויך אויף דייטש און א ביסעל אויף אידיש, און דאָס איבעריגע מיט די הענט. און איך פרעג איהם, פון וואנען ער פאָהרט? מאכט ער צו מיר: צי ווייס איך ניט עפּיס א רעכטע קווארטיר, א „שטאנציאָן", פון זיינעטוועגען?

— אוודאי! — זאָג איך. — פאַר וואָס זאָל איך ניט ווי־סען? — און אין הארצען טראַכט איך מיר: „או־ווא! איין עבירה, וואָס ס'איז ביי מיר ניט קיין אכסניה. ס'זאָל אָבער זיין ביי מיר איין אכסניה, וואָלט איך דאָך איהם פאַרפיהרט צו זיך, ס'איז א וואָהלער דייטש, מע וואָלט געקאָנט ארום איהם עפּיס פאַרדיענען"... און באלד פליהט מיר דורך צוריק א מחשבה: „טפש! עס שטעהט דען אָנגעצייכענט ביי דיר אויפ'ן שטערן, אז ס'איז ביי דיר ניט קיין אכסניה? עלעהיי, לאָז זיך דיר דאַכ־טען, אז ס'איז ביי דיר יאָ איין אכסניה!" און איך רוף מיך אָן צו איהם אביסעל אויף אידיש, אביסעל אויף דייטש און דאָס איבעריגע דערמאַך איך מיט די הענט:

— אויב זיי וואולען, מיין הארר, לאָזען זיי הייסען נעמען א בעל־עגלה, וועל איך זיי טהון דערפיהרען אויף דער בעסטער אכסניה, שטאנציאָן הייסט דאָס, פערוויסאָרט!

דערהערט פון מיר אזעלכע דבורים, ווערד דער דייטש מלא גדולה און מאכט צו מיר, באווייזט מיט דער האנד אויפ'ן מויל:

— האָבען זיי וואָס צו עסען? שפּייזען?

— די בעסטע שפּייזען! — זאָג איך צו איהם. — זיי וועלען, אם ירצה השם, האָבען האנאווע (הנאה), הערר דייטש, וואָרום מיין פלונית, מיין פרוי הייסט עס, איז א זעלטענע באלאבאסטע (בעל־הבית'טע); איהר באקען און איהר קאָכען האָט א שם, איהרע פיש מעג עסען דער מלכות, דער קעניג אחשורש הייסט דאָס...

— יאָ וואָהל! — מאַכט ער צו מיר מיט אַ שמחה און די אויגען בשעת מעשה לויכטען איהם און דאָס גאַנצע פּנים שיינט איהם, ווי די זון.

„אַ חכם אַ דייטש!“ — טראַכט איך מיר און מאַך נישט קיין לאַנגע מחזקות און באַשטעל אַ בויד און איך פאַרפיהר איהם גלייך צו מיר אַהיים.

געקומען אַהיים, געב איך איבער באַלד מיין ווייב אַלסדינג, אַז גאָט האָט מיר צוגעשיקט איין אורח אַ דייטש — נאָר איין אַנטיק. נאָר אַ אידינע פאַרשטעהט דען עפּיס? הויבט זי דאָך אָן מסתמא מיך באַגראָבען, וואָרום איך האָב אָנגעטראָפען פּונקט אויף דער ביינזער שעה, ווען מע ראָמט אין שטוב: „וואָס פאַר אורחים, וואָס פאַר געסט פּלוצים אין מיצקע דרינען?“... „אידינע בלא, זאָג איך צו איהר, דבר ניט אויף אונזער צונג, מחמת דער אָדון איז מבין בלשון אשכנז!“ הערט זי מיך עפּיס, אַז זי האָלט סאַמע אין מיטען ראָמען? קעהרט זי מיט'ן בעזעם גלייך אין פּנים אריין און וואָרטשעט. זי וואָרטשעט, און איך מיט'ן דייטש שטעהען ביי דער טהיר, ניט אַהין, ניט אַהער. קוים מיט צרות, איך האָב איהר איינגערעדט, אַז ס'איז ניט קיין אומזיסטער אורח, ס'איז — פאַר געלט, און מע קאָן נאָך, אדרבה, אָרום איהם עפּיס חאַפּען, אָפּלעקען אַ ביינדעל... זענט איהר שוין פאַרטיג? אַז איך האָב זי שוין גוט איבערגערעדט, מאַכט זי צו מיר: „וואו זשע וועל איך איהם באַלעגען — אין דער ערד?“ „שטיל זאָל זיין, — זאָג איך צו איהר — נאַרישע אידינע, מע זאָגט דאָך דיר, זאָלסט ניט דבר'ען, וואָרום דער אָדון איז מבין כל דבור!“ ערשט דעמאָלט האָט זי פאַר־שטאַנען וואָס מע מיינט, און מיר האָבען איהם אָפּגעטרעטען אונ־זער אַלקער, און מיין ווייב האָט גענומען אין איין כהרף־עין צע־בלאָזען דעם סאַמאָוואַר און געשטעלט זיך קאָכען וועטשערע. תחילת, אַז מיין דייטש האָט דערזעהען דעם אַלקער, האָט ער אפילו אביסעל פאַרדרעהט מיט דער נאָז, ווי איינער רעדט: „עס וואָלט געמעגט זיין אביסעל בעסער!“ נאָר וואָס פאַרשטעהט

קירה־דייטש? אבי מע האָט אריינגעטראָגען דעם סאמאָוואר, פאר־פּארעט טיי, און דערצו האָט ער ארויסגענומען א גוט פלעשעל ראָם און געמאכט א שנאַפּס (און מיר אויך געגעבען א שנעפּסעל), איז שוין געוואָרען רעכט; און ער האָט זיך צעלעגט מיט די טשעמאָדאנעס, ווי ביי זיין טאטען אין וויינגאָרטען, און מיר זענען געוואָרען חבר.

נאָך דער טיי מאך איך מיט איהם א רעד, אהין־אהער, וואָס טהוט ער היינט? מיט וואָס האנדעלט ער? טאָמער דארף ער עפּיס קויפען, פארקויפען? לאָזט זיך אויס, אז דארפען דארף ער גאָר־נישט. עפּיס מאשינעס, זאָגט ער, באדארפען דורכגעהן, — ווייס איך, א נעכטיגער טאָג, — און בשעת מעשה חאַפּט ער אלע מאָל א קוק אין אויוועז אריין און פרעגט זיך נאָך אלע מינוט, צי ס׳איז נאָך נישט פארטיג דאָס עסען? „אפּנים, זאָג איך צו איהם, הערר דייטש, זיי האלטען גוט פון דער אכילה?" ענטפערט ער דאָך מיר מסתמא פּדרוך, וואָרום א דייטש פארשטעהט דען וואָס מע רעדט צו איהם? אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז מע האָט איהם גע־גרייט צום טיש און דערלאנגט די וועטשערע — א פרישע יויך א מחיה׳דיגע מיט מאנדלען, מיט א גאנץ עוף מיט מאנעגרייפּלעך און מיט מערעלעך און מיט פּעטרישקע און מיט... מיט... מיט... (מיינע, אז זי וויל נאָר, קאָן זי!). „ברוכים היושבים!" — זאָג איך צו איהם, און ער ענטפערט מיר נישט קיין חצי דבור, זיך צוגעהאַפּט צום עוף, ווי נאָך א תענית. „ברוכים־היושבים־קומט־נים־עסען־עסט־געזונט!" — מאך איך צו איהם ווידער א מאָל, און ער זופּט די יויך געשמאַק, ער זאָל דאָס אפילו ענטפערען דאָס צווייטע וואָרט, חאָטש זאָגען א דאנק, — ווער? וואָס? „א גראָבער נפש, טראכט איך מיר, און א גרויסער זולל־וסובא׳ניק!"

הכלל, ער האָט אָפּגעגעסען, פארדרויכערט א לאנגע פּיפּקע און זיצט און שמייכעלט. איך זעה, מיין דייטש קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען, זוכט, אפּנים, איין אָרט אויף דעם קאָפּ אָנצושפּארען און די אויגען ביי איהם קלעפּען זיך, טראכטען מכח נאכטלעגער.

האָב איך אַ וואונק געטהאָן צו מיינער: „וואו מאַכט מען איהם אַ געלעגער?" זאָגט צו מיר מיינע: „וואָס הייסט וואו? טאַקי אין מיין בעט". און זי מאַכט נישט קיין לאַנגע שהיות און נעהט־צו צום בעט און הויבט איהם אָן מאַכען אַ געלעגער, פאַנאַנדער־געשלאָגען דאָס בעטגעוואַנט, ווי עס געהער צו זיין (מיינע, אז זי וויל, קאָן זי) — איך טהו אַ קוק, מיין דייטש איז עפּיס נישט צופריעדען, עס געפעהלט איהם ניט, אפנים, וואָס סע פליהען פע־דערען, מחמת ער פאַרדרעהט מיט דער נאָז און הויבט אָן ניסען מיט סכנת־נפשות. מאַך איך צו איהם: „וואַכסען זאָלט איהר, הערר דייטש!" מיינט איהר, אז ער ענטפערט מיר אַ דאַנק? ווער־וואָס? „אַ גראָבער נפש, טראַכט איך מיר, און אַ ווילדער מענטש". מיינע האָט איהם געמאַכט אַ געלעגער ביז דער סטעליע, סע מעג ליגען דער קיסר (מיינע, אז זי וויל נאָר, קאָן זי!), אַ גאַנצע „העסע־בעט", און מיר האָבען זיך מיט איהם גאַנץ פיין אָפּגעזועגענט, גע־ווינשט איהם אַ גוטע נאַכט און געגאַנגען שלאָפען.

תחילת, אז מיר האָבען זיך געלעגט שלאָפען, הער איך, מיין דייטש שלאָפט, קיין עין־הרע, גאַנץ געשמאַק, חראָפּעט מיט אַ מאָדנע שטימע, סאָפּעט ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, פייפט און חאָרחעלט, ווי אַ נעקווילעטער אָכס, און פלוצים האָפּט ער זיך אויף און קרעכצט און אויקעט און פּאָרשקעט און קראַצט זיך און שפּיים און וואָר־טשעט, און קעהרט זיך איבער אויף דער אנדערער זייט, טהוט אַ ביסעל אַ חראָפּע און אַ סאָפּע און אַ פייף און אַ חאָרחעל, און חאָפּט זיך ווידער אויף מיט אַ קרעכץ און מיט איין אוי און מיט אַ פּאָרשקע און מיט אַ קראַצען זיך און מיט אַ שפּייען און מיט אַ וואָרטשען; און אָט אזוי עטליכע מאָל, ביז ער שפּרינגט־אראָפּ פון'ם געלעגער, און איך הער, ווי עס פליהט דאָס בעטגעוואַנט אין דער ערד אריין, איין קישען נאָכ'ן אנדערען, מיט אַ מין כעס און מיט משונה־מאָדנע ווילדע ווערטער: „צום טייוועל! סאַקראַ־מענטאַ! דאָננעררר־וועטעררר!" איך לויף־צו, איך טהו אַ קוק דורך אַ שפּאַרינקע אין דער טיר — מיין דייטש שטעהט אויף

דער ערד אָדם־נאַקעט, וואַרפט דאָס בעטגעוואַנט פונ׳ם בעט, שפּייט קלעק און שעלט זיך אויף זיין שפּראַך, מע זאָל גאָר באַהיט ווערן. „וואָס איז די מעשה, זאָג איך, הערר דייטש?" און עפֿען־אויף די טיר. ווערד ער מלא רציחה און פאַלט־אָן אויף מיר מיט קולאַקעס, וויל מיך דורס זיין, חאַפּט מיך פאַר א האַנט און פיהרט מיך צו צום פענסטער און ווייזט מיר, ווי ס׳האָט איהם צעביסען דאָס גאַנצע לייב, און טרייבט מיך אַרויס און פאַרמאַכט די טיר. „א משוגע׳נער דייטש, — רוף איך מיך אָן צו מיינער — און א גרויסער מפונק! ס׳האָט זיך איהם אויסגעוויזען, זאָג איך, אַז עס בייסט איהם, איז הימעל עפֿען זיך!"... „ווי קומט דאָס? ס׳איז מיר א חידוש! — זאָגט מיינע. — ערשט אויף פסח געריינינגט דאָס בעטגעוואַנט און געפּאַרעט דאָס בעט מיט קעראָסין"...

אין דער פריה, איך האָב געמיינט, מיין דייטש וועט דאָ ווערען ברוגז און וועט אַנטלויפען פון אונז וואו דער שוואַרצער פעפער וואַכסט, צום סוף — ווער־וואָס? ווידער א „גוט - מאָיען" און ווידער געשמייכעלט, און ווידער געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע, און ווידער געהייסען זיך קאָכען עסען, און דערווייל צו דער טיי געהייסען זיך אָפּקאָכען ווייכע אייער, מאַצינקעס, — וויפיעל, מיינט איהר, אייער? כמעט א צעהנדליג! און צום עסען גענומען א רעכטען שנאַפּס און מיר א שנעפּסעל און חי געלעבט! געקומען ביינאַכט — ווידער דאָס איינענע שפּיעל: פריהער געחראַפּעט, געפּייפט און געסאַפּעט און געהאַרחעלט, און נאָכדעם געקרעכצט און געאוויקעט, געפּאַרשקעט און געקראַצט זיך און געשפּיגען און געוואָרטשעט, און אויפגעחאַפּט זיך און אַראָפּגעוואָרפען דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט און געשפּיגען קלעק און געבייזערט זיך און געשאָלטען אויף זיין לשון: „צום טייוועל! סאַקראַמענטאָ! דאָננערררר־וועטערררר!"... און אויפגעשטאַנען אין דער פריה — ווידער „גוט מאָ - יען", ווידער געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע, און ווידער געשמייכעלט, און ווידער געגעסען, און ווידער געמאַכט א שנאַפּס און מיר א שנעפּסעל — אַזוי עטליכע טעג כסדר, ביז

ס'איז געקומען די צייט, די מאַשינעס זענען למזל דורכגעגאַנגען, און ער האָט באַדאַרפט אַוועקפאָהרען.

אַז ס'איז געקומען די צייט פון זיין אַוועקפאָהרען און דער דייטש האָט גענומען זיך פאַקעווען אין וועג אריין, מאַכט ער צו מיר, איך זאָל איהם דערלאַנגען אַ רעכענונג. זאָג איך: „וואָס האָבען מיר זיך דאָ צו רעכענען? ס'איז, זאָג איך, אַ קורצער חשבון, הערר דייטש, עס קומט פון אייך פונקט אַ כף־הא'ער"... שטעלט ער אויס אַ פּאָר אויגען, ווי איינער רעדט: „הא? איך פאַרשטעה ניט!"... מאַך איך צו איהם אויף דייטש: „זיי וועלען מוחל זיין באַצאָהלען אַ פינפאונצוואַנציגער, פינף און צוואַנציג קערבלעך, רובעל הייסט דאָס!" און באַווייז איהם אויף די פינגער צעהן און צעהן און פינף. מיינט איהר דאָך, אַז ער ווערד נתפעל? הם מלהזכיר! ער פּיפּקעט מיט דער פּיפּקע און שמייכעלט און זאָגט צו מיר, אַז ער וואָלט נאָר וועלען וויסען פאַר וואָס קומט פון איהם פינף און צוואַנציג רובעל? און ער נעמט אַ שטיפטעל מיט אַ שטיקעל פּאַפּיער און בעט מיך, איך זאָל איהם אויסרעכענען יעדע זאַך באַזונדער. „ביזט מאַקי אודאי אַ חכם אַ דייטש, — טראַכט איך מיר — נאָר שכל האָב איך מעהר פון דיר; וואָס איך האָב אין פּיאַטע, פאַרמאָגסט דו ניט אין קאָפּ!"... „שטעלט, זייט מוחל, זאָג איך צו איהם, הערר דייטש, פאַר דער אכסניה, שטאַנציאָן הייסט דאָס, זעכס טעג, זעכס מאָל אָנדער־האַלבען, איז נ י י ע ן קאַרבען; זעכס מאָל צוויי, איז צוועלף סאַמאָווארען, צוועלף האַלבע גילדען, איז נ י י ע נ צ י ג קאָפּיקעס; זעכס מאָל במעט צעהן אייער אין דער פריה און צעהן אייער אויף דער נאַכט, איז הונדערט צוואַנציג, צוויי שאָק אייער, אַ קערבעל אַ שאָק, איז צוויי קאַרבען; זעכס יויכען, זעכס עופות, צו פינף גילדען איין עוף, אַ חוץ גרייפּלעך, מאַנדלען, פּעטרישקע, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעס, ציבעלע, איז אַ גלייכער חשבון זעכס קאַר־בען; זעכס נעכט, זעכס לאָמפּען — זעכציג קאָפּיקעס; שנאַפּס האָט איהר געטרונקען אייגענעם — צוויי קאַרבען; קיין טיי און

צוקער האָט איהר ניט גענומען — א קערבעל, איז דריי קאָרבען; קיין ווײַן האָט איהר ניט באַגעהרט — איין קאָרב, איז פיער קאָרבען; קיין ביער איז ניט געווען — זיעבעציג קאָפּיקעס. האָט איהר אינאיינעם א קיימא־לן, אַזוי גרוים, ווי כמעט פינף קאָרבען. נאָר בכדי ס'זאָל אויסקומען צו א גלייכען חשבון, שטעלט פינף מיט פופציג. נו, רב דייטש, איז אינאיינעם ניט קיין פינף און צוואַנ־ציגער?״ — אַזוי מאַך איך צו איהם גאַנץ ערנסט, און איהר מיינט, ער האָט מיר געזאָגט א קרום וואָרט? חס ושלום; געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע און געשמייכעלט און אַרויסגענומען א כּף־הא'ער און א וואָרף געטהאָן, ווי מע וואַרפט־אַרויס א דרייערעל, זיך גאַנץ פיין אָפּגעזעגענט און אַוועק מיט'ן באַהן. „וואָס זאָגסט דו עפּיס, מיין ווייב, אויף אַזאַ מין דייטש?״ — „גאָט זאָל צושיקען, זאָגט זי, אַלע וואָך אַזעלכע דייטשען, וואָלט געווען דוקא נישקשה'דיג״...

דער דייטש איז אַוועקגעפאָהרען. ס'איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין דריי טעג, קומט צו געהן דער בריעפטרעגער און דערלאַנגט מיר א בריעף, נאָר ער הייסט זיך פריהער באַצאָהלען פיערצעהן קאָפּיקעס. פאַר וואָס איז פיערצעהן קאָפּיקעס? — מע האָט פאַר־געסען, זאָגט ער, אָנקלעפּען א מאַרקע. באַצאָהלט די פיערצעהן קאָפּיקעס און אויפגעעפענט דעם בריעף — אויף דייטש געשריבען, איך פאַרשטעה ניט א וואָרט! איך הויב מיך אָן אַרומטראָגען מיט'ן בריעף צו דעם, צו יענעם — קיינער קאָן ניט לייענען קיין דייטש. איין אומגליק! אויסגעלאָפען דאָס גאַנצע שטעדטעל, קוים מיט צרות געפונען א פּראָוויזאָר פון דער אַפּטייק, וואָס קאָן לייענען דייטש, האָט ער מיר דאָס בריוועל איבערגעלייענט און פאַרטייטשט, אַז דאָס שרייבט צו מיר איינער א דייטש און דאַנקט מיר זעהר פאַר דער וואָהלער רוהיגער שטאַנציאָן, וואָס ער האָט ביי מיר געהאַט, און פאַר אונזער גאַסטפריינדליכקייט מיט אונזער ליעבהאַרציגקייט, וואָס ער וועט דאָס אייביג נישט פאַרגעסען... „מהיכא תיתי, — קלער איך מיר — זעהר שען; אַז דו ביזט צופריעדען, טהוט מיר הנאה״. און צו מיינער רוף איך מיך אָן:

„וואָס זאָגסטו אויף דעם דייטש, קיין עין־הרע, נישט קיין קליי־נער נאַר?" — „גאָט זאָל צושיקן, זאָגט זי, אַלע וואָך אַזעלכע נאַראָנים, וואָלט געווען דווקא נישקשה'דיג"...

עס געהט אַוועק נאָך אַ וואָך, איך קום צו געהן פונ'ם וואָקזאַל, טראָגט מיר מיינע אַקעגען אַ בריעף און זאָגט, אַז דער בריעפטרעגער האָט זיך געהייסען דערצאָהלען אַכט און צוואַנציג קאָפּיקעס. „וואָס עפּיס אַכט און צוואַנציג קאָפּיקעס?" — „אַזוי, זאָגט זי, וואָרום ער האָט אַנדערש ניט געוואָלט". איך עפען אויף דעם בריעף — ווידער אויף דייטש. איך לויף אַוועק צו מיין פּראָוויזאָר און בעט איהם, ער זאָל מיר איבערלייענען דעם בריעף. לייענט ער מיר, אַז דער זעלבער דייטש איז נאַר־וואָס איבערגעפאָהרען די גרעניץ, און אַזוי ווי ער פאָהרט אַהיים צו זיין פאַטערלאַנד, דאַנקט ער מיר זעהר פאַר דער וואָהלער רוהיגער שטאַנציאָן, וואָס ער האָט ביי מיר געהאַט, און פאַר אונזער גאַסטפריינדליכקייט מיט אונזער ליעבהאַרציגקייט, וואָס ער קאָן דאָס אונז אייביג ניט פאַרגעסען!...

„מיינע צרות אויף זיין קאָפּ!" — טראַכט איך מיר, און קום אַהיים, פרעגט מיך מיינע: „וואָס איז פאַר אַ בריעף?" זאָג איך: „ווידער אַ מאָל פונ'ם דייטש! ער קאָן אונז נאָר ניט, זאָג איך, פאַרגעסען די טובה, דער משוגע'נער דייטש!" — „אַז נאָט, זאָגט זי, זאָל צושיקען אַלע וואָך אַזעלכע משוגע'נע דייטשען, וואָלט דווקא געווען נישקשה'דיג"...

עס געהען אַוועק נאָך צוויי וואָכען, ברענגט מען מיר פון דער פּאָסט אַ גאַנץ גרויסען בריעף, און ער הייסט זיך דערצאָהלען זעכס און פופציג קאָפּיקעס. וויל איך דאָך ניט; זאָגט צו מיר דער בריעפטרעגער: „ווי איהר ווילט זיך!" און נעמט דעם בריעף צוריק. טהוט דאָך מיר אָבער באַנג, עס ווילט זיך זעהר וויסען פון וואַנעט איז דער בריעף, טאָמער עפּיס אַ נויטיגע זאַך? באַ־צאָהלט זעכס און פופציג קאָפּיקעס, איך עפען אויף דעם פּאַקעט, איך טהו אַ קוק — ווידער אויף דייטש. געה איך שוין מסתמא גלייך צו מיין פּראָוויזאָר און בעט איהם, ער זאָל מיר מוחל זיין,

וואָס איך דול איהם אַלע מאָל דעם ספּאָדעק. וואָס זאָל איך טהון, אַז איך בין געשטראָפט, איך קאָן ניט לייענען קיין דייטש? נעמט ער, דער פּראָוויזאָר, און לייענט מיר אַ גאַנצע מגילה, ווייעדער פונ׳ם דייטש, אַזוי ווי ער איז שוין איצטער געקומען אַהיים און האָט זיך געזעהען מיט זיין גאָליעבטער פאַמיליע, מיט זיין „פרוי״ און קינדער, האָט ער זיי דערצעהלט אַלסדינג, ווי אַזוי ער איז געקומען צו אונז אין דראזשנע, און ווי אַזוי ער האָט זיך באַגעגענט מיט מיר אויפ׳ן וואָקזאַל, און ווי אַזוי איך האָב איהם פאַרפיהרט צו זיך אַהיים, געגעבען איהם אַזאַ וואָהלע, אַזאַ רוהיגע שטאַנ־ציאָן, — לכן דאַנקט ער אונז זעהר און זעהר פאַר אונזער גאַסט־פריינדליכקייט און פאַר אונזער ליעבהאַרציגקייט, וואָס ער וועט דאָס אונז ניט פאַרגעסען אייביג, ווייל ער וועט לעבען. „טפּו זאָל ער ווערען!״ — זאָג איך און בטל־אוים צו איהם אַלע בייזע וויסטע חלומות, און מיינער וויל איך שוין גאָר ניט דערצעהלען פונ׳ם בריעף און מאַך זיך שוין גאָר ניט וויסענדיג.

עס געהען אַוועק נאָך דריי וואָכען, קומט מיר אָן פון דער פּאָסט אַ „פּאָוויעסטקע״ אויף אַ רובעל מיט צוועלף קאָפּיקעס. „וואָס איז דאָס פאַר אַ רובעל מיט צוועלף?״ פרעגט מיך מיינע. „לאָז מיך אַזוי וויסען, זאָג איך, בייז!״ און לויף אַוועק אויף דער פּאָסט און הויב זיך אָן נאָכפרעגען, פון וואַנען האָב איך עס אַ רובעל מיט צוועלף? זאָגט מען מיר, אַז ניט איך האָב אַ רובעל מיט צוועלף — אדרבה, דאָס דאַרף איך גאָר באַצאָהלען אַ רובעל מיט צוועלף. „פאַר וואָס איז?״ — „פאַר אַ בריעף״, — זאָגט מען מיר. „פאַר וואָסער אַ בריעף? — זאָג איך. — אפשר, פונ׳ם דייטש?״ — ענטפערט מען מיר ניט!... מילא, עס העלפט עפּיס טענות? איך האָב באַצאָהלט אַ רובעל מיט צוועלף און האָב אָפּ־גענומען דעם בריעף, — אַ גאַנצען פּאַקעט. איך עפען־אויף דעם בריעף — ווייעדער פון איהם, פונ׳ם דייטש! איך קום צום פּראָ־וויזאָר: „האָט קיין פאַראיבעל ניט, זאָג איך, פּאַני, איך האָב שוין, זאָג איך, ווייעדער, איין אומגליק, אַ דייטשען בריעף״. דער

פראָוויזאָר, אויך נישט קיין קליינער טפש, וואָרפט־אַוועק אַלע אַרבייט און לייענט מיר ווידער אַ גאַנצע מגילה, אַלץ פון׳ם דאָזיגען דייטש, ימח שמו זאָל ער ווערען! וואָס שרייבט ער? ער שרייבט: אַזוי ווי ס׳איז בײַ איהם היינט אַ „פייערטאָג”, אַ יום־טוב הייסט דאָס, עס זיצען בײַ איהם געסט, די גאַנצע משפּחה האָט זיך צו איהם צונויפגעקליבען, האָט ער זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע פון אלף ביז תיו, ווי אַזוי ער איז געקומען צו פאָהרען אין אַ קליין שטעדטעל קיין דראַזשנע, ווי אַזוי ער איז געבליבען דעמאָלט אויפ׳ן וואָקזאַל אַליין אין אַ פרעמד לאַנד, נישט צו פאַרשטעהן אונזער שפּראַך, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט מיר באַ־געגענט און ווי אַזוי איך האָב איהם פאַרפיהרט צו זיך, אָפּגעגעבען איהם אַזאַ וואַהלע, אַזאַ רוהיגע „שטאַנציאָן”, ווי אַזוי מיר האָבען איהם פריינדליך אויפגענומען, אָפּגעטרעטען איהם דעם בעסטען חדר, געגעבען איהם עסען און טרינקען און אַזוי עהרליך און אָרענט־ליך באַהאַנדעלט, — לכן קאָן ער זיך ניט איינהאַלטען און מוז אונז נאָך אַ מאָל אָפּדאַנקען פאַר אונזער גאַסטפריינדליכקייט און גוט־האַרציגקייט, וואָס ער קאָן דאָס אונז ניט פאַרגעסען אייביג און אייביג... „אַ צו־להכעיס׳ניק אָט דער דייטש! — טראַכט איך מיר. — מעהר קיין בריעף וועל איך שוין פון דער פּאָסט ניט אָפּנעמען, עס מעג זיין מיט נאָלד!”

עס געהט אַוועק נאָך אַ חודש, נאָך צוויי — נישטאָ מעהר קיין בריעף, איין עק! איך האָב שוין כמעט אָנגעהויבען צו פאַר־געסען אינ׳ם דייטש. פּלוצים קומט מיר אָן פון דער באַהן אַ פּאַ־וויעסטקע אויף אַ פּאָסילקע פון אַ פינפאונצוואַנציגער. „וואָס קאָן דאָס זיין פאַר אַ פּאָסילקע אויף אַ פינפאונצוואַנציגער?” — קלער איך מיר און ברעך מיר דעם קאָפּ, און מיינע זיצט און ברעכט זיך דעם מח, און מיר קאָנען נישט צוקלערען גאָרנישט. פּאַלט מיר איין אַ געדאַנק: אַזוי ווי איך האָב פריינד אין אַמעריקע, קעהר דאָס זיין מסתמא פון זיי עפּיס אַ מתנה, אַ שיפסקאַרטע, אָדער אַ בילעט, אָדער אַ לאָטאָרעיצעטעל. און בין נישט פויל

און קום אויף דער באהן און וויל ארויסנעמען די פּאַסילקע, זאָגט מען מיר, איך זאָל מוחל זיין באַצאָהלען צוויי רובעל מיט פיער און צוואַנציג קאָפּיקעס, וועט מען מיר ארויסגעבען די פּאַסילקע. העלפט זיך ניט, מוז מען קריגען צוויי רובעל מיט פיער און צוואַנ־ציג קאָפּיקעס און באַצאָהלען און ארויסנעמען די פּאַסילקע. אָפּ־גענומען די פּאַסילקע, זעהר אַ שען קעסטעלע, גוט פאַרפּאַקט, קום איך צו לויפען אהיים און הויב אָן צעפּאַקעווען דאָס קעסטעלע, פאַלט נישט ארויס פון דאָרטען קיין פּאָרטרעט? מיר טהוען אַ קוק אויף'ן פּאָרטרעט — וואָס ס'האָט זיך מיר גע'חלום'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר! ס'איז ער, דער דייטש דער שלים־מזל, מיט'ן לאַנגען האַלז און מיט'ן הויכען ספּאָדעק און מיט דער פּיפּקע אין מויל! צום פּאָרטרעט איז גע־לעגען צוגעלעגט אַ בריוועלע, אויף דייטש געוויינטליך, וויעדער די אייגענע מעשה מסתמא: דאָס דאַנקט ער אונז פאַר דער שטאַנ־ציאָן און פאַר אונזער גאַסטפריינדליכקייט און ליעבהאַרציגקייט, וואָס ער קאָן דאָס אייביג און אייביג ניט פאַרגעסען. איין איינ־געגעסענער דייטש קאָן! ברענען זאָל ער!... מאָהלט אייך, וואָס מיר ביידע האָבען איהם בשעת מעשה אָנגעווינשען און אָנגעג־בענשט, זאָל איהם אָנגעהן חאַטש האַלב, רבונו של עולם!

ס'איז אוועקגעגאַנגען נאָך עטליכע חדשים — איין עס, אוים דייטש! דאַנקען גאָט, פּטור געוואָרען פון אַ שלאַק, אין דער ערד מיט'ן קאָפּ! איך האָב מיך פּשוט מחיה געוועזן!... זענט איהר שוין פאַרטיג? הארט זשע אוים, ס'איז נאָך נישט קיין סוף. אַנומעלטען קומט מיר אָן פלוצים ביינאַכט אַ דעפּעש, איך זאָל, למען השם, קומען צו פאָהרען קיין אדעס, און וואָס גיכער, צו איינעם אַ מענטשען אַ סוחר מיט'ן נאָמען נאָרגעלשטיין; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל „וויקטאָריע" און באַדאַרף מיך זעהר נויטיג האָבען מכח אַ געשעפט. „אדעס? נאָרגעלשטיין? האָטעל וויקטאָריע? אַ געשעפט? וואָס זאָל דאָס באַדייטען?" — אַזוי זאָג איך צו מיינער... הויבט דאָך מיך מסתמא מיינע אָן צו טריי־

בען, איך זאָל פּאָהרען, וואָרום „אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז דאָס, זאָגט זי, טאַקי אַ נויטיגע זאַך? אפשר אַ קאָמיסיע, אפשר תבואה?"... נאָר ס'איז גרינג אויסצורעדען — פּאָהרען קיין אדעס! אַ פּאָהר קיין אָדעס קאָסט עפּיס הוצאות! נאָר ווי־באַלד געשעפּט, איז עפּיס אַ תירוץ? בקיצור, איך האָב געקריגען עטליכע קערבלעך, האָב מיך אויפגעזעצט אויפ'ן באַהן און פּאָהר קיין אדעס. געקומען קיין אדעס, הויב איך זיך אָן פּאַנאַנדער־פרעגען, וואו איז דאָ ערגיץ האָטעל וויקטאָריע? איך האָב מיך דערפרעגט צו האָטעל וויקטאָריע. „נישט פּארהאַן דאָ ביי אייך, זאָג איך, איינער אַ גאָרנגעלשטיין?" פּארהאַן, זאָגט מען מיר, אַ גאָרנגעלשטיין; נאָר וואָס דען? ער איז איצט נישטאָ אין נומער; איך זאָל זיך מטריח זיין צעהן אזייגער אויף דער נאַכט. איך קום צו געהן צעהן אזייגער אויף דער נאַכט — נישטאָ גאָרנגעלשטיין; איך זאָל קומען צעהן אזייגער אין דער פריה, וועל איך איהם טרעפען. איך קום צעהן אין דער פריה — וואו איז גאָרנגעל־שטיין? נישטאָ גאָרנגעלשטיין; ער איז נאָר־וואָס געווען און זעהר נעבעטען, אז ס'וועט קומען דער איד פון דראזשנע, זאָל מען איהם זאָגען, ער זאָל מוחל זיין קומען אָדער דריי בייטאָג אָדער צעהן אויפדערנאַכט. איך קום דריי בייטאָג, איך קום צעהן ביי דער נאַכט — נישטאָ קיין גאָרנגעלשטיין! וואָס טויג אייך, איך האָב זיך אָפּגעוואָלגערט אין אדעס זעכס טאָג מיט זעכס נעכט, נעגעסען צרות, מכות געשלאָפען, קוים מיט ווערים, מיט אנגסטען, איך האָב זיך דערוואָרט אויף דעם גאָרנגעלשטיין. דער דאָזיגער גאָרנגעלשטיין ווייזט־אוים אַ לייטישער מענטש, מיט אַ שענער באָרד אַ שוואַר־צער; ער האָט מיך זעהר פיין אויפגענומען, מיך נעבעטען זיצען. „דאָס זענט איהר — מאַכט ער צו מיר האַלב אידיש, האַלב דייטש — דער איד פון דראזשנע?" — „דאָס בין איך — זאָג איך — דער איד פון דראזשנע. וואָס איז דען?" — „ביי אייך האָט געהאַלטען פאַר־יאָהרען ווינטער שטאַנציאָן איינער אַ דייטש?" — „ביי מיר. — זאָג איך. — וואָס איז דען?"

— „גאָרנישט, — מאַכט ער — אַט דער דייטש איז מיינער אַ שותּף אין מאַשינעס. איך האָב פון איהם אַ בריעף פון לאָנדאָן, שרייבט ער מיר, אַז איהר וועט זיין ביי מיר אין אַדעס, זאָל איך אייך, למען השם, איבערגעבען פון איהם זעהר אַ פריינדליכען גרוס און אייך אָפּדאַנקען פאַר אייער וואָהלער רוהיגער ש ט אַ נ־צ י אָ ן, וואָס ער האַט ביי אייך געהאַט און פאַר אייער גאַסט־פריינדליכקייט און גוטהאַרציגקייט און מיט אייער עהרליך אָרענט־ליך באַהאַנדלען איהם, וואָס ער קאָן דאָס אייך בשום אופן קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסען, ווייל ער וועט לעבען!...

. . . .

איין אומגליק האַט זיך אויף מיר גענומען! איך רעכען, אם ירצה השם, נאָך יום־טוב, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען אריבער־פעקלען זיך פון דראַזשנע ערגיץ אין איין אנדער שטאָדט, אַנט־לויפען וואו די אויגען וועלען מיך טראָגען, צו אַלדי שווארצע יאָהר — אַבי פּטור ווערען פונ'ם שלים־מזל, פונ'ם ראָזינגען דייטש, ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערען!!...

די פריילעכע קאמפאניע

(ערצעהלונג)

געשריבען אין יאהר 1903.

די פריילעכע קאמפאַניע

קאפיטעל א.

אין א הייסען זומערטאָג, אין איינע פון די גרויסע גאסען פון דער גרויסער שטאָדט, וועלען מיר זאָגען אין יעהופעץ, האָט געשפּאַציערט מיט א ציגאַר אין די צייהן א שווארצער יונגערמאַן מיט רויטע בעקלעך פון א יאָהר... איך קאָן אייך ניט זאָגען אקוראט פון וויפיעל יאָהר, ווארום איך האָב זיין פּאַס ניט געזעהן. אמאָל, אז מע האָט נאָך ביי אונז געטראָגען בערד, האָט מען נאָך דער באָרד גרינג געקאָנט שאַצען יענעמ'ס יאָהרען. היינט, אז שערען און גאָלען די באָרד איז געוואָרען ביי אידען, ברוך־השם, א וואָכעדיגער גאַנג — אדרבה, נאָט אייך א געגאָלטע מאָרדע און זייט א בריה, טרעפט וויפיעל איז זי אַלט?... אנדערע איז גאָר שווער צו דערקענען אפילו, צי זיי זענען אידען, דאָס הייסט, אז מע קוקט זיך גוט צו צו זיי, דערקענט מען זיי אפילו גרייליך. מע דערקענט זיי נאָך דער נאָז, נאָך די אויגען, נאָכ'ן קוק. א איד קוקט גאָר אנדערש; א איד, אז ער קוקט אויף אייך, לייענט איהר איבער אין זיינע אויגען: „ווער זענט איהר? עפּיס זענט איהר מיר קענטליך? און וואָס איז אייער טהועכטס? זאָגט — אפשר קאָנען מיר איינס דאָס אנדערע צו־נוטץ קומען?" אָט אזוי קוקט א איד... נאָר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער פּאַר־שוין, צום שווארצען יונגעמאַן.

דער שווארצער יונגערמאַן איז זיך געגאַנגען פּאַוואָלניקע, ניט ארויסגעלאָזט די ציגאַר פון מויל, ווי א מענטש, וואָס האָט נאָר־

וואָס אָפּגעגעסען אַ פּיינעם מיטאָג, פּעררויכערט אַ ציגאַר און מאַכט „מאָציאָן". אויך דאָס פּנים זיינס איז געווען זעהר פיין אויסגע־פּוצט, די בעקלעך רויט, די וואָנסעס ארויפגעדרעהט ארויף, נאָר די מלבושים זענען געווען אביסעל געחאַפּט, דהיינו: די אַרבעל פונ'ם פּידזשאַק האָבען אביסעל צופיעל געגלאַנצט, די הויזען זענען געווען אביסעל אויסגעטרעטען, און די שטיבלעטען, חאָטש זיי זענען אמאָל געווען גרויסאַרטיגע, לאַקירטע שטיבלעטען מיט שפּיצע קנעפּלעך, האָבען איצטער, אויף דער עלטער, אביסעל אונטערגעפּוצעוועט, חלילה נישט צעריסען, נאָר שטאַרק צעטריסקעט, און די אָפּצאַסען אביסעל אויסגעדרעהט. אויך דאָס קאַפּעלישעל האָט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס באַדאַרף זיין נישט קיין גרויסער נגיד, וואָרום אַ חוץ וואָס דער פּאַסאָן איז שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע, איז דאָס קאַפּעלישעל אליין געווען צוגעלעגערט און אָפּגעבאַרעט אבי־סעלע און די טאַשמע פערשמאַלצט מיט פעטען — זעהר־זעהר אַ נעמיין קאַפּעלישעל.

דער דלות האָט שוין אזא טבע, אַז קוים חאַפּט ער זיך אריין צו איינעם, איז קודם כל לעגט ער זיך ביי איהם אויפ'ן קאַפּעליש און אויף די שפּיץ־שטיוועל, און נאָכדעם פערקלויבט ער זיך צו איהם אין בייטעל אריין, רייניגט־אויס פון דאָרטען וואו ערגיץ אַ מטבע איין אַלטע, איין אָפּגעריבענע, לאָזט איבער אַ צוויי קנעפּלעך מיט אַ „רעצעפּים" פון דער פּאָסט און רייבט אויס אַ לעבעל, אַז טאָמער וועט זיך מאַכען אַ מאָל אַ מטבע, זאָל זי אויך ארויסקריכען.

ווערליג דער דאָזיגער פּאַרשוין איז געגאַנגען רוהיג, געצעהל־טע טריט, און געדרעהט מיט'ן שטעקעל און צוגעזונגען שטילער־הייד אַ גאַנץ פּיינעם ניגון און אַלץ געקוקט ארויף אין די פענסטער אריין, האָט מען געקאָנט זיכער מיינען, אַז דאָס איז אָדער אַ רייזענדער, וואָס איז אראָפּגעקומען אהער פון אַ פרעמדער מדינה און האָט ניט וואָס צו טהון — איז ער זיך ארויסגעגאַנגען אביסעל אָנקוקען די שטאָדט, אָדער דאָס איז אַ היגער תושב, וואָס זוכט אַ

נעראטען פלאץ אויף צו שטעלען א מויער, וואס זאל האבען א בריטען הויף מיט א פאנטאן און מיט חאטש א שטיקעל גארטען צו דער גאס. אפגעשטעלט האט ער זיך נעבען א טויער, דערזעהן א צונעקלעפט צעטעל מיט זיעבען גרייזען:

„עס גיט זיך אפ ביליג א צוזאמענוואהנונג, גילטיג פאר א בחור“.

אויפ'ן פנים פון אונזער העלד האט זיך בעוויזען א צופריעדען שמייכעלע. די משמעות, אז ער איז א בחור און זוכט א וואל־וועלע וואהנונג, און עס אהרט איהם ניט צו וואהנען מיט נאך עמיצען.

אנגעקלונגען צום „סטרוזש“ און ארויפגעקלעטערט מיט איהם אויפ'ן פינפטען שטאק, איז ער אריינגעקומען אין א קליין פינסטער חדר'על, וואס האט אויסגעזעהן ווי א טויבענשלאק אויף א בוידעם, און האט געטראפען א הויכען, טרוקענעם פארשוין מיט א בראנזען גלאנצענדיג פנים, מיט א ליסינע אויפ'ן קאפ און מיט א גרוי געשארען בערדעל, זיצען ביי'ם פענסטער אויף א צעבראכען בענ־קעל און דרעהען פאפיראסען. דער אלטער פארשוין איז נעגאנגען אנגעטהאן... דאס הייסט, ער איז ניט נעגאנגען און ניט אנגע־טהאן — ער איז געזעסען אויסגעטהאן, כמעט, קאן מען זאגען, ווי אדם הראשון אין גן־עדן, אויב איהר וועט ניט רעכענען פאר קיין מלבושים א צעהראסטעט, צעריסען, העמדעל ביז די קניע, און אויף די לאנגע טרוקענע בעוואכסענע בארוויסע פיס א פאר מאדנע מעשטעס, וואס זענען געמאכט געווארען אדער פון באבולע פאפיער, אדער פון איין אלטען זאק — פון לערער געוויס נישט.

דער דאזיגער אלטער איז נישט אויפגעשטאנען פאר'ן אריינ־געקומענעם גאסט, האט ניט געטראגען אקעגען דעם שלום־עליכם, און אפילו ניט אויפגעהויבען די אויגען, נאר געבעטען זיצען און אויסגעצויגען א לאנגע, א טרוקענע, בעוואכסענע און א ציטערענ־דיגע האנד און האט א זאג געטהאן, ניט קוקענדיג אויפ'ן אורח:

— זיצט.

דער אריינגעקומענער פארשוין פון זיין זייט האט אויסגע־טהאן דעם קאפעליש און האט זיך א נייג געטהאן צום האלב־נאקעטען בעל־הבית. נאכדעם האט ער אנגעהויבען זוכען מיט די אויגען, וואו ער זאל זיך אנידערזעצען, און מחמת ס'איז מעהר ניט געווען ווי איין בענקעל, און דאס בענקעל איז דאך געווען פערנומען — לכן האט ער זיך אביסעל ארומגעדרעהט און געפאלען אויף א שכל, אז איידער בלייבען שטעהן איז גלייכער זיך זעצען אויף א בעטעל פון די דריי בעטלעך, וואס שטעהען ביי די ווענד. דער דאזיגער פלאן איז געפעלען דעם בעל־הבית אויך, וואס האט ניט אפגעריסען די אויגען פון דער ארבייט, און ער האט זיך גע־ווענדט צום אריינגעקומענעם פארשוין מיט די דאזיגע ווערטער:

— האט נאר קיין פאראיבעל ניט, וואס איך נעם אייך אויף „אין חאלאט"; ס'איז שרעקליך היים אין דרויסען, און דא אונ־טער'ן דאך איז נאך הייסער, א ריינער גיהנם! איהר ווילט מסתמא דינגען ביי מיר די קווארטיר? פיער קארבען א חודש, מיין בעטעל, אייער בעטגעוואנט, איין מאל אין טאג היים וואסער פונ'ם סאמא־וואר. געלט אלע וואך אויף צופריהער. וואס איז אייער טהועכטס?

— מיין טהועכטס? — מאכט צו איהם דער אורח אונטער דער נאז. — המ... איין מאל אין טאג היים וואסער? און איך האב גערעכענט צוויי מאל.

— וואס דארפט איהר צוויי מאל? איהר זענט דען א שטוב־מענטש? איהר דרעהט זיך דאך ארום מסתמא אין גאס.

— דרעהען דרעהט מען זיך. — מאכט צו איהם דער אורח. — עס טרעפט אבער, מע קומט אמאל אהיים פארפריה, גלוסט זיך א טרונק.

— טרינקט מען וואסער.

— א דאנק אייך פאר דער עצה.

— נישטא פאר וואס.

אזוי ענטפערט איהם דער האלב־נאקעטער בעל־הבית, ווארפט נים אוועק די ארבייט אויף קיין רגע און האט נאך איין קוק נישט געטהאן אויפ'ן גאסט.

— וויפיעל זענען מיר דא, הייסט עס? — פרעגט איהם דער גאסט און קוקט, ווי אזוי האבען אהער געקאנט אריין דריי בעטלעך?

— מיר וועלען זיין, הייסט דאס, אזוי גרוים, ווי דריי שכנים און איינער א בעל־הבית.

— דריי שכנים און איינער א בעל־הבית? איך זעה נאר דריי בעטלעך. וואו זשע שלאפט איהר?

— פאר מיר זארגט איהר זיך? עהע־הע! איך וועל מיר שוין געפינען איין ארט. איך קאן שלאפען אויפ'ן טיש אויך.

דער אורח איז געבליבען זיצען איבערראשט. ער איז געווען זעהר נייגיעריג צו וויסען, ווי אזוי וועט זיך דאס דער דאזיגער אלטער לעגען אויפ'ן טיש, און וואו וועלען זיך, למשל, אהינטהון זיינע לאנגע פים? ער האט איהם בעטראכט, ווי א מענשען, וואס רעדט פון וועג, און האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען און האט איהם טאקי פארט א פרעג געטהאן:

— איך וואלט א בעלן געווען וויסען, ווי אזוי קאן אזא הויכער מענטש שלאפען אויף א קורצען טיש?

— איהר ווייסט נים, ווי אזוי? מע רוקט־צו צו דעם טיש נאך א צוויי טישען, קומט שוין אוים גוט.

— איהר האט דאך אבער נאר איין טיש.

— איז טאקי נישט גוט.

„איין אלטער לץ!" — טראכט זיך דער גאסט און טהוט א פרעג דעם בעל־הבית:

— ווען, הייסט דאס, באדארף מען צאהלען די ערשטע ראטע פאר דער ערשטער וואך?

— אויב די קווארטיר איז פאר אייך, איז טאקי באלד קלאפ און צעהל, ווי זאגט ער: א מיתה משונה אויפ'ן ארט.

דער גאַסט, וואָס איז אַליין אויך געווען נישט קיין מרה־שחורה׳ניק און האָט אַליין אויך ניט פיינט געהאַט צו טרייבען קאַטאָוועס, איז געווען אַנטציקט פון דעם דאָזיגען מאָדנעם נפש, וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהויבען די אויגען אַ קוק צו טהון אויף איהם, און אפילו דעמאָלט, ווען ער האָט אַרויס־בעקומען אַ זילבערן קערבעל און אַנידערגעלעגט איהם דעם אויפ־נאָב, האָט דער בעל־הבית דאָס קערבעל צוגערוקט מיט איין פינגער צו זיך און אַלץ נישט אויפגעהויבען די אויגען אויפ׳ן גאַסט און זיך גענומען ווידער צו די פּאַפּיראָסען.

דאָס האָט שוין דעם גאַסט פערדראָסען, און ער איז אויפגע־שטאַנען און אָפּגערעקאָמענדירט זיך פאַר איהם:

— אַרקאַדי שווייצער.

— בראָנזענטאַלער! — האָט איהם דער בעל־הבית אָפּגעענט־פערט קורץ, נישט אויפגעהויבען די אויגען אויפ׳ן גאַסט און דער־לאַנגט איהם אויף צו געזעגענען זיך צוויי לאַנגע, דאַרע, טרוקענע האָריגע פינגער.

שוין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט זיך אַרקאַדי שווייצער אויסגעדרעהט צום בעל־הבית:

— זאָגט זשע מיר, מיין ליעבער בראָנזענטאַלער, ווער זענען יענע צוויי שכנים מיינע?

בראָנזענטאַלער האָט אַלץ גערדעהט די פּאַפּיראָסען און נישט געטהאָן דעם גאַסט צוליעב אַ קוק צו טהון אויף איהם.

— איהר דאַרפט טאַקי נויטיג וויסען דעם יחוס זייערען? אַז איהר וועט ווערטה זיין ביי גאָט און האָבען די זכיה, וועט איהר אויף דערנאַכט זיך באַקענען מיט זיי. איינער הייסט „נאָל״, דער אַנדערער „שמאָל״, און מיט אייך און מיט אונז ביידען אינאיינעם וועט דאָס אויסקומען „נאָל, שמאָל עט קאָמפּאַניע״. זענט איהר שוין צופריעדען? אַדיעו! איהר קאָנט זיך מטריח זיין ברענגען אייער באַגאַזש.

קאפיטעל ב.

ארקאדי שווייצער איז אוועקגעגאנגען אויף דער אלטער סטאנציע נאכ'ן באגאזש, וואס איז בעשטאנען פון א קליין רענצעל, נאר פעסט געפאקט, אנגעשטאפט מיט... וואס קאן זיך, למשל, געפינען ביי אט אזא מין חברה־מאן אין רענצעל? איך וויים ניט, ווי אזוי איהר, — איך האב פון תמיד אן שטארק חשק א קוק טהון יענעם אין רענצעל אריין, — און פון זינט איך האב געלייענט די מעשה פון דעם פאריזער פארעל, איז ביי מיר דער חשק געווארען נאך גרעסער. אויב איהר האט צייט, וועל איך אייך דערצעהלען די דאזיגע מעשה אין קורצען:

די געשיכטע קומט פאר אין פאריז.

איין „ער" מיט א „זי".

ער פון בערלין, זי פון וויען.

ער א חתן, זי א כלה. דאס הייסט, זיי האבען געזאלט ווערען חתן־כלה, זענען זיי זיך צונויפגעפאהרען קיין פאריז אויף אנקוקען זיך.

געקומען צו פאהרען אין איין צייט, זענען זיי פארפאהרען אין איין האטעל און אפגעשטעלט זיך אין פערשיעדענע נומערען, געווינטליך, און מחמת זיי האבען זיך ניט געקענט, האבען זיי גאר־נישט געוואוסט איינס פונ'ם אנדערען.

בעדארף זיך טרעפען א מעשה (אויף א מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא): זיי האבעןביידע געהאט אלץ איינע רענצלעך פון איין פאבריק מיט אלץ איינע שליסעלעך, און די מענשען, וואס האבען אראפגעטראגען דעם באגאזש, האבען זיך פערביטען מיט די יוצרות, אריינגעטראגען צו איהם איהר רענצעל, און צו איהר — זיין רענצעל.

אויסגעטהאן זיך און איינגעוואשען זיך, ווי עס געהער צו זיין, האט זיך יעדער פון די צוויי אפגעשלאסען דאס רענצעל, געוואלט איבערטהון זיך, ווי עס פאסט פאר חתן־כלה. און שטעלט אייך

פאַר זייער איבערראַשונג, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסנעמען פון דאָרטן די מלבושים: ער — נקבה'שע, און זי — מאַנס־בילשע! זיי זענען ביידע שיער ניט געפאַלן חלשות! נאָר אַלע מענשן אויף דער וועלט זענען דאָך נייגיעריג... אַז דער ערשטער שרעק איז איבערגעגאַנגען, האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינקוקן אין די רענצלעך אַריין נאָך טיפער און האָבן אָנגעהויבן אַרויס־נעמען פון דאָרטן משונה־מאָדנע זאַכן, אַרויסשלעפן פעק מיט פאַפּירען, בריוועלעך אַלערליי — און פרעמדע בריוועלעך ווילט זיך דאָך דווקא לייענען! — און מען איז געוואָהר געוואָרען איינס אויף'ן אַנדערען אַזעלכע סודות, וואָס ווען זיי געפעלען זיך, טהוען א שידוך, האָבן חתונה און לעבען־אָפּ א האַלבע מאה יאָהרען, וואָלטען זיי ניט דערגאַנגען קיין צעהנטחלק אפילו... בקיצור, זיי האָבן זיך צעפּאַהרען, ער קיין בערלין, זי קיין וויען — אוים שדוך.

אַצינד וועלען מיר זיך נעמען צו אונזער אַרקאַדי שווייצער'ס רענצעל.

דאָרט איז געווען אַביסעל וועש, א פּאָר פּאַפּירענע קאָלנערם מיט מאַנקעטען, עטליכע פּידעלעך פון אויסגעריוכערטע פּאַפּי־ראָסען, א סדור'על מיט א תהלים'על מיט א פּאָר קליינע תפילים'לעך (א אידישע נשמה טאָר מען ניט שאַצען!), און א גאַנצער פּאַק מיט צונויפגעטאַשטע, גוט־צונויפגעלעגטע און מיט רויטע פאָדעם־זייד פערבונדענע מעשלעך קאָרטען.

פון דעם דאַרפען מיר לערנען דעם פּשט, אַז אַרקאַדי שווייצער האָט נישט פיינט קיין קערטעל. נאָר צו וואָס טויג האַלטען ביי זיך אין רענצעל אַזאַ משא מיט קאָרטען? איז די משמעות, אַז אַרקאַדי'ס געשעפט, דאָס הייסט זיין פּרנסה, איז קאָרטען — און מיר האָבן נישט געהאַט קיין טעות. זיך גוט נאָכגעפרעגט ביי זיינע בעקאַנטע, זענען מיר געוואָהר געוואָרען, אַז ער דרעהט זיך אַרום קאָרטען און דערפון טאַקי לעבט ער. דער פּירוש פון די דאָזיגע ווערטער איז ניט גלאַט; מע בעדאַרף עס פערשטעהן, און מיט דער צייט וועלען מיר דאָס, אם ירצה השם, וויסען. מיר

וועלען זיך נאָך אומקערן שפּעטער צו זיין פּראָפּעסיע. דערווייל וועלן מיר זיך בעקענען מיט די איבעריגע שכנים.

אַז ארקאַדי האָט געבראַכט צו טראָגן דאָס רענצעל אויף דער נייער קוואַרטיר, איז שוין געווען פאַרנאַכט. אין חדר האָט שוין געטשאַדעט אַ פּעררויכערט לעמפּעל און ביי׳ם טיש איז געזעסן און געשריבען אַ מאָדנער נפש מיט אַ בלאַס פּנים, מיט הונגעריגע אויגען, מיט אונטערגעבויגענע שיטערע, שטאַרק־אַנגעשמירטע האָר. אָנגעטהאָן איז ער געווען אין אַ טשעשונטשאָווע פּידזשאַקעל מיט מאָדנע ברייטע ארבעל, אַ קלאָר־ווייסען קאָלנער פון פּאַפּיער מיט אַ שניפּס אַ שאַרף־רויטען, ווי פייער, מיט דינע שמאָלע ווייסע הויזען אויף אַ פּאָר קליינטשקע פּיסעלעך.

„אַפּנים, דאָס מוז זיין איינער פון די דריי שכנים, פון דער חברה „נאָל, שמאָל עט קאָמפּאַני״. — האָט זיך ארקאַדי געטראַכט.

אריינגעקומען און אַפּגעלעגט דאָס רענצעל אויף אַ בעטעל, האָט זיך ארקאַדי שווייצער פאַרגעשטעלט פאַר׳ן נפש מיט׳ן רויטען שניפּס און מיט די ווייסע תחתונים, און דער נפש מיט׳ן רויטען שניפּס און מיט די ווייסע תחתונים האָט זיך אויפגעהאַפּט, אויס־געטהאָן אויף דער גיך די ברילען, אַ טרייסעל געטהאָן מיט די אונ־טערגעבויגענע אַנגעשמירטע האָר.

— דאָס זענט איהר אונזער נייער שכן? זיצט, זעצט זיך, פאַר וואָס זיצט איהר ניט? — און ער טראָגט איהם אונטער דאָס איין־און־איינציגע בענקעל.

דער רויטער שניפּס, די פּעטע אונטערגעבויגענע נאָר שיטערע האָר, די מאָדנע ברייטע ארבעל פונ׳ם טשעשונטשאָווען פּידזשאַק, די ווייסע תחתונים, דאָס הייזעריגע קול פונ׳ם נפש און דערצו נאָך דאָס אונטערשפּרינגען זיינס — דאָס אַלסדינג אינאיינעם האָט געהאַט דעם זיבעטען חן, און אונזער ארקאַדי האָט בעדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזען, ער זאָל זיך איינהאַלטען פון אויסצו־שיסען איהם אַ געלעכטער גלייך אין פּנים אריין.

— איהר שרייבט א בריוועל? שרייבט, שרייבט! — האט ער צו איהם געזאגט און אפגערוקט פון זיך דאס בענקעל.

— איך שרייב נישט קיין בריוועל, איך שרייב א בוך. איך שרייב בסדר. איך בין א שרייבער, פארשטעהט איהר מיך, א מחבר. — האט איהם יענער געגעבען צו פערשטעהן אויף זיין הייזעריגער שטימע, אונטערגעטאנצט און צוגעטרייסעלט מיט די שיטערע אונטערגעבויגענע הערלעך. און דא האט ארקאדי בעמערקט א פאר קליינע ווייסע הענטלעך מיט דינע קליינע פינגערלעך, וואס האבען אויסגעזעהן נאך קלענער אונטער די ברייטע ארבעל פונ'ם טשעשונטשאווען פידזשאק.

— איהר זענט א שרייבער? וואס זשע שרייבט איהר איצטער? זעהט נאר, איהר זאלט אונז דא ניט באשרייבען.

דער שרייבער האט זיך צעלאכט מיט א צעשאטען הייזעריג געלעכטער און ארויסבעוויזען קליינע שווארצע צייהנדלעך, ווי ביי א קינד, וואס האט קאלי צייהן דערפאר, וואס סע עסט א סך צוקערקעס.

— איך בין ניט פון די שרייבער, וואס באשרייבען יענעם. איך בין געהרען, אז יענער טשעפעט מיך ניט.

אזוי האט איהם געענטפערט דער מחבר, און איך מיין, אז כ'איז געווען לחלוטין איבעריגע ווערטער, דען ווען אפילו ער זאל דאס ניט זאגען, וואלט מען אליין געקאנט פערשטעהן, אז דאס איז א מענש, וואס איז געהרען, אז יענער טשעפעט איהם ניט. אזעלכע מענשלעך בעווייזען זיך גיך ארוים מיט זייער כאראקטער: „אט א דאס בין איך און אזוי מאהלט מיך". אזעלכע מענשלעך זענען געטריי איבערגעגעבען דער גאנצער וועלט, און די גאנצע וועלט שאפט מיט זיי, עקספלאאטירט זיי. איהר קאנט פון זיי פלעכטען שטריקלעך, טהון מיט זיי וואס איהר ווילט. אזעלכע מענשלעך זענען גרויסע ביישנים; זיי וועלען אייך קיינמאל ניט בעקלאגען זיך אויף זייער פינסטער מזל; זיי, אז זיי וויינען, וויינען זיי נאר אויף יענעמ'ס צרות, קומען־אפ פאר פרעמדע

זינד, האָבען ניט מיט וואָס א טאָג איבערצוקומען, קאָנען אויסגעהן אין מיטען העלען טאָג פאַר אַלעמען אין די אויגען, חאַפּען זיך אָן אָן א שאַרף פון א שווערד, טולען זיך צו יענעם און קלעפּען זיך אָן אזוי שטאַרק, אז ס'איז שווער זיי אָפּצורייסען און אָפּצוטרייבען פון זיך, ווי איין אמת געטריי הינטעל...

קאַפּיטעל ג.

דאָס איז א כלל אויף דער וועלט, אז הילף קומט מעהרסטענ־טהייל אומגעריכט. גאָט ווייסט וואָס מיט אונזער פּאַרשוין וואָלט געווען, ווען סע קומט ניט אָן פּלוצים בראָנזענטאָלער און דער מחבר הערט נישט אויף צו לייענען איהם גאַנצע שטיקער פון דער „חלירע“. איך ווייס א מעשה, וואָס א יונגער מענש, א געזונדער, א שטאַרקער, האָט גע'חלש'ט ביי א מחבר אונטער די הענד. פון דעמאָלט אָן, אז דער מענש דערהערט דעם נאָמען מחבר, אנטלויפט ער וואו דער שווארצער פעפער וואַכסט.

— משיידעלי! גאָט האָט אייך שוין צוגעשיקט א קרבן, און איהר מוטשעט איהם מיט אייערע מעשיות? אנו, לעגט נאָר אוועק די „חלירע“, און לאָמיר בעסער נעמען עפּיס אין מויל אריין.

מיט די דאָזיגע ווערטער האָט דער בעל־הבית זיך געווענדט צום מחבר און האָט א וואַרף געטהאָן אויפ'ן טיש א פּעקעל — דאָרט איז געלעגען א פּלעשעל „מאָנאָפּאָלקע“, א ברויטעל מיט א טאַ־ראַנקע מיט א פּאָר ציבעלקעס. און אַרקאַדי האָט איהם בעטראַכט, כמעט גאָר ניט דערקענט אינ'ם אָנטהון. אויף איהם איז געווען א שוואַרצע שבת'דיגע קאַפּאָטע, א ווייס העמד, געלע שיך מיט רויטע שפּראָנצקעס, און אויפ'ן קאָפּ — א ברייטער ווייסער שטרויענער קאַפּעליש מיט א פּענסנע אויף די אויגען — א גאַנצער פּראַנט! דאָס טונקעל־בראָנזענע פּנים מיט די שאַרפע ווינקלען

האַט געגלאַנצט אונטער'ן ווייסען קאַפּעליש און אויסגעזעהן, ווי איין אויסגעגאָסענע סטאַטוע.

דער בעל־הבית בראָנזענטאָלער האַט אראָפּגעוואָרפען פון זיך די יום־טוב'דיגע מלבושים און געבליבען אין'ם אינדערפריהעדיגען קאָסטיום פון אָדם הראשונ'ען, אריינגעשטעקט די לאַנגע דאַרע האָריגע פיס אין די משונה־מאָדנע מעשטעס און בשעת מעשה א זאָג געטהאָן:

— אנו, טשיידעלי, זייט א בעל־הבית'טע, מאַכט טיי!

דער מחבר מיט'ן רויטען שניפּס און מיט די ווייסע תחתונים, וואָס דער בעל־הבית רופט איהם „טשיידעלי", האָט במחילת כבודו זיך אָנגעבויגען און ארויסגעשלעפּט פון אונטער'ן בעט א קליין בייכיג סאַמאָווארעל און איז אוועקגעגאַנגען מיט דעם דאָס אויפ־שטעלען, און דאָס סאַמאָווארעל האָט אויסגעזעהן ביי איהם אויף די הענד, ווי א קליין קינד ביי א געטרייער מוטער. בשעת געהן האָט דער מחבר אונטערגעטאַנצט און צוגעטרייסעלט מיט די שיטע־רע אונטערגעבויגענע הערלעך, און אריינגעקומען, האָט ער זיך גענומען צו די גלעזער, אוועקגעשטעלט איטליכע זאַך אויף איהר אָרט מיט די קליינע ווייסע הענדלעך, ווי איין אמת'ע בעל־הבית'טע. גיך איז געוואָרען אויפגעשניטען דאָס ברויט מיט'ן פישעל, און אַלע דריי האָבען זיך געזעצט ארום טיש, דער בעל־הבית אויפ'ן בענקעל און זיינע צוויי שכנים אויף די בעטלעך, און מע האָט זיך געזעצט טרינקען טיי, פריהער גענומען צו קאַפּלעך „מאַנאָפּאָל" און פערביסען מיט טאַראַן גאַנץ געמיטליך, גלייך ווי מע וואָלט געוועזען צווישען זיך אַלטע בעקאַנטע שוין פון כמה וכמה יאָהרען.

— אצינד, טשיידעלי, דערצעהלט אונז, וואָס הערט זיך עפּיס נייעס אויף דער וועלט?

אזוי האָט זיך אָנגערופען בראָנזענטאָלער צום מחבר, נאָכדעם אז ער האָט פערדרייכערט א פּאַפּיראָס, דאָס ערשטע מאָל א קוק געטהאָן אויף דעם נייעם שכן, וואָס האָט פערדרייכערט א גראָבע

ציגאַר, וואָס דער רויך פון איהר וואָלט געווען אַ גוטע סגולה אויף אַרויסצוטרייבען פליעגען.

— הערט איהר? — מאַכט דער בעל־הבית צום נייעם שכן. — איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך האָב אייך געזעהען ביי סעמאַדעני׳ן אין „ביליאַרד״?

אונזער שכנ׳ס רויטע בעקלעך זענען געוואָרען נאָך רויטער. ס׳איז איהם, אפנים, ניט אָנגעשטאַנען דאָס ערטעל, וואו מע האָט איהם דאָרטען געזעהן, האָט ער זיך ווי פערענטפערט:

— מעגליך, עס קאָן זעהר שען געמאָהלט זיין. בייטאָג מאַכט זיך, נישטאָ וואָס צו טהון, חאַפּט מען זיך אַריין אויף אַ האַלבע שעה זעהן, ווי מע שפּיעלט אין ביליאַרד.

— און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אייך אַליין געזעהן עט־ליכע מאָל מיט אַ לאַנגען שטעקען אין די הענד אַרומדרעהען זיך אַרום גרינעם טיש, און דוקא אָהן אַ קאַפּאָטע. איך פאַרשטעה ניט, וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו שעמען זיך? אַ פּרנסה גלייך מיט אַלע פּרנסות.

דאָ האָט אונזער בעל־הבית געטראָפען, ווי מע זאָגט, פּונקט אין קאַרב אַריין. אין דער לעצטער צייט האָט אַרקאַדי שווייצער נעבאַך געלעבט נאָר פונ׳ם ביליאַרד. דאָס הייסט, אייגענטליך, איז זיין פּרנסה געווען, ווי מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, קאָר־טען, נאָר קאָרטען מיט ביליאַרד, בעדאַרפט איהר וויסען, קעהרען זיך אָן שטיקלעך אייגענע, אָפּטמאָל גאַנץ נאָהענטע מחותנים, למשל, ווי אַ מלמד שמעקט מיט שדכנות, אַ בעל־טאַקסע מיט קצב, אַ קרעמער מיט באַנקראָט, אַ באַנקיר מיט גנבה, וכדומה, וכדומה, וכדומה.

ווי אַ מענש אַ בעל־פּרנסה, האָט אונזער אַרקאַדי שווייצער פיינט געהאַט אַליין צו שפּיעלען אין ביליאַרד. דאָס שפּיעל אַליין איז איהם שוין לאַנג נמאס געוואָרען, דען עס קאָסט איהם געגנוג געלד. זיין עובדא איז געווען זיצען און קוקען, ווי יענער שפּיעלט, און „האַלטען מאַזאָ פאַר יענעם״.

„האלטען מאזא" אויפ'ן ביליארד — דאָס איז אַ מין געשעפט, ווי אַלע געשעפטען אויף דער בערזע, און מיר רעכענען נישט פאַר איבעריג זיך אָפּשטעלען דערויף אויף אַ צוויי מינוט.

שטעלט אייך פאָר אַ גרויס, שטאַרק אָנגערויכערט און פאַר־ברודיגט חדר, מיט עטליכע לאַנגע טישען, מיט גרינס בעצויגען, און מענשען, צו מיינסטען יונגע לייט, דרעהען זיך אַרום פון אין דער פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט לאַנגע גלאַטע שטעקענס, ציעלען זיך אין די געטאַקטע ווייסע ביינערנע גאַלקעס, און ווער עס האָט געמאַכט מעהר גאַלקעס, דער האָט „געענדיגט די פּאַרטיע" און נעמט צו דאָס געלד.

שפּיעלען — שפּיעלען, צום מיינסטען, נאָר צוויי, און דער גאַנצער איבעריגער עולם, פערשיעדענע מינים פּאַרשוינען, זיצען אַרום און אַרום ביי די ווענד און קוקען אויף דאָס שפּיעל, און מע לעגט־איין געלד פאַר די שפּיעלערס, ווער פון די צוויי וועט פריהער ענדיגען די פּאַרטיע, — דאָס ווערד אָנגערופען האַלטען מאַזאַ.

צווישען די שפּיעלערס זענען פאַרהאַן גרויסע ספּעציאַליסטען, וואָס געבען יענעם עטליכע אויגען „פאָר", געווינען די ערשטע פּאַרטיע און נאָכדעם הויבען זיי אָן שטאַרק פערשפּיעלען, געבען פאַלשע געננ („קלאַפּ־שטאָס"), מאַכען כלומרשט אומגעהרען אַ ציטער מיט דער האַנד („מענדראַזשע"), און דערמיט חאַפּט מען „פּיזשאָנעס" (אומשולדיגע טייבעלעך) און מע נאַרט אוים ביי'ם עולם דאָס ביסעל מינץ. די חברה, וואָס פיהרען צונויף די דאָזיגע שפּיעלערס, ווערען אָנגערופען מיט'ן נאָמען „בעלי־בתים", אָדער „נאַוואָרטשיקעס".

איינער פון די דאָזיגע „נאַוואָרטשיקעס" איז געווען, עס זאָל אייך צו קיין חרפּה ניט זיין, אונזער פיינער אורח אַרקאַדי שווייצער, וואָס איז די לעצטע צייט ניט אַרויסגעקראָכען פונ'ם ביליאַרד, זיך געוויקעט דאָרטען טאָג ווי נאַכט, זיך אָנגעגעסען מיט'ן רויך און זיך אָנגעהערט מיט די שענע ווערטלעך, מיט'ן נבול־פּה און מיט די מחלוקת'ען און מיט די קללות און די סקאַנדאַלען, וואָס דאָרטען

קומען־פאָר. דאָס איז געווען פאַר אונזער ארקאדי'ן א גרויסער אראָפּפאַל, איין אמת'ע ירידה, קאָן מען זאָגען, דען ער איז געווען, איינענטליך, א קאָרטען־שפּיעלער. דאָס האָבען איהם די צרות זיינע געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך אראָפּלאָזען אזוי נידעריג און ווערען א „מאַרקער" צווישען ביליארדשטשיקעס. נאָר וואָס טהוט ניט א איד צוליעב פרנסה? און דערמאָנט זיך אונזער אר־קאדי שווייצער אָן יענע גוטע יאָהרען, בשעת ער האָט „געפיהרט א גרויסע שפּיעל", געפאָהרען מיט חברה אויף די פאַראַחאָדען, געחאַפּט א האַז און איהם אויסגערייניגט די קעשענעס עד לפּק; און נאָכדעם אין די האָטעלען געלעגען וואָכען־לאַנג, ניט אָנגעקוקט די ליכטיגע שיין און נאָר געשפּיעלט און געשפּיעלט; און נאָכדעם, אין די קלובען, געוואָרפען א באַנק אין „דיאבעלעק": פינפאונצוואַנציג פאַר צוואַנציג, פופציג פאַר פיערציג, און הונדערט פאַר אכציג, און צוויי הונדערט פאַר הונדערט זעכציג, און פיער הונדערט פאַר דריי הונדערט צוואַנציג, — און אונזער ארקאדי לאָזט־ארויס א טיעפען זיפץ פונ'ם הארצען.

— וואָס זיפצט איהר אזוי? אויף גלות ישראל, צי אויף דעם, וואָס סע געהט אייך ניט אין דער שפּיעל?

— וואָסער שפּיעל? ווער שפּיעלט היינט? — מאַכט ארקאדי מיט אזא מינע, ווי א מענש, וואָס איז אמאָל געווען קיסר און האָט פערלאָרען די מלוכה. — מיט'ן מלאך־המות שפּיעלט מען זיך היינט! אמאָל איז געווען א שפּיעל, אוי א שפּיעל! וואו זענען אהינגעקומען די יאָהרען, וואָס מע פלעגט „פּאָנטירען" הונדערט קאַרבען אויף א קאָרט? צוויי הונדערטער אויף א קאָרט? דריי הונדערטער אויף א קאָרט?

— אזוי גרויס האָט איהר געשפּיעלט? — פרעגט איהם בראָנזענטאָלער און הויבט ערשט אָן איהם רעכט צו בעטראַכטען.

— אָט דאָס הייסט ביי אייך גרויס? — מאַכט ארקאדי מיט גדלות, גלייך ווי מע וואָלט גערעדט פון זיינע שיפען, וואָס זענען געגאַנגען אויפ'ן ים, אָדער פון זיין יובילייי, וואָס ער האָט זיך מיט

דעם אויסגעפיינט קעגען דער וועלט. — אַט דאָס ווערד אָנגערופען
ביי אייך גרוים? און פינף מאות אויף איין קאָרט פאַנטירען האָט
איהר אמאָל געזעהן? אזוי ווי היינט געדענק איך עס: מיר זענען
געזעסען א גוטע חברה קלאַפּערס; איך טהו א קוק — אין „בענקעל"
ליגט א פויטיקע פון כמעט טויזענד „איינציגע". מיין חברה־מאַן
קוקט אויף מיר: „טשטאָ אוגאַדנאָ?" זאָג איך צו איהם: „קאַר־
טו!" מאַכט ער צו מיר נאָכדעם: „סקאָלקאָ פריקאַזשעטיע?"
טהו איך א קלאַפּ אין טיש אריין: „קאַרטו!"...

און ארקאדי שטעלט זיך פאָר, אז ער איז אין קלוב און „פּאָנ־
טירט" אויף א קאָרט, און דאָס פּנים פלאַמט איהם און די אויגען
פייערען, און ער טהוט א זעץ מיט'ן קולאַק אין טיש אריין אזוי
שטארק, אז דער מחבר פאַלט שיער ניט אראָפּ פונ'ם בעט אויף
דער ערד; ער חאַפּט זיך אויף א טוידטער און קוקט מיט שרעק
אויפ'ן נייעם שכן... דאָס געפעלט בראָנזענטאָלער'ען אזוי שטארק,
אז ער צעלאַכט זיך און רופט זיך אָן צו ארקאדי'ן:

— וואָס זאָגט איהר, איך בעט אייך, אויף אונזער מחבר?
„טשיידעלי" האָב איך איהם א נאָמען געגעבען — ווייסט איהר,
פאר וואָס? ווייל ער געהט מיר תמיד אויסגעפּוצט, ווי א דייטשעלי,
איז פון דייטשעלי ביי מיר געוואָרען טשיידעלי. איאָ, סע פּאַסט
איהם?

— אָנגעמאָסטען, ווי איך בין א מענטש! — מאַכט ארקאדי
און ווענדט זיך צו טשיידעלי'ן: — טראָגט געזונט און פארניצט
געזונט און זאָלט איהם צערייסען געזונטערהייד, ווי מיין באָבע
טאָלצע פלעגט זאָגען, בעת מע האָט מיר איבערגעניצעוועט פון
איהר ווינטערדיג וואַטען־קליידעל איין ארבע־כנפות אויף שבועות.

אַלע דריי לאַכען, און טשיידעלי בעוויזט זיינע קליינע, שוואַר־
צע ציינהעלעך.

— אזוי גרוים האָט איהר געשפּיעלט? המ... — זאָגט ווייטער
בראָנזענטאָלער און לאָזט שוין ניט אראָפּ קיין אויג פון זיין נייעם
שכן, און לאָזט־ארוים א גאַנצען קנויל מיט רויך פונ'ם מויל, וואָס

בענגעגענט זיך מיט׳ן רויך פון ארקאדי׳ס ציגאר. דער רויך קוי־
קעלט זיך און פילט־אן דאס קליינע פינסטער חדר׳על, און די לופט
ווערד אזוי גערויכט, אז פון דער שיין פונ׳ם שענעם לעמפעלע איז
קוים־קוים וואס מע זעהט איינס דאס אנדערע.

קאפיטעל ד.

— נו, און געלט? אויף צו פיהרען אזא שפיעל בארארף מען
דאך עפּיס האבען פארעס! — מאכט צו איהם בראנזוענטאלער
און בעטראכט איהם, ווי א גרויסער פראפעסאר דעם חולה, דאס
הייסט, קוים־קוים וואס ער טהוט אויף איהם א קוק מיט איין אויג.
— געלט פרעגט איהר? — ענטפערט איהם ארקאדי און
נעמט־ארויס די גראבע ציגאר פון די צייהן: — געלט פרעגט איהר?
אזוי ווי שטערען אין הימעל! קארג „פיזשאנען”, קארג „פרייערס”,
קארג אידיאטען פארהאן אויף דער וועלט? ווי די געבראטענע
טייבעלעך פליהען זיי גלייך אין מויל אריין, ווי די שרעטעלעך
טראגען זיי אייך דאס געלט גלייך אקעגען, בעטען זיך, חלש׳ען:
נאט, נעמט־צו ביי אונז די נשמה, אבי שפיעלט מיט אונז!...
אט אזעלכע אידיאטען זענען דאס! איך וויים עס גאנץ גוט, דען
איך בין אליין געוועזען א רעכטער אידיאט, ביז איך האב אנגע־
שמעקט און געחאפט דעם סטרי און האב אנגעהויבען מאכען א
קערבעל גאר באופן אחר! אי יאהרען, יאהרען! ס׳איז געוועזן,
הערט איהר, יאהרען! (בשעת מעשה פערטראכט זיך ארקאדי
שווייצער און לאזט ארוים א טיעפען זיפץ פונ׳ם הארצען). יענע
יאהרען וועלען זיך אזוי גיך, האב איך מורא, נישט אומקעהרען.
אין אדעס איז דאס געוועזן! אי אדעס, אדעס! א שטערטעל!
לעבען זאל דאס טאקי ביז משיח וועט קומען! אין דעם אדעס,
פארשטעהט איהר מיך, בין איך אויפגעוואכסען, אנגעקומען אהין
פון בעסאראביע, ניט אויסגערעדט זאל זיין, א נאקעטער, א באר־
וויסער, און געשמייכעלט צו א בולקע. דען וואכסען וואכס איך,

דאַרפֿט איהר וויסען, פֿון סאַמע יחוס — דעם גרויסען „שומר־בגדים׳ס" איין אייניקעל; אויף אונזער לשון הייסט עס, אז מיין זיידע רב אהרן איז געווען אַ שומר אין באָד, געהיט דאָס אָנטהון פֿון די בעלי־בתים, און האָט באַקומען דערפֿאַר גאַנצע צוויי גילען אַ וואָך, אַ חוץ פֿעטש, דען וויפֿיעל טליתים־קטנים זענען ביי איהם פֿאַרפֿאַלען געוואָרען מיט, להבדיל, תחתונים! געווען אַ ריהרעוור־דיגע זאַך, זאָל ייִר מיר מוחל זיין, אונטער דער נאָז געקאָנט ביי איהם אוועקטראָגען! יענעם זאָגען: וואָס טהוסט דו, מבייש שטעלען, אָנטהון אַ בזיון — חס ושלום! ביי איהם, הייסט דאָס, ביי׳ם זיידען רב אהרן, זכר לברכה, האָב איך זיך אויפֿגעהאַלטען, דען דער טאַטע מיינער איז געווען ווייט אונטער זיעבען שלעסער; ער איז געזעסען מיט גרויס כבוד באַזונדער אין אַ חדר, איבער אַ בלבול מן הסתם, און אַ סאָלדאַט ביי דער טיר האָט איהם געהיט פֿון אַ גוט אויג, ער זאָל ניט אריבער, חס ושלום, איבער׳ן פּלויט און מאַכען אַ ויברח, און די מאַמע מיינע זאָל לעבען האָט זיך געלערענט קאָכען און באַקען ביי אַ פֿרעמדען אויווען, דאָס הייסט, נישט חס ושלום צוליעב מצוה, נאָר פּשוט פֿאַר אָנדערהאַלבען קאָר־בוינים אַ וואָך. האָט זי אפילו געוואָלט, איך זאָל אויך זיין מיט איהר אין קעך, מיט איהר אינאיינעם עסען קעסט, האָט אָבער די בעל־הבית׳טע (אפילו אַ גאַנץ שענע נגידית מיט פּערעל) נישט געקאָנט איבערטראָגען מיין אַפּעטיט; איך עס, זאָגט זי, קיין עין־הרע, פֿאַר דריי, און מע האָט מיר געגעבען דעם וועג. האָב איך געמוזט אָנקומען צום זיידען רב אהרן, זכר לברכה, מיט איהם אינאיינעם זיצען אין באָד און אכטונג געבען אויף די בגדים. איז דער חסרון אָבער, וואָס דאָס האָט לאַנג נישט געקאָנט געדויערען, מחמת איך בין געווען, לא עליכם, אַ גרויסער נצרך אויף מזומנ׳ע קאָפּיקעס, און האָב נישט געהאַט, איהר זאָלט זאָגען, אַ פּרוטה של נחושת. האָב איך מיך מיישב געווען און האָב אָנגעהויבען מאַכען אַ רעוויזיע איבער די בעל־הבתישע קעשענעס, שלעפּען, איך בעט איבער אייער כבוד, פֿון פֿרעמדע הויזען און אַנטלייהען, אַבי ס׳איז

נאָר געווען פון וואַנען, א מטבע, — אז גאָט וועט מיר העלפן, וועל איך מסתמא אָפּגעבן... בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? איך האָב אַזוי לאַנג געטרויבערט קעשענעס, ביז מע האָט מיך געפּאַקט מיט א גרויסן סקאַנדאַל און מע האָט צוליעב מיר דעם ייִדען אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע, און איך האָב געמוזט זאָגן מיין שטעדטעל „אדיע", און אוועק קיין אדעס, און בכדי ס'זאָל מיר ניט זיין שווער די נסיעה, האָב איך די שטיוועלעך פאַר־קויפט און טאַקי געהאַט דערוויייל וואָס צו עסן, ווי זאָגט איהר: צידה לדרך... געקומען קיין אדעס אַזאַ „בן־בקר", ווי איך, א בר־מצוה־בחור'על פון א יאָהר זעכצעהן־זיבעצעהן; א שענער יונג בין איך געווען, האָב איך באַלד פאַרטראַכטען א שטעלע, נישט, חס־ושלום, ביי אפּרתי'ן אין קאַנטאָר, נאָר אין א געשעפט פון בערשט־לעך מיט שוהוואַכס, דאָס הייסט, איך האָב מיך געשטעלט ביי א שטיוועלפּוצער פאַר א שטיוועלפּוצער, און האָב מיט גאָט'ס הילף נושא חן געווען ביי דער וועלט, דען אָפּפּוצען א פּאָר שטיוועל באַ־דאַרף מען קאָנען, די ארבייט באַדאַרף געהן גיך און געשווינד, א שפּיי אויף איין בערשטעל און א רייב מיט'ן אנדערען בערשטעל — און הלך משה־מרדכי!... וואָס טויג אייך, איך האָב צונויפגעשלאָגען די עטליכע גראָשענס און האָב א שפּיי געטהאָן אויף מיין בעל־הבית דעם עקספּלאָאַטאַטאָר און אליין געעפענט א געשעפט, דאָס הייסט, איינגעהאַנדעלט א פּאָר בערשטלעך מיט שוהוואַכס מיט א שען פוס־קעסטעל א לייטיש, און פּאַשאָל אויף דער „רישע־ליע" ארבייטען. און געארבייט האָב איך, קאָן מען זאָגען, אויף אַלע כלים, געקליבען די גראָשענס, זיך צונויפגעשלאָגען ביז א זיינער איין אייגענעם פון זהב טהור — ריין זילבער, און דער מאַמע קיין בעסאַראַביע אוועקגעשיקט א דרייערעל, לאָז זי וויסען, אז זי האָט א זוהן אין אדעס — און ארויסגעשטעלט א פייג דער גאַנצער וועלט. איז דאָך אָבער פאַרהאַן א גרויסער גאָט, באַדאַרף איך עסען קעסט אין א אידישען טראַקטיר, און דאָרטען אין דעם טראַקטיר באַדאַרף זיין א בעל־הבית'טע א יפהפיה מיט איהר

הייליגען נאָמען רייזעל, נאָר גערופען האָט מען זי ראָזע. באַדאַרף איך איהר מסתמא געפעלען ווערען אין שלייער, נעהט זי און רעדט מיך אָפּ פון מיין געשעפט און נעמט מיך צו צו זיך און קרוינט מיך פאַר א וויקידיילאָ...

— פאַר א וואָס? — רופט זיך אָן בראָנזענטאָלער, און טשיידעלי נאָך איהם:

— פאַר וואָס האָט מען אייך געמאַכט?

— פאַר א וויקידיילאָ. א וויקידיילאָ ווייסט איהר ניט וואָס הייסט? — מאַכט ארקאַדי שטאַרק פערוואונדערט מיט אזא מינע, ווי א מענש, וואָס דערהערט, אז יענער ווייסט ניט וואָס הייסט א כוציא מיט האָניג. — סטייטש, א וויקידיילאָ ווערד אָנגערופען אזא פאַרשוין, וואָס אז מע דאַרף איינעם געבען דעם וועג, נעמט מען איהם אָן ביי'ם קאַרק און מע גיט איהם מיט דער קניע פון הינטען און מע זאָגט איהם: „זה התרנגול ילך”... הייסט פאַר־שטעהט איהר שוין, וואָס דאָס הייסט? און א וויקידיילאָ בין איך געווען דוקא ניט קיין שלעכטער, און האָב נושא חן געווען ביי איהר אין די אויגען. קורץ, די דאָזיגע ראָזע איז געווען אין מיר פאַרליעבט, ווי א קאַץ אין די נייען טעג, און האָט זעהר געגאַהרט צו מיר, איך זאָל פאַר איהר חתונה האָבען. האָב איך איהר גע־זאָגט: חתונה האָבען — מהכתיתי, זעהר פיין; נאָר וואָס דען? איך וויל א „תוספות כתובה”, דאָס הייסט, טאַקי משלשל זיין במזומנים חאָטש א טויזענד „איינציגע”. האָט זי מיך אָנגעקוקט ווי א משוגענעם. נאָר ווער האָט אויסגעפיהרט? געוויינטליך, איך, ניט זי. און חוץ לזה האָב איך אויסגענומען מיט איהר א תנאי, אזוי ווי איך מיש מיך ניט אין איהרע געשעפטען, אזוי טאָר זי זיך ניט מישען אין מיינע געשעפטען. און מיינע געשעפטען זענען געווען ביליאַרד און קאָרטען. ביי טאָג האָט מען געאַרבייט אויפ'ן ביליאַרד, ביינאַכט — אין קאָרטען. נאָר ווי אזוי, מיינט איהר, געאַרבייט? די פיינסטע מענטשען מיט די שענסטע קינדער פלעגען אריינקומען צו אונז אין געשעפט אריין, זיך געלערענט

שפיעלען אויפ'ן ביליארד, און אז מע שפיעלט זיך אָן א גאנצען טאָג אויפ'ן ביליארד, מוז מען נאָכדעם ביינאכט פארבייסען מיט א קערטעל. זאָגט אפשר, אז ניין?

נישט בראָנזענטאָלער דער בעל־הבית, נישט טשיידעלי דער מחבר האָבען געקאָנט זאָגען, אז ניין, און זיי האָבען געבעטען דעם נייעם שכן, ער זאָל זיי דערצעהלען ווייטער, און ארקאדי שווייצער טהוט זיי צוליעב, פעררויכערט א פרישע ציגאר און דער־צעהלט ווייטער.

קאפיטעל ה.

— איך וואָלט אייך, אייגענטליך, באדארפט דערצעהלען, ווי אזוי איך האָב מיך געשיידט מיט מיין יפהפיה, און פאר וואָס איך האָב מיך געשיידט, און וואָס פאר א מין שפיצעל זי האָט מיר אָפּגעטהאָן. האָב איך אָבער מורא, אז די מעשה וועט זיין אביסעל צו לאַנג, לכן לעג איך דאָס אָפּ, אם ירצה השם, אויף הושענא־רבה, און הלך משה מרדכי — איך געה מיר ווייטער. הקיצור, איך האָב מיך אָפּגעזעגענט מיט מיין פלונית בת פלונית און בין אוועקגעפאָהרען ווייטער, און האָב מיך אראָפּגעחאפּט אהערצו, און האָב מיך באזעצט אָט־אָ־דאָ אין יעהופּעץ, און האָב אָנגעהויבען זוכען א געשעפט. וואָס פאר א געשעפט קאָן, אשטייגער, מאכען אזא נפש, ווי איך? אז אויף א מלאכה בין איך פוילכליך; שרייבען און רעכנען האָט מיין טאטע פארגעסען מיך לערנען; האנדלען מיט ווייץ און מיט קאָרן אָדער מיט פאפיערען אויף דער בערזע האָב איך מורא געהאט, טאָמער, חלילה וחס, די שעה זאָל ניט זיין, איך פארהאנדעל מיך אזוי, אז איך מוז מיך נאָכדעם שטעלען — טהיט מיר באַנג, איך זאָל מיר ניט פאר־שמירען מיין נאָמען, וואָס כ'האָב אויף דער וועלט. „חאפּט דער רוח דאָס געלט, אבי דער נאָמען זאָל איבערבלייבען", — ווי

כ׳האָב געזאָגט אַמאָל אַ באַקאַנטען באַנקיר נאָכדעם, אַז ער איז געבליבען אָהן אַ פּיערער און האָט נאָך געלייזט פּעטש אויך... ארומגעדרעהט, ארומגעדרעהט אַזוי לאַנג, ביז איך האָב מיך פּאָרט צונעשלאָגען צו מיינעם, ווי זאָגט איהר: כל עורב למינהו — איט־ליכער טרינקער געפינט זיך זיין ווײַן; איך האָב מיך באַקענט מיט אַ פּאָר הייזלעך, דוקא אין בעל־הבתישען גראַד, און האָב אָנגעהויבען אהינצוצו אריינקומען. איך זעה — מע קלויבט זיך צונויף אַלע נאַכט, היינט איך צו דיר, מאָרגען דו צו מיר, כלומרשט „אימע־נינעם", מע רופט צונויף געסט אַ דרייסיג־פערציג פּאַרשוין, צווי־שען זיי, מעהרסטענטהייל, פּיזשאָנטשיקעס, יונגע־לייטלעך הייסט עס אַזעלכע, וואָס פליהען גלייך אין מויל אריין, ווי די געבראָטענע טייבעלעך: „נאַט, שלינגט אונז איין געזונטערהייד, און לאָז אייך וואויל באַקומען"... דער בעל־הבית, געוויינטליך, ווייסט שוין וואָס ער האָט צו טהון. זעצט ער אוים די ליעבע געסט ביי די גרינע טישלעך און פּאָרט זיי צונויף ממזר׳יש, און אליין איז ער אויפ־געלעגט שרעקליך, און אויך די בעל־הבית׳טע איז שטאַרק האָפּער־דיג, טראָגט־אונטער איטליכען באַזונדער טיי מיט איינגעמאַכטס, און די שפּיעל געהט ביז׳ן ווייסען טאָג אריין, ווי אין קלוב... און שטעלט אייך פאָר, אַז מיך האָט מען דאָס דערטאַפּט פאַר׳ן פּיזשאָן, און מע זעצט מיך אַוועק מיט עפּים מאָדנע מיני פּאַרשוינען ביי איין טישעל, צווישען זיי איינער אַ קאַפּיטאַן מיט גילדענע קנעפּ, און מע נעמט מיך צו דער אַרבייט, אָבער אַזוי ווי סע געהער צו זיין! פויל איך מיך ניט, הויב מיך אויף פון טיש און רוף־אַוועק דעם בעל־הבית אויף אַ זייט און זאָג צו איהם אַזוי: „הערט זשע אוים, מיין ליעבער פעטער בלעם, איהר זאָלט וויסען זיין, אַז איך בין אַ נעשלאָגענער הונט. אייער קאַפּיטאַן הויבט מיר ניט אָן צו געפעלען"... — „וואָס הייסט, מאַכט ער, מיט וואָס געפעלט ער אייך נים?" — „דען, זאָג איך, ער איז אַזוי אַ קאַפּיטאַן, פּונקט ווי איך בין אַ גובערנאַטאָר". — „פון וואַנען, זאָגט ער, נעמט איהר דאָס?" „פון די ידים, זאָג איך, ער מאַכט מיר, זאָג איך,

צו געשווינד מיט די ידים; איך האָב מורא, זאָג איך, אַז ס'איז ביי איהם צו איין אויסגעשריבענע האנד". — „וואָס זשע, זאָגט ער, ווילט איהר?" — „וואָס, זאָג איך, זאָל איך וועלען? איך וויל מאכען אַ סקאנדאל, ווייטער גאָר ניט". — „איהר זענט, זאָגט ער, משוגע, צי חסר־דעה? וויפיעל האָט איהר פארשפיעלט?" — „וועט איהר מיר, זאָג איך, אומקעהרען? בלאָטע!" — „וואָס דען, זאָגט ער, ווילט איהר?" — „איך וויל, זאָג איך, ס'זאָל טאקי זיין יחדיו, חצי שלי וחצי שלך, ווי מיינער אַ גוטער ברודער זאָגט, בעת ער וויל יענעם באגראַבען, הויבט ער אָן צו רעדען אויף דייטש: „לעבען אונד לעבען לאססען"...

ביי די ווערטער האָט זיך ארקאדי צעלאכט גאַנץ געשמאַק מיט אַ קוויטש, ווי זיין שטייגער איז, און דערזעהן, אַז קיינער לאכט ניט, האָט ער גענומען פערענטפערען זיך:

— מיינט ניט, אַז איך בין, חס ושלום, אַ געבאָרענער שוליער, אַ קאָרטענשפיעלער, אַ בייטעלשניידער. דאָס הייסט, קיין צדיק אין פעלץ בין איך אויך ניט, איך דאַרף מיך פאַר אייך ניט אויס־פיינען, קיין שידוך מיט אייך טהו איך ניט און קיין געלט וועט איהר מיר נישט לייהען, דען איך האָב מורא, אַז איהר זענט אליין, מחילה, בקבצנו... נישט מעהר, איין אנדערער אויף מיין אָרט האָט ליעב די זאַך באַפּוצען, און איך רעד אָפּענטליך. ביי מיר איז דער אמת אין דרויסען אויבען־אויף, ווי אויף אַ טעלער. די נוים, פאַרשטעהט איהר, האָט מיך געבראַכט דערצו, איך זאָל זיך אריינלאָזען אין דעם ווייסטען ברויט, ווי מיינער אַ גוטער באַקאַנ־טער זאָגט: „סע ליגט — נעם, אַניט — וועט איין אנדערער צונעמען"... הקיצור, איך האָב מיך אַזוי לאַנג נעדרעהט צווישען באַקאַנטע אויף אימעניעס, ביז ס'איז איינמאָל ארויסגעשפּרונגען אַ סקאַנדאַל. מע האָט אָנגעטראָפען אויף איינעם, למשל, אַזאַ „בחורעץ", ווי איך, האָט ער געבראַכט צו פיהרען אַ קאָקאַרדע, האָב איך מיך מיישב געווען און האָב באַלד געמאַכט איין אָפּטריט און בין נעלם געוואָרען אויף אַ קליינער צייט, דען איך, פאַר־

שטעהט איהר מיך, האָב פיינט, אַז מע טשעפּעט זיך צו מיר: ווער איך בין? און וואָס איך טהו? און פון וואַנען איך לעב? דען, אַז מען זאָל וועלען, הערט איהר, אַזוי איטליכען באַזונדער נעמען צום עקזאַמען — מעגט איהר מיר גלויבען, אַז העכער אַ האַלבע שטאָדט געהט אוועק אַרעסטאַנטסקע ראָטע. זאָגט אפשר, אַז ניין?

נישט בראָנזענטאָלער דער בעל־הבית, נישט טשיידעלי דער שכן זאָגען ניט, נישט יאָ, נישט ניין: זיי ווילען אויסהערען די ביאָגראַפיע פון'ם נייעם שכן ביז'ן סוף. און דער נייער שכן טהוט זיי צוליעב און דערצעהלט ווייטער:

— לאַנג אַרומגעהן אַזוי אָהן אַרבייט איז אָבער אויך קיין תכלית ניט. און אַגב איז דער יצר־הרע פון קאָרטען אַזוי גרויס, אַז דער, וואָס האָט איין מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון קאָרטען, קאָן זיך אָהן אַ קערטעל נישט באַגעהן. סע ציהט, ווי דעם שכור ציהט עס צו אַביסעל בראָנפען. איך האָב אַזוי לאַנג זיך איינ־געהאַלטען און געפּאַסט, ביז איך האָב מיך באַקענט מיט איינעם אַ פּלאָקענשיסער, און דוקא אין ביליאַרד, וואָס האָט מיר אויפגע־עפענט די אויגען, באַוויזען אַ נייע וועלט, וואָס זי הייסט „קלוב“. און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען פאַר מיר דאָס אמת'ע לעבען, דער אמת'ער גן־עדן! אַ ווערטעלע אויסצורעדען — קלוב! איך קאָן מיר קומען ווען איך וויל, שפּיעלען מיט וועמען איך וויל, וואָס איך וויל, און אויף וויפיעל איך וויל! ווילט איהר — שטעהט איהר ביי דער זייט און קוקט און „שמירט זיך צו“ וויפיעל אייער הארץ גלוסט; ווילט איהר — זעצט איהר זיך אין קאָהן, און וויפיעל איהר ווילט, אַזוי פיעל „ענטפּערט“ איהר. טרעפט איהר — איז גוט; אלא ניט — ווערד איהר באַגראָבען, איז לא פרלתם — האָט איהר נישט געטאַנצט מיט'ן בער. קיינער פרעגט אייך ניט, ווער איהר זענט, און פון וואַנען עס קומט צו אייך געלט, און צי האָט איהר געוואונען, צי פאַרלאָרען — נישט קייַ־נעמ'ס עסק! כל זמן עס באַמבעלט זיך ביי אייך די מטבע און

איהר האט וואס צו שטעלען — שטעלט איהר. אז ניט — קאנט איהר אייך געהן בשם אלקי ישראל וואוהין איהר ווילט, די וועלט איז פאר אייך אפען. אט וואס סע הייסט „קלוב"! איהר קאנט אין איין טאג אוועקגעבען וואס איהר האט, פארלירען די לעצטע פאר מכנסים, דערפאר אבער, אז עס געהט אייך אוועק דאס בלאט און עס קומען אן די „פאסען", זאלט איהר דעמאלט טהון אזוי ווי איך האב געטהאן, בעת ס'האט מיר געפידעלט. איהר זאלט, הערט איהר, שניידען, בראקען, האקען, שינדען פון זיי די פעל, טרענען די קישקעס פון די ממזרים, א רוח אין זייער טאטענ'ס טאטען אריין!

ארקאדי האט זיך אזוי צעהיצט, אז ער דערלאנגט א זעץ מיט'ן קולאק איבער'ן טיש, און דער מחבר פאלט שיער ניט אום פאר דערשרעק.

— אביסעלע שטילער. — זאגט צו איהם בראנזענטאלער. — איהר שרעקט מיר איבער אלע מאל טשיידעלי'ן אויף טוידט.

און ארקאדי פערענטפערט זיך:

— סע פארדריסט מיך, פארשטעהט איהר מיך, למאי איך האב זיי אפגעגעבען צוריק דאס ביסעל גאלד. איך האב געהאט ביד ארוים פון דארט מיט א שענעם קאפיטאל, און נישט איין מאל, נאר עטליכע מאל, זיך קויפען א פערד־און־וועגעלע מיט גומילאסטיקענע רעדלעך, מיט א שען פעלצעל, ארייגלעגען די הענט אין די קעשענעס, ווי אנדערע טהוען, און ווערען א שענער בעל־הבית אין יעהופעץ... נאר דער רוח זאל מיך וויסען, וואס מיט מיר איז. פארשפיעל איך — אהרט מיך ניט, נאר טאמער הויב איך אן צו געווינען, מיין איך שוין, אז דאס זענען געקומען די „פאסען", און איך וויל נאר דערגרונטעווען זיך ביז'ן דרייצעהנ־טען „פאס", און איך רייס מיך, דראפע מיך אויף די גלייכע ווענט, און הויב אן שיסען מיט הארמאטען פינף־און־צוואנציג פאר צוואנ־ציג! פופציג פאר פערציג! און הונדערט פאר אכציג! און צוויי הונדערט פאר הונדערט זעכציג! און פיער הונדערט פאר דריי

הונדערט צוואַנציג! און אַכט הונדערט פאַר זעכס הונדערט פער־
ציג! און...

— ששש... — מאַכט צו איהם בראָנזענטאַלער און האַלט
איהם צו דאָס מויל. — איהר קאָנט אַזוי פאַרפאַהרען אין אַלף
הששי אריין!

ארקאַדי געפינט זיך ווי בעלעדיגט:

— איהר מיינט, אַפנים, איך בין אייך מגזם, דערצעהל אייך
בבא־מעשיות פון טויזענד איין נאַכט? וואָס איהר ווילט קאָנט
איהר אויף מיר זאָגען — קיין ליגנער בין איך קיינמאָל נישט
געוועזען. איך זאָל ניט דערלעבען זעהן די אַלטע מאַמע מיינע —
ס'איז ביי מיר די בעסטע שבועה, דען זי איז ביי מיר טהייער,
איך שיק איהר נאָך היינט אויך אַ קערבעל אַ וואָך, עס מעג דונערען
און בליצען, — און איך זאָל טאַקי אַזוי מצליח זיין, און עס זאָלען
מיר אַזוי גיך אָנקומען די דרייצעהן פּאַסען, ווי איך זאָג אייך
אמת! דער נאַנצער אומגליק איז, וואָס ס'איז נישטאָ דער מזומנ'ער
כּף־הא'ער, און איך געה שוין מעהר נישט אין קלוב! ס'איז, פאַר־
שטעהט איהר מיך, אויסגעגאַנגען פאַדעם, און בין נאָך דערצו אַ
בעל־חוב גמילות־חסדים גוטע ברידער — די האָר זענען נים מיינע!
אוועקגעטראָגען אין לאָמבאַרד דעם גוטען זיינער פון זהב טהור
מיט'ן גילדענעם רינג, מיט וואו איך האָב געהאַט ערגיץ אַ זאַך,
וואָס מע קאָן פאַרזעצען... און נאָך אַלע היומס, זאָג איך אייך,
לאָם איך נאָר באַקומען דעם ערשטען פינף־און־צוואַנציגער, —
און איך וועל איהם, אם ירצה השם, מיט גאָט'ס הילף, באַקומען —
מאַך איך אַ פאַרמעגען פון אריבער מאה אלפים! איהר קוקט
מיך אָן, ווי אַ משוגענעם? איאַ? אָט וועל איך אייך ווייזען נאָר
אַ קורצען חשבון, וועט איהר אַליין זעהן, אַז אַזאַ נפש, ווי איך,
קאָן מאַכען פון איין כּף־הא'ער די ריינע הונדערט טויזענד איינ־
צינע, און נאָך מיט אַ סמיטשיק! איהר ווייסט, וואָס סע באַ־
טרעפט דרייצעהן פּאַסען פון אַ פינף־און־צוואַנציגער? אַנו, נעמט
נאָר אַקאַרשט, זייט מוחל, אַ טינט און פען!

— אַ טינט און פּען? דערויף איז טשיידעלי ביי מיר דער מאַכער, — זאָגט בראָנזענטאַלער, און דער מחבר נעמט די פּען, טונקט איין אין טינטערעל, קוקט אויף אַרקאַדי'ן, און אַרקאַדי הייסט איהם שרייבען:

— שרייבט, זייט מוחל, 25 און 50, און 100 און 200, און 400 און 800, דען יעדער „פּאַס" איז צוויי מאָל אַזוי פיעל, און 1,600 און 3,200, און 6,400 און 12,800. האָט איהר ערשט צעהן פּאַסען. היינט 25,600 און 51,200 און 102,400, — פאַרשטעהט איהר שוין, וואו איך האַלט?

אַרקאַדי צעלאַכט זיך, ווי זיין שטייגער, מיט אַ קוויטש, לעגט־אַריין די ציגאַר אין די צייהן און די הענד אין די קעשענעס, געהט־אָפּ אַ פּאָר טריט צוריק און בלייבט שטעהן מיט איין פוס אַרויבגעשטעלט אויף צופריהער אין מיטען חדר און שאָקעלט זיך צו בעזט מעשה מיט'ן גאַנצען קערפּער, און ער זעהט אויס ווי אַ באַראַן. וואָס האָט נאָר־וואָס טאַקי געהאַט די דרייצעהן פּאַסען און געמאַכט די שענע עטליכע קערבלעך.

ווער עס האָט אין יענער מינוט נישט געזעהן דעם נייעם שכן אַרקאַדי שווייצער, דער האָט אויף זיין לעבען נישט אָנגעקוקט קיין גליקליכען מענשען אויף דער וועלט!

קאַפּיטעל ו.

— אַזוי? — זינגט־אויס בראָנזענטאַלער, דער בעל־הבית, און ציהט זיך אויס ווי לאַנג ער איז. — אַצינד פאַרשטעה איך שוין אייער קוק; איהר זוכט, הייסט דאָס, דעם נעכטיגען טאָג, מיין איך, דעם דרייצעהנטען פּאַס? איהר ווילט, הייסט דאָס, דערגרונטעוועען די שפּיעל ביז'ן דנאָ? אודאי, אודאי, מע קאָן נים זאָגען, אַ געשעפט איז דאָס, נאָר נים אַזוי ראַיעל, ווי איהר מיינט.

ארקאדי שוויצער געפינט זיך ווי בעלעדיגט.

— ניט ראיעל, זאגט איהר? גוט איז אייך, אז אייערע פאבריקעס ארבייטען דארטען, אייערע שיפען אויפ'ן ים געהען זיך, די מיהלען מאהלען, און אליין זיצט איהר אויפ'ן גרייטען און שניידט קופאנעס פון די ביכלעך פאפיראס־פאפיער. האט קיין פאראיבעל ניט, פאני, וואס איך וועל אייך פרעגען, אשטייגער, נאפשיקלאר, כדומה למשל, וואס איז, אייגענטליך, אייער געשעפט?

— מיין געשעפט? עהע־הע! — ציהט אויס דער בעל־הבית אויף איין ארשין. — מיין געשעפט? א סך האבען זיך שוין געבראכען די מוחות, געוואלט וויסען, מיט וואס איך פארנעם זיך; דער אקאלאדאטשניק האט וויפיעל מאל געוואלט דערגרונטעוועוען זיך, נאר מכות וועט עמיצער גאר פאלען דערויף!

— וואס זשע? איהר שרייבט מזוזות? צי איהר טרייבט־ארויס שדים? צי איהר מאכט פאלשע פערציגער? מיר מעגט איהר זאגען, נישקשה, ווי אין איין אייזערנעם קאסטען מיט א גלאק!

— עט, איך האב פאר אייך ווינציג וואס מורא, לאז זיך אייך דאכטען! נאר דער חסרון, וואס ס'איז ניטא ביי וואס אנצונעמען.

— אבער א נאמען באדארף דאך עס האבען!

— הערסט דו, אט דאס איז דאך די מעשה, וואס סע האט קיין נאמען ניט! וואס פאר א נאמען, אשטייגער, קאן מען דאס געבען, טשיידעלי, וואס שוויגט איהר?

דאס קליינע מחבר'על, וואס בראנזענטאלער האט איהם א נאמען געגעבען טשיידעלי, חאפט זיך אויף, ווי פונ'ם שלאף, שפרינגט־אראפ פונ'ם בעטעל מיט א טענצעל, ווי זיין שטייגער איז, דרעהט זיך אויס אויף איין פוס, מאכט צו־דרעכט די ברילען און רופט זיך אן צום בעל־הבית:

— אייער געשעפט וואס פאר א נאמען מע קאן געבען? סע האט קיין שום נאמען ניט.

— אָ! זעהט איהר? — מאכט דער בעל־הבית און ווייזט אָן מיט די אויגען אויפ'ן מחבר'על. — איהר האָט געזעהן, ווי טשיידעלי האָט זיך נאָר־וואָס אויסגעדרעהט אויף איין פוס און איז געבליבען שטעהן אויף איין אָרט? פונקט אזוי דרעה איך מיך ארום א געשעפט, א גרויס געשעפט, שוין פון כמה וכמה יאָה־רען; איך דרעה מיך און דרעה מיך און שטעה אויף איין אָרט.

— אָ? אויב אזוי, פארשטעה איך שוין! — פערהאפט אר־קאדי שווייצער מיט א געלעכטער. — איהר זענט א מעקלער פון די מעקלערס, וואָס פארקויפען דעם שפיץ פון די יעהופּעצער בערג, דעם שאָטען פון די בוימער פונ'ם בויבעריקער וואלד, און בייטען דעם נעכטיגען טאָג אויפ'ן אדעסער לימאַן, און פיהרען־דורך א באהן גלייך פון מאזעפּעווקע צו דער לבנה? אָט אזוי זשע רעדט! וואָס זשע מאכט איהר אָנשטעלען? אָחינו אתה, נאט אייך אַפּ שלום, דען אז איך וויל, זאָג איך, אז איך בין אויך א מעקלער. איך האָב אויך א צוויי־דריי אָפּיסען ביי זיך אין קעסטעל פון די רייכע אימעניעס, מיט די שענע וועלדער, מיט די גרויסע פּאלאַ־צען, מיט די קלוגע פערד, מיט די ריינע סאזשעלקעס, מיט די אמת'דיגע דגים און מיט די ווילדע קאטשקעס, וואָס שווימען־ארום פון אויבען אויפ'ן וואסער...

— טיע־טיע־טיע! — שלאָגט איהם איבער בראָנזענטאָלער אין מיטען. — א איד איז דיר קיין קאטאָוועס ניט. זעה־נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס אביסעל צעלאָזט, ווי א בעל־דרשן! עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין מעקלער און וועל ניט זיין קיין מעקלער, און בין אפילו נישט געלעגען נעבען מעקלערס. מיין געשעפט איז ירושה. מיר לאָדען א ירושה, א גרויסע ירושה לאָדען מיר.

— א ירושה? — חאפּט איהם אונטער ארקאדי. — פון וועמען איז? טאקי פון אייערען א זיידען? מסתמא א טאיאָנטעק א גרויסער, פון עטליכע דערפער מיט שאָף און רינדער, מיט וואָ־סער־מיהלען אייגענע, מיט בריקלעך, מיט קרעטשמעס, מיט הייזער

א נוזמא און מיט קלייטען געמויערטע, — וואָס דען קאָן זיין, איך בעט אייך, א אידישע ירושה?

— שוין? איהר האָט שוין ווידער צעלאָזט דאָס צינגעל אייערס? אז איהר ווילט מיך אויסהערען אקוראט, זאָלט איהר מיך ניט איבערשלאָגען. פאַר וואָס האָב איך אייך ניט איבערגעשלאָגען, בעת א י ה ר האָט גערעדט?

אזוי זאָגט בראַנזענטאָלער, פערציהט זיך געשמאַק מיט'ן פּאַפּיראָס, שפּאַרט זיך אָן אָן טיש, ציהט־אויס די לאַנגע פּיס און הויבט־אָן צו דערצעהלען, און ביידע שכנים הערען זיך צו מיט קאָפּ:

— באַשטעהן באַשטעהט די ירושה אונזערע דוקא פון מזומן געלט, און באַטרעפען באַטרעפט זי אָרום און בסך־הכל, שוין מיט פּראָצענט און מיט פּראָצענט דפּראָצענט, אזוי גרויס ווי נייען־און־נייענציג מיליאָן.

— האָ? נייען־און־נייענציג מיליאָן? — שרייט־אויס אַרקאדי שווייצער און שפּרינגט אזש אונטער פון התפעלות. — דאָס איז דאָך עפּיס, וועה איז מיר, א מין פּויטיקע, וואָס וואָלט אונז גענוג געווען אין דרייען אויפ'ן גאַנצען לעבען, און עס וואָלט נאָך געבליבען אביסעל די קרובים און אביסעל אויף עולמות. וואָס, ניט אזוי?

בראַנזענטאָלער לאָזט איהם רעדען, ענטפערט איהם ניט דאָס אַנדערע וואָרט, פערציהט זיך מיט'ן פּאַפּיראָס און דערצעהלט ווייטער:

— זענען מיר אויף די נייען־און־נייענציג מיליאָן, הייסט דאָס, דריי יורשים: איין ברודער מיט צוויי שוועסטער, צו דריי־און־דרייסיג מיליאָן אויף א חלק.

— וואָס רעדט איהר? — חאַפּט איהם אונטער אַרקאַדי. — מיר דאַכט, אז א ברודער נעמט צוויי מאָל אזוי פיעל ווי א שוועסטער, הייַנט ווי אזוי קומט ביי אייך אויס דער חשבון צו דריי־און־דרייסיג מיליאָן אויף א חלק?

— מיר האָבען דאָך עפּיס געשמועסט, פּאַני שווייצער, אַז מע זאָל מיך נים איבערשלאָגען? פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונז די דאָזיגע ירושה — איז דערינען אַ גאַנצע מעשה: איך בין נאָר אַליין בטבע, ווי איהר קוקט מיך אָן, אַ איד אַ חלפן...

— אוי! — חאַפּט זיך אויף שווייצער. — גאָט זאָל מיר מאַקי אַזוי העלפען, ווי איך האָב געקלערט, אַז איהר באַדאַרפט זיין אַ חלפן! דאָס פּנים איז ביי אייך ווי ביי אַ חלפן. אַלע חלפנים האָבען עפּיס מאָדנע טרוקענע פּנים׳ער און זעהען־אויס ווי עפּיס הילצערנע מענטשען מיט ש ויענע קעפּ.

— איך בעט אייך, — זאָגט צו איהם דער בעל־הבית — איהר וועט אַמאָל אנשטומט ווערען, צי ניין? דאָס מויל מאַכט זיך אייך גאָר נים צו אויף קיין מינוט! אפּנים, ס׳איז ביי אייך אַזאַ מין חולאת?

אַרקאַדי שווייצער ענטפערט איהם דערויף גאָר נים; ער פערשטופּט דאָס מויל מיט׳ן ציגאַר, זעצט זיך צו און מאַכט אַ מינע פון אַ סטאַטיק, ווי אַ מענש, וואָס האָט זיך נעגעבען דאָס וואָרט שווייגען, און דער בעל־הבית קאָן דערצעהלען זיין געשיכטע שוין אָהן אַ שום איבערשלאָג.

קאַפּיטעל ז.

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ. בין איך, הייסט דאָס, געווען אַ איד אַ חלפן, געשטאַנען מיט אַ טישעל אין מאַרק און צעביטען קליין געלד, און דערפון געצויגען דאָס שטיקעל ברויט. איז אָבער דער חסרון, וואָס פון חלפנות אַליין קאָן מען נים לעבען; נעה, וואָרט, קוק־אַרוים אויף אַ אידען, ביז ער וועט קומען אַמאָל אויסבייטען אַ קערבעל אויף מינץ, וועט מען פאַר־דיענען אַ האָרטען צווייער. וואָס זשע טהוט מען? באַדאַרף מען זיין דערצו אַ שטיקעל . . .

— גנב. — העלפט איהם אונטער ארקאדי שווייצער. — וואס דען? עהרליך איז שווערליך, ווי מיין באבע טאלצע, עליה השלום, פלעגט זאגען בשעת אראפנעמען וואכס פון די ערב יום־כפור'דיגע ליכט...

— ווער בעט אייך, איהר זאלט מאכען א פירוש אויף מיינע ווערטער? — זאגט צו איהם בראנזענטאלער. — איך זאג, אז פון חלפנות אליין איז שווער צו לעבען, מוז מען זיין דערצו א שטיקעל סוחר: קויפען א מאל איין אלטע מטבע אין גלייכען געלט, אמאל א חפץ, איין אלטען הדס, א זילבערנע גאלקע פון א שטעקעל, אביסעל ברוך, און אט אזוי ווערד מען פון א חלפן א שטיקעל קרעמער, דאס הייסט, מע דינגט־אפ א לאך און מע שלאגט צו א בלעטעל: „קויפט און פארקויפט", — ווערד שוין גוט. עס קומט אריין א מאל א פריץ, א פריצה, א איד, א שווארץ יאהר, ער קויפט, פארקויפט, בייט־אויס שילע נא שווייקע, צי מע פארדיענט, צי מע דערלעגט — גאר ניט, מע האנדעלט. ויהי היום, איינמאל, פארנאכט איז דאס געווען, זיץ איך מיר אזוי פארטראכט, קיין פדיון איז ניטא, עפענט זיך די טיר און עס קומט־אריין צו מיר אין געשעפט אריין עפים א פריץ א מאגנאט, הויך ווי עוג מלך הבשן, כמעט אונטערגעשפארט מיט'ן קאפ דעם בוידעם, מיט צוויי מורא'דיגע וואנסעס, מיט א מין נאז...

— אשר לא נאזו אבותינו! — חאפט איהם אונטער ארקאדי, — און בראנזענטאלער שטעלט־אנידער אויף איהם די אויגען, און דאס בראנזענע פנים ווערד ביי איהם ווי פערשטארבען, ווי איינער רעדט: „וואס איז דאס פאר א מין שפראך?"

— ס'איז לשון־קודש. — גיט איהם ארקאדי צו פערשטעהן גאנץ ערנסט.

— גוט, וואס איהר האט אויסגעזאגט, אז ס'איז לשון־קודש, אניט, וואלט מען געקאנט מיינען, אז ס'איז פראנצויז. — רופט זיך אן דער מחבר טשיידעלי, און ארקאדי צאהלט איהם אפ אויפ'ן ארט:

— נוט מאָרגען, נעלי, רעטאך טראָג איך! ווער פרענט אייך, נרינער אנרעס, זויערע קיסליצע, בהמה בצורת קעלבעל?

— אַ דאנק פאַר אַ קאָמפּלימענט! — זאָגט איהם טשיידעלי און טהוט זיך אַ בויג צו איהם.

— ניטאָ פאַר וואָס. — ענטפערט איהם ארקאַדי מיט אַ בויג צוריק.

— אידען! טאָמער וואָלט איהר אויפגעהערט זיך איבער־שיסען מיט ווערטער? — זאָגט צו זיי דער בעל־הבית און דער־צעהלט ווייטער:

— שאַ, וואו זשע האלטען מיר? יאָ. קומט אריין צו מיר אין קלייטעל אַ הויכער פריץ, זעצט זיך אַוועק און בעטראַכט מיין קראָם, פרעגט זיך נאָך אויף איטליכער זאך, וואָס קאָסט דאָס, וואָס קאָסט יענץ, רעדט מיט מיר אויף פויליש, פארשטעה איך, אז ס'איז אַ פּאָליאַק, נאָר קויפען קויפט ער גאָר ניט. „פון וואנען איז אַ פריץ?" — פרעג איך איהם. זאָגט ער: „איז ווארשאַוויאַ". „וואָבּ מהוסט דו היע?" זאָגט ער: „ניץ ניע ראָביאַ" — נאָר נישט, הייסט דאָס. אויף מאָרגען — נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע: אריינגעקומען, געזעסען, געקוקט, געבעבעט, — גאָר נישט. אויף איבערמאָרגען ווידער דאָס אייגענע, און אזוי אַלע טאָג. „ווי געפעלט דיר די שטאָדט, פּאַני גראַביע?" — פרעג איך איהם. זאָגט ער: „זעהר אַ פיינע שטאָדט, און ניט אזוי די שטאָדט, זאָגט ער, ווי די מענטשען, און ניט אזוי די היגע מענטשען, ווי די היגע אידען; פון אידען האלט ער איין עולם ומלואו, מחמת אידען זענען, זאָגט ער, זעהר אַ פיין פאָלק; „איזראַעליטי יעסטאָ באַר־דזאָ שליאַכעטנע נאַציאַ", — זאָגט ער, טאַקי מיט דעם דאָזיגען לשון, ווי איהר זעהט מיך אַ אידען! דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען הער איך, אז אַ פריץ, און נאָך אַ פּאָליאַק דערצו, זאָל האַל־טען פון אידען, ליעב האָבען זיי, רופען אונז גאָר „איזראַעליטי", ניט „זשידזי", זיך אינטערעסירען מיט אונז, לויבען אין טאָג אריין אונזער אמאָליגע אידישע מלוכה, מיט אונזערע מלכים, מיט אונ־

זערע נביאים, און ווער שמועסט שלמה המלך — דער א ז, זאָגט ער, געווען „באַרדזאַ ניע גלופי מישלאָוויק", דאָס הייסט, גאָר קיין נאַר נישט, טאַקי מיט דעם דאָזיגען לשון, ווי איהר זעהט מיך אַ אידען! בקיצור, דער פּריץ איז געוואָרען ביי מיר אַ היימישער פּריץ און זעהר־זעהר איין אָפּטער גאַסט. איך ווייס אַליין ניט, פאַר וואָס, נאָר מיר זענען געוואָרען מיט איהם נפש אחת, זיך ליעב געקריגען פּשוט איינס דאָס אַנדערע, אָנגעהויבען אריינקומען איינס צום אַנדערען, ער צו מיר אַלע פּרייטאָג־צו־נאַכטס אויף שבת'דיגע פיש, איך צו איהם שבת בייטאָג אויף אַ גלעזעל טהיי. ווער ער איז און וואָס ער איז — האָב איך נישט אָנגעהויבען צו וויסען. איך האָב נאָר געהערט, אַז ער איז אַ גראַף, און רופען רופט מען איהם דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

— אָהאָ! — מאַכט ארקאַדי שווייצער. — ער האַפּט שוין אַ ביסעל דעם אָנבליק פון אונזער משה־מענדי־מרדכי־אהרן־פּייסי־דבורה־משה־מענדים, וואָס מע דאַרף פריהער גוט איבערבייסען, מע זאָל דאָס קאָנען אויסרעדען אין איין אָטהעם. מילא בקיצור, ווי אַזוי, זאָגט איהר, רופט מען איהם, אייער אָדון?

— דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי רופט מען איהם, און וואָהנען וואָהנט ער הינטער דער שטאָדט ביי זיינע צוויי שוועסטער, וואָס מע רופט זיי ביי אונז „די באַרישנים" און וואָס ביידע אינאיינעם זענען אַלט אריבער אַ מאה. די דאָזיגע מיידלעך זיצען שטענדיג פאַרשפּאַרט, האָבען מורא פאַר אַ מענטשען, קיין בן־אדם האָט נאָך נישט געהאַט ביי אונז די זכיה זיי צו זעהן, און איך אויך נישט, און איטליכס מאָל, ווען איך האָב מיט איהם געוואָלט מאַכען אַ שמועס פון זיינע שוועסטער — פלעגט ער נאָר אַ מאַך טהון מיט דער האַנד, זיך נעמען צום לאַנגען ציבעק און פאַרשלאָגען די רעד. איינמאָל זיץ איך מיט איהם אַזוי שבת בייטאָג און מיר טרינקען טיי, רופט ער זיך אָן צו מיר פּלוצים פון דער העלער הויט: „זאָג מיר נאָר, פּאַני מאָשקע, וויפיעל שאַצט דו מיך?" זאָג איך: „איך פאַרשטעה ניט וואָס דו מיינסט, פּאַני גראַביע".

מאכט ער צו מיר: „וויפיעל, מיינסט דו, אשטיינער, פארמאָג איך?" זאָג איך צו איהם: „וויפיעל דו פאַרמאָגסט, ווינש איך דיר, דו זאָלסט פּאַרמאָגען צעהן מאָל אזוי פיעל". מאכט ער צו מיר ווייטער: „אַלע נאָפּשיקלאָר?" דאָס הייסט, ער וויל, איך זאָל איהם נאָר שאצען וויפיעל ער פארמאָגט! בין איך מיך מיישב: עס קאָסט מיך געלט? און חאַפּ מיך ארוים מיט די רי"ש אלפים! אז מיין פריץ הויבט זיך ניט אָן צו קאטשען, ווי גרוים ער איז, און טרייסלען זיך און לאַכען אויף אַזעלכע קולות, אז איך האָב געמיינט, ער וועט, חלילה, פּלאַצען פאר געלעכטער. „טי יעסטעס וויעלקים דורנים, מאַשקע!" מאכט ער צו מיר נאָכ־דעם, אז ער האָט זיך שוין גוט אָנגעלאכט; דאָס הייסט, אז איך בין א גרויסער נאר. „איך פאַרמאָג, זאָגט ער, אויף מיין חלק אליין נישט מעהר און נישט ווינציגער פון דריי און דרייסיג מיליאָן. און מיר אַלע דריי, איך מיט מיינע צוויי שוועסטער, הייסט דאָס, פּאַרמאָגען מיר נייען־און־נייענציג מיליאָן!" און נישט לאַנג גע־טראַכט, געהט ער צו צום שיפלאַד און נעמט מיר ארויס אַ פּאַק מיט פּאַפּיערען און טראָגט מיר אונטער די פּאַפּיערען גלייך אין פּנים אריין און זאָגט צו מיר: „נא באַטש!" זעה, הייסט דאָס! וואָס זאָל איך זעהן? איך זעה פּאַפּיערען מיט שטעמפּלען א סך, נאר וואָס דאָס איז — ווייס איך ניט! „דו זעהסט, זאָגט ער צו מיר, אָט די דאָזיגע חתימה? דאָס איז די חתימה פונ'ם פּרעזידענט אליין, פון אַמעריקא, צוגעשיקט גלייך אויף מיין נאָמען פון סאַנ־פּראַנציסקאָ, פון קאַליפאָרניע". מילא, קאַליפאָרני הייגט, קאַלי־פאָרני מאָרגען, אז איך ווייס ניט מיט וואָס מען עסט דאָס! „ווייסט דו וואָס, פּאַני מאַשקע, מאכט ער צו מיר, לאָמיך דיר האָטש דערצעהלען, ווער איך בין — וועסט דו פארשטעהן וואָס דאָס איז פאר פּאַפּיערען און ווער איז דער גראַף דאַמבע־דעמבאַ־דעמביצקי". אזוי זאָגט ער צו מיר, דער פריץ הייסט דאָס, און פאררויכערט דעם לאַנגען לולקע־ציבעק און הויבט מיר אָן צו דער־צעהלען א גאַנצע מעשה.

— אפנים, אז דא הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע מעשה? — זאָגט ארקאדי שווייצער און שפּארט זיך אָן מיט'ן קאָפּ אויף דער לינקער האנד און טהוט א וואונק צום מחבר: — פּאַני פּיפּער־באָטער! מע האָט דאָך אייך געלאָזט בעטען, איהר זאָלט ניט שלאָפען און הארכען מיט קאָפּ.

— הלואי וואָלט איהר אזוי געהארכט מיט קאָפּ און ווינציגער בערעדט! — ענטפערט איהם טשיידעלי, און בראָנזענטאָלער דער־צעהלט די געשיכטע פונ'ם גראף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

—

קאפּיטעל ח.

— שא, וואו זשע האַלטען מיר? יא, ביי'ם גראף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי. קומען קומט ער ארוים, זאָגט ער, פון די אמת'ע דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקים, פון די ערשטע אַלטע פּוילישע מאַגנאטען, געבונדען מיט די פּאָטאָצקים, מיט די ליובאָמירסקים און מיט די זאמאָיסקים, געשפּיעלט אמאָל די גרעסטע ראָלע אין דער וועלט, געהאט אייגענע אימעניעס גרויסע אויף טויזענדער קאָמפּעדראָטנע ווערסטען, מיט וועלדער אזעלכע, וואָס קיין פוס פון קיין מענטשען איז דארט נאָך קיינמאָל ניט געוועזען, מיט די שענסטע פּאַלאַצען, גערטנער, אָראַנזשערייען, מיט די ברענענדיגע פערד, מיט די שענע קארעטעס, מיט די גרויסע טייערסטע הינט, און אז מען איז ביי זיי ארויסגעפאָהרען, זאָגט ער, נאָפּאַלאָוואָניע, אָדער נאָ־שפּאַצער, איז א יענער פון פאָרענט, א יענער פון הינטען, זעכס פערד נאָ־שפּיץ — ערדציטערניש! היינט די קעלערס זייערע מיט די בעסטע ווייגען, מיט די אַלטע בראָנפענס, מיט די גוטע סטארקעס, מיט די אמת'ע קאָניאַקען, מיט די עכטע פּוילישע מעדען און געשמאַקע נאַליווקעס, וואָס אז מען עפענט אויף א פלעשעל, שפּרינגט־ארוים דער קארעק און סע געהט אזש א רויך...

בשעת מעשה בעווייזט בראָנזענטאָלער מיט דער האנד, ווי אזוי עס שפּרינגט ארוים דער קאָרעק: פּאַץ! און ארקאדי שווייצער רופט זיך אָן:

— ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך בין אייך מוחל די קאַרעטעס מיט די פערד, מיט די גרויסע טייערסטע הינט, מיט די יעגערס פון פאָרענט און פון הינטען, פאר איין פלעשעל פּוילישען מעד אָדער נאַליווקע פון יענע אַלטע פּוילישע מעדען מיט די נאַליווקעס. צי איהר ווילט דוקא א גלעזעל וויין, און אפשר ווימאָראַזינג דערצו?

— עס מעג זיין א פּראָסט גלעזעל שטאַרקע, — מאַכט בראָנזענטאָלער און דערצעהלט ווייטער:

— היינט געלט, מזומן געלט און באנקאָווע בילעטען, זאָגט ער, איז געווען אזוי פיעל, אז אויף שניידען קופּאָנעס האָט מען געהאַלטען באזונדערע מענטשען, וואָס זענען געזעסען מיט שערלעך פון גאַנץ פריה ביז שפּעט איין דער נאַכט און מע האָט געשניטען און געשניטען און געשניטען.

בשעת מעשה בעווייזט בראָנזענטאָלער מיט צוויי פינגער, ווי אזוי מע האָט געשניטען די קופּאָנעס, און אַלע דריי שטעלען זיך פאָר א גאַנצען בארג מיט קופּאָנעס, און ארקאדי שווייצער רופט זיך אָן:

— פּונקט ווי ביי מיין עלטער־זיידען פון דער מאַמעס צד; ער איז געווען, זאָגט מען, אזא נגיר און האָט געהאַט אזוי פיעל בהמות מיט שאָף מיט ציעגען, אז ס'איז געווען אוממעגליך, מע זאָל זיי מעלקען; האָט מען אויסגעגראָבען פון זייערטוועגען א גרוב און מע האָט זיי אריינגעלאָזט אין גרוב אריין, זיי זאָלען זיך אַליין מעלקען און טאַקי דאָרטען מיט די פיס אויסשלאָגען פּוטער...

— איך זעה אין אייך, — זאָגט צו איהם דער בעל־הבית מיט פּערדראָס — אז איהר מיינט, מע דערצעהלט אייך פּזמונות, מעשיות פון טויזענד איין נאַכט?

— חס וחלילה! — מאכט ארקאדי. — וואָס הייסט, איך וועל אזעלכעס מיינען? וואָס בין איך עפּיס, א יונגעלע? דער־צעהלט, דערצעהלט, מיר האָרכען אייך מיט קאָפּ!

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ, זענען זיי געווען, הייסט דאָס, אונגעהייער רייך און געשפּיעלט די גרויסע ראָלע ביז... ביז'ן פּוילישען מיאַטעזש. און אז ס'איז געקומען דער פּוילישער מיאַטעזש, האָט מען ביי זיי צוגענומען אַלע זייערע מאַיאָנטקעס מיט'ן טיטול גראַף, געוואָרען אויס גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי, נאָר פּשוט — פּאַני דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

— פּאַן יוזש נע אַסעסאָר? שרה, נעם־צו די פיש! — מישט אריין ארקאדי א וואָרט, און בראָנזענטאַלער בעט איהם, ער זאָל ניט האָבען קיין טבע פון איבערשלאָגען, בשעת יענער רעדט.

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ, האָט מען ביי זיי צוגענומען אַלסדינג, און זיי האָבען נעבאך געמוזט אָפּטרעטען, גענומען אויף זיך דעם גלות, צעקראָכען געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט, דער אהער, דער אהין, און געבליבען זענען זיי נאָר אין דרייען: ער, הייסט דאָס, און זיינע צוויי שוועסטער, מיידלעך, וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען ביי זייערען איין אַלטען פעטער, אויך א דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי, און פון יענעם פעטער האָבען זיי געהערט, אז ער האָט א יונגערען ברודער סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי אין אמעריקא ערגיץ, אין קאַליפאָרניע, געהט איהם דאָרטען זעהר גוט, און ער רופט זיי אַלע אהין, קיין קאַליפאָרניע, נאָר זינט דער דאָזיגער פעטער זייערער איז אוועק־געשטאָרבען, האָבען זיי שוין מעהר פון דעם סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי נישט געהערט און נישט געזעהן, און האָבען שוין גאָר פארגעסען, אז זיי האָבען אמאָל געהאַט ערגיץ א פעטער סטאַניסלאַוו. פּלוצים, מיט עטליכע יאָהר צוריק, קומט זיי אָן א ידיעה, אז אין אמעריקא, אין פילאַדעלפיע, אין דער שטאָדט סאַנ־פראַנציסקאָ, איז מיט דרייסיג יאָהר צוריק געשטאָרבען איינער א סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי און האָט איבערגעלאָזט

זעהר א גרויס פּאַרמעגען אין די בענק מיט א צואה, אז דאָס געלט זאָל ליגען פינף און צוואַנציג יאָהר און עס זאָל וואַכסען אויף דעם פּראָצענט, און אז עס וועלען איבערגעהן די פינף און צוואַנציג יאָהר, זאָל מען דאָס צעטיילען צווישען זיינע קרובים, איטליכען באַזונדער א גלייכען חלק. און אַזוי ווי פון אַלע דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקים זענען פאַרבליבען נאָר ער, מיין פּריץ הייסט דאָס, מיט זיינע צוויי שוועסטער, לכן זענען זיי די איינציגע יורשים אויפ׳ן גאַנצען פּאַרמעגען, וואָס טרעפט אָן אַצינד, ווי איך האָב אייך געזאָגט, נייען־און־נייענציג מיליאָן, דאָס הייסט פּונקט צו דריי און דרייסיג מיליאָן אויף א חלק.

— איך זאָל פאַרמאָגען דאָס פּראָצענט פון׳ם געלט, וואָלט איך זיי באַוויזען אין קלוב, ווער עלטער איז! — חאַפּט זיך אויף אַרקאַדי.

— לאָס איך פאַרמאָגען חאָטש די הוצאות, וואָס דאַרף קאָס־טען פאָהרען ברענגען דאָס געלט פון דאָרטען אהער, וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס צו טהון! — זאָגט דער מחבר.

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, איהר זענט ביידע נאַראָ־נים! — זאָגט בראַנזענטאַלער. — איהר ווינשט מיר בעסער, איך זאָל דורכפיהרען אָט דאָס, וואָס איך וויים, וועט איהר בעסער מאַכען.

— אָמן, לאָז אייך גאָט העלפען! — זאָגען ביידע שכנים מיט א מאָל, און דער בעל־הבית דערצעהלט ווייטער:

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ, ביי די נייען־און־נייענציג מיליאָן. דערהערט פון איהם אַזא מעשה, פאַרשטעהט איהר דאָך, ווי אַזוי איך בין אונטערגעשפּרונגען און זאָג צו איהם, צו מיין פּריץ הייסט דאָס: „סמייטש, אדוני פּריץ, נייען־און־נייענציג מיליאָן, וואָס שווייגסט דו?״ מאַכט ער צו מיר: „בּיזט א נאַר, דאָ העלפט ניט קיין שרייען! מע דאַרף, זאָג ער, פאָהרען און נעמען געלט״. „נו, זאָג איך, פאָהרט מען און מע נעמט

געלט!" „אַט אַזוי גיך, זאָגט ער, פאָהרט מען און מע נעמט געלט? מע דאַרף, זאָגט ער, נעמען מיט זיך איין אַדוואָקאַט, און פאַפּיערען אַ סך דאַרף מען אַרויסנעמען; דאָס קאָן מען ניט מאַכען האַפּענדיג; מע דאַרף דערצו האָבען, זאָגט ער, געדולד און געלט, זאָגט ער, געלט, פּיעניאָנדזע!"... אַזוי זאָגט ער צו מיר און פּיפּקעט דעם לולקע־ציבעק גאַנץ רוהיג. און איך? איך ברען, איך גליה, איך עק מיך! „וואָס איז מיט דיר, פּאַני מאָשקע, זאָגט ער, וואָס ביזט דו אַזוי צעקאָכט?" „סטייטש, זאָג איך, אַזאַ מטמון מיט געלט! אַזאַ איין אוצר! אַ קלייניגקייט נייען־און־נייענציג מיליאָן!? פון אונטער דער ערד, זאָג איך, וואָלט איך אויסגעגראָבען געלט אויף הוצאות און וואָלט אַוועקגעפאָהרען נאָך די מיליאָנען!" אַזוי זאָג איך צו איהם, און ער זיצט זיך גאַנץ קאַלטבלוטיג, פּיפּקעט דעם לולקע־ציבעק, טהוט זיך אפילו ניט אַ קנייטש, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָל איך טהון? זאָל איך מיר מפקיר זיין צוליעב די מיליאָנען? דאָס לעבען איז טייערער!" בקיצור, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? איך האָב מיך גענומען צו מיין פּריץ איהם פּיקען אין קאָפּ אַריין אַלע טאָג, אַלע טאָג: „פּריצ'אַני, וואָס שוויגסט דו? איך וועל מיך פּרובען, זאָג איך, ביי מיינע אידען, טאָמער וועל איך קריגען פון דיינעטוועגען די עטליכע קערבלעך, וואָס מע דאַרף". „מהכתיתי, מאַכט ער, אַז דו ווילסט, פּרוב זיך, אפשר וועסט דו קריגען? איך וועיס, זאָגט ער, אַז מיט אידען קאָן מען אַלסדינג מאַכען, וואָרום אידען זענען, זאָגט ער, אַ רייך פאָלק און אַ קלוג פאָלק און אַ פאַרשטענדיג פאָלק. אויף דער גאַנצער וועלט, זאָגט ער, איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק, ווי אידען! צוויי, זאָגט ער, פעלקער זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט: פּוילען און אידען! די דאָזיגע צוויי פעלקער, זאָגט ער, מוזען אַמאָל גובר זיין די גאַנצע וועלט און געוועלטיגען איבער דער גאַנצער וועלט! אַלע פעלקער, זאָגט ער, וועלען אונטערגעהן, אויפפרעסען איינס דאָס אַנדערע, נאָר אידען און פּוילען — די וועלען בלייבען אייביג! „פּאָליאַקי אי

איזראעליטי" — מאקי מיט דעם ראזינען לשון, ווי איהר זעהט מיך א אידען!

— וואס טויג מיר זיינע קאמפלימענטען? — מאכט ארקאדי. — איהר דערצעהלט בעסער, וואס האט איהר געמאכט מיט די אידען?

— הערסט דו? — זאגט בראנזענטאלער. — אט דא הויבט זיך ערשט אן די רעכטע מעשה!

— מאקי באמת? — מאכט ארקאדי שווייצער. — וואס זשע איז געווען ביז אהער?

— א הקדמה. — רופט זיך אן דער מחבר.

— אמת, טשיידעלי איז גערעכט, דאס איז געווען נישט מעהר ווי א הקדמה; נאר שרעקט זיך ניט, די הקדמה איז גרעסער פונ'ם ספר.

אזוי זאגט בראנזענטאלער דער בעל־הבית און דערצעהלט ווייטער די געשיכטע מיט די מיליאנען.

קאפיטעל ט.

— שא, וואו זשע האלטען מיר? יא, ביי אונזערע אידעלעך. אונזערע אידעלעך זענען, ברוך־השם, אזא פאלק, וואס קאטארע זיי ווילען אייך קויפען און פארקויפען, האנדלען־וואנדלען, דרעה־שמעה וואס איהר ווילט, כל השפעקולאציעס שבעולם! דערצעהלט זיי אויפ'ן הימעל א יריד — ווילען זיי אוועקווארפען האק און פאק און פליהען גלייך אין הימעל אריין און שפרינגען אין פייער אריין; און קומט לעגט זיי פאר א ריין געשעפט, א כשר'ע ירושה, א מזומנ'ע זאך, וואס אט ליגט דאס, געה הויב עס אויף און נעם דאס צו — ניין, איז ניטא קיינער אין דער היים! וואס איז די מעשה? ס'איז צו גוט, זאגען זיי, צו פיעל געלט, צו א גרויס גליק — און געה מאך מיט זיי! סטייטש, בהמות בצורת אדם,

נייען־און־נייענציג מיליאָן! ניין, זאָגען זיי, מיר זענען אייך מוחל די מיליאָנען, גיט אונז בעסער א געשעפט פון טויזענדער... אנדערע מאכען נאָך חוזק, דאָס גרעסטע געלעכטער, לצ׳עווען אויף וואָס די וועלט שטעהט: „וואָס הערט זיך מיט א י י ע ר ע מיליאָנען?״ ס׳איז מיר געווען, הערט איהר, א בזיון פאר מיין פריץ, וואָס האלט אזוי פון אידען, לויבט זיי אין טאָג אריין, רעכענט זיי פאר די ערשטע חכמים אין דער וועלט — צום סוף, נאָט אייך, ריינע בהמות, כשר׳ע קעלבלעך, פערד, ווי איך בין א איד, פערד! תחילת האָבען זיך אפילו יאָ נעפונען א פאָר מענשלעך, וואָס האָבען איינגעשטעלט עטליכע קערבלעך אויף הוצאות, נאָר אז ס׳איז געקומען, מע האָט באדארפט האָבען נאָך הוצאות, פּאַפּיערען, דעפּעשען, האָבען זיי זיך מיישב געווען: סטאָפּ! וואָס איז די מעשה? גענוג, זאָגען זיי, ס׳איז ביי זיי ניט קיין קוואל, זאָגען זיי, א ברונען נעמט זיך אויך אויסעט... נעפעלט אייך אביסעל חכמים? זיי וואָלטען א בעלן געווען אויף מיליאָנען און ס׳זאָל זיי קיין געלט ניט קאָסטען! געבראָטענע טייבעלעך אין מויל אריין! אנדערע האָבען אָפּגעשוויגען, און פון אנדערע האָבען מיר נאָך געהאַט בזיונות אויך; זיי האָבען נעסטראשעט מיט׳ן פּראָקוראָר... וואָס דאַרפט איהר מעהר, אז זיי האָבען ארויפגעפיהרט מיין אייגען ווייב, זי זאָל ביי מיר נעמען גט.

— וואָס? איהר זענט א באַווייבטער? מזל טוב אייך! — חאַפּט זיך אויף ארקאדי.

— געווען א באַווייבטער, — זאָגט בראָנזענטאַלער — הייגט שוין ניט. זאָרגט זיך ניט, מיר האָבען זיך גע׳גט. קרובים האָבען זיך אריינגעמישט און גלאַט גוטע פריינד: „וואָס טויג אייך, זאָגען זיי, מיליאָנען? היט בעסער אָפּ אייער געשעפט, א מזומנ׳ער גראָשען איז טייערער פון אלע חלומות, און וואָס טויג אייך, זאָגען זיי, ארומפּיהרען זיך מיט׳ן דאַזיגען אָדון? נאָט ווייסט, וואָס פאר א נפש דאָס איז? אפשר איז דאָס איין אָדם בפקרך?״

און נאָך כּדומה אַזעלכע שטעכווערטער זאָגען זיי מיר, און מיין ווייב האָט זיך צוגעזעצט צו מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל: גט און גט. „שטיא! — טענה איך צו איהר. — וואָס הערסט דו זיי? דיינע גוטע פריינד, זאָג איך, זענען דיך מקנא, פאַרגינען דיר נישט אַזאַ גליק!" גיעה טענה מיט אַ אידינע. „פאַר דיר, זאָגט זי, דאָס גליק, בינד מיך אויף און גיעב מיר גט!" וואָס טויג אייך, מיר האָבען זיך געמוזט גט'ען, און פאַר גרויזאַמע מיט בזיון בין איך אָפּגעטראָטען פון מיין שטאָדט און בין אַריבער־געפאָהרען אַהערצוצו קיין יעהופּעץ אינאיינעם מיט מיין פּריז. הייסט דאָס, זוכען, טאָמער וועלען מיר דאָ געפינען געלט אויף הוצאות. פאָרט אַ גרויסע שטאָדט מיט אַלערליי געשעפטען, מיט מעקלערס אַ סך, מיט מענטשען, וואָס ווילען, חלש'ען פאַרדיענען אַ קערבעל, און האָב איהם באַוזעצט, מיין פּריז הייסט דאָס, אין אַ שענעם נומער פון אַ האָטעל, און אַליין האָב איך מיר אָפּגע־דונגען אַט־אָ־דעם דאָזיגען בוידעם, ווי זאָגט איהר, נעהענטער צו גאָט, און אַלע פריהמאָרגען נעם איך מיר דאָס שטעקעלע און גיעה מיר אַרוים אויף דער בערזע, אין דרויסען הייסט דאָס, דאָרט, וואו אַלע אידען דרעהען זיך אַרום, און שלים קענטשאַפט מיט דער וועלט, און ס'איז אַ סברה, אַז מיר מאַכען דאָ אַ קאָמפּאַניע, דאָס הייסט, עטליכע מענטשען לעגען זיך צונויף מיט אַ קאַפּיטאַל פון היבשע עטליכע טויזענד קערבלעך אויף חלקים, דאָס הייסט, וויפיעל איטליכער גיט, אַזוי פיעל חלקים האָט ער אין געשעפט, אויף יעדען הונדערטער נעמט זיך אָן צעהן טויזענד, אויף טויזענד — הונדערט טויזענד, אויף צעהן טויזענד — אַ מיליאָן. און ווי פאַרשטעהט איהר, האָט איצטער מיין ווייב חרטה? זי שיקט אונטער צו מיר אַלע מאָל אַ גוטען פריינד, און די גוטע פריינד ווערען צעפּיקעט פאַר קנאה, וואָרום ווי קאָנען זיי דאָס גאָר איבערטראָגען, אַז זייער קרוב, משה בראָנזענטאָלער, אַ איד אַ חלפן, זאָל מיט אַ מאָל אַזוי אויפגעריכט ווערען, באַקומען דריי מיליאָן קאַרבען?!

— וואָס? דריי מיליאָן קאַרבען? — כאַפּט זיך אַרויס אַרקאַדי שווייצער און שפּרינגט אַראָפּ פון׳ם בעטעל. — וואָס הייסט דריי מיליאָן קאַרבען?

— וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען? — מאַכט צו איהם בראָנזענטאַלער און פערדרעהט אַ פּאַפּיראָס און קוקט־אַראָפּ צו זיך אויף די פיס גאַנץ קאַלטבלוטיג, גלייך ווי מע רעדט דאָ פון אַ ׳דרייערעל. — וואָס זענט איהר דאָ אַזוי נתפּעל געוואָרען? איך האָב קאַרג האַרעוואַניע דערביי?

— אָבער דריי מיליאָן? — זאָגט אַרקאַדי און צענעמט די הענד.

— דריי מיליאָן. אַזוי האָבען מיר אָפּגערעדט! און נישט נאָר גערעדט — טאַקי צעשריבען זיך אויף פּאַפּיער און גע׳חתמ׳עט ביי׳ם נאָטאַריוס, ווארום מען איז דאָך ניט מעהר ווי לעבעדיגע מענטשען, דער פּריץ איז שוין איין אַלטער פּריץ, אַליין בין איך אויך ניט קיין יונגערמאַן, איך האָב ברידער אַ סך מיט שוועסטער אָרעמע, אַ מענטש איז ניט ביי זיך אין די הענט, אַ קשיא אויף אַ מעשה? נאַט לייענט!

און בראָנזענטאַלער עפענט־אויף דאָס טישקעסטעל, שלעפּט־אַרויס שוין אַביסעל אַ פערגעלטען בויגען פּאַפּיער, גע׳חתמ׳עט מיט אַ מאָדנע פערדרעהטער, פערצוקטער, פערפּלאָנטעטער חתימה מיט שלענגלעך, מיט דריידעלעך, מיט בייגעלעך און מיט ווידע־לעך, און רופט זיך אָן צו אַרקאַדי׳ן:

— איהר זעהט אַ חתימה? דאָס מאַכט: „יאַן־קאַזימירזש־זיגמונד, גראַף־דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי“...

און אַרקאַדי שווייצער שטעהט און קוקט זיך איין אין דער ראַזיגער קינצליך פערדרעהטער חתימה, וואָס זעהט אויס אויפ׳ן פּאַפּיער, ווי אַ שלאַנג מיט אַ פויגעל האָבען זיך אַרומגענומען, איינגעפּלאָנטעט איינס אינ׳ם אַנדערען, און אין מיטען אַ קלעק, און מע ווייסט נים, וואו הויבט זיך אָן שלאַנג און וואו לאָזט זיך אויס פויגעל. און ער בלייבט שטעהן ווי אָפּהענדיג אין מיטען

חדר מיט דער ציגאַר אין מויל, די הענד צענומען, די פיס צע־שפּרייט, די פּלייצעס אויפגעהויבען און דאָס פּנים שטאַרק אויס־געצויגען, און קאָן לאַנג־לאַנג נישט אויסרעדען אַ וואָרט. נאָכ־דעם טהוט ער זיך אַ פּאַטש מיט די הענד איבער די ליטקעס און צעלאַכט זיך מיט אַ קוויטש, ווי זיין שטיינער איז, און ציהט אויס:

— דריי מיליאָן קאַרבוינים! חאַ־חאַ־חאַ! אָט דאָס הייסט אַ מטבע! דריי מיליאָן! ווען איך האָב, אַשטיינער, אָט די דריי מיליאָן איינציגע! אך טי, רבונו של עולם!!!...

קאַפּיטעל י.

די דריי מיליאָן, וואָס בראַנזענטאַלער וועט אַמאָל בעקומען, האָבען אונזער אַרקאַדי׳ן, ווי מע זאָגט, אונטערגעטראָגען. ער האָט ניט אויפגעהערט אַרומצושפּאַנען, היצען זיך, שיטען מיט ווער־טער, ווי פון אַ זאַק, און דער האַלב־נאַקעטער בעל־הבית איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסען, בעקומען חן ביי איהם אין די אויגען, און ער האָט זיך אָנגעהויבען צולאַסטשען זיך, צושאַרען זיך צו איהם, ווי אַ קעצעלע, אָדער ווי אַ געטרייער הונד, אַז ער וויל זיך צו׳חנפה׳נען צו זיין בעל־הבית.

אַרקאַדי שווייצער האָט דאָס געטהאָן ניט מחמת ער האָט אַרויסגעקוקט דערפון עפּיס אַ טובה פאַר זיך. ער האָט דאָס גע־טהאָן נאָר צוליעב דעם כח המושך פון געלד, וואָס האָט איהם תמיד געצויגען צו זיך, ווי אַ מאַגנעט. ער האָט ליעב געהאַט געלד ניט מחמת דעם, וואָס ער דאַרף דאָס אַזוי נויטיג האָבען, נאָר מחמת דעם וואָס ס׳איז ג ע ל ד, מחמת דעם, וואָס „געלד איז אַ גוטע, ליעבע זאַך". אונזער אַרקאַדי האָט געקאָנט אויס־שטעהן אויף די פיס צעהן שעה כסדר אין קלוב אַרום דעם גרויסען קיילעכיגען טיש און בעטראַכטען דאָס שפּיעל, קוקען ווי דאָס רויטע קלינגענדיגע גאָלד שיט זיך אָהן איין עק, אָהן איין אויפ־

הער, געהט־איבער פון איינעם צום אנדערען, גיסט זיך ווי וואסער. אט ליגט ביי איינעם א גאנץ בערגעלע גאָלד, דאָס גאָלד וואכסט און וואכסט, אָט געהט דאָס אריבער צו יענעם, און אָט איז דאָס ווידער געקומען צוריק. ארקאדי שטעהט און קוקט, ווי יענער „ווארפט די קאָרט", און חאָטש ער האָט אין דעם שפּיעל קיין שום חלק ניט, ווארום ער איז „נקי" (אויף זיין שפּראך), „ריין ווי א טעלער", נאָר גלאט, דער גלאנץ פון גאָלד און דאָס קלינגען פון גאָלד און דאָס גאָלד אליין פעראינטערעסירט איהם אזוי ווייט, אז עס קלאַפּט איהם דאָס הארץ פאר יענעם, ער קוועלט־אָן אינ־איינעם מיט דעם, וואָס „נעממט־אוים", און העלפט מיט א זיפץ יענעם, וואָס האָט איינגעשטעלט און איז „אריין ווי קורח".

ס'איז שווער צו זאָגען, וועלכעם שטעהט ביי איהם העכער — צי דאָס שפּיעל, צי דאָס געלד?ביידע זאכען אינאיינעם זענען ביי איהם ווי צונויפגעפלאָכטען, איינגעפלאָנטעט איינס אינ'ם אנדערען, ליעב, איינגעבאקען אין הארצען, טייערער פון אלסדינג אויף דער וועלט, און נאָר אין די צוויי זאכען ליגט זיין נשמה, און נאָר ארום די צוויי זאכען דרעהען זיך אלע זיינע מחשבות. וואָס עס זאָל זיך איהם ניט חלומ'ען — חלומ'ען זיך איהם „פּאַסען" (געווינם) אָדער „פּראָוואלען" (פערלוסט), און נאָר קאָרטען און נאָר גאָלד זעהט ער פאר די אויגען. אז ער דערזעהט פאר זיך געלד, איז די ערשטע מחשבה זיינע: „וויפיעל קאָן מען מיט דעם מאכען, ווען נאָט העלפט, עס קומען אָן די רעכטע „פּאַסען", דער דרייצעהנטער, דרייצעהנטער פּאַס?" און ער הויבט אָן רעדען מיט גאָט, ווערען א מאמין.

ארקאדי שווייצער איז, ווי דאָס רוב קאָרטענשפּיעלער, א גרויסער, גרויסער מאמין, און נישט נאָר א מאמין אליין, נאָר איין אבערגלויבער, גלויבט אין גוטע און שלעכטע חלומות, געהט נישט אין קלוב אריין שפּיעלען נישט מאָנטאָג, נישט דעם דריי־צעהנטען, קעהרט זיך אום צוריק טאָמער בעגעגענט ער א גלח, און אז עס לויפט איהם איבער דעם וועג א קאַץ, ווייסט ער געוויס,

אַז יענע נאַכט מוז ער „באַגראָבען ווערען״; האָט מורא פאַר אַ גוט אויג ערגער ווי אַ אידינע, טאָמער געווינט ער — זאָגט ער, אַז ער האָט פערשפּיעלט, און בייט נישט קיין געלד יענעם בשעת שפּיעלען, און וועט אייך ניט לייהען פונ׳ם קאָהן, איהר זאָלט זיך פאַר איהם אויסציהען! און חאָטש ער איז איצט „נישט ביי געלד״ שוין פון אַ צייט און ווייסט נישט, פון וואַנען קאָן ער האָבען געלד, דאָך גלויבט ער, ווי איין עהרליכער איד גלויבט אין משיח׳ן, אַז דער „גאָט פון קאָרטען״ קאָן נאָך מאַכען אַזוי, אַז אַרקאַדי שווייצער זאָל נאָך האָבען געלד, און גרויס געלד! דער עיקר איז — דער ערשטער כף־הא׳ער מיט די ערשטע עהר־ליכע שענע פּאַסען, וועט שוין נאָכדעם געהן, אם ירצה השם, ווי אַ מזמור!

דער ערשטער געדאַנק זיינער איז געווען נאָכדעם, אַז ער האָט זיך אביסעל בערוהיגט פון די דריי מיליאָן: אפשר איז דאָס אַ בעשערטע זאַך פון גאָט, וואָס ער האָט זיך דאָ בעזעצט מיט דעם דאָזיגען בראַנזענטאַלער? וואָרום וואָס האָט ער עפּיס גראָד אָנגעטראָפען אהערצו און ניט ערגיץ אַנדערש? אפשר הויבען זיך אָן פון דער מינוט „זיינע זיעבען יאָהר״? ביי אָט אַזאַ מין סומע פון דריי מיליאָן — ווי וועט איהם ניט אַראָפּפאַלען חאָטש עטליכע טויזענדער, איך זאָג שוין נישט קיין צעהנער הונדערטער טויזענדער! און אַרקאַדי הויבט־אָן זיך אונטערשמירען צום בעל־הבית שוין גאָר מיט איין אַנדער ניגון:

— זאָגט זשע מיר, מיין ליעבער רב משה, — אַזוי, דאַכט זיך, רופט מען אייך, האַ? — אשטייגער, כדומה למשל, ווען איהר טרעפט צו מיר פריהער מיט אַ קליין שטיקעל צייט, בשעת מיר איז, נים היינט געדאַכט, געווען גראָם אין קאָפּ, ענג אין קעשענע און דאָס קערבעל איז געווען אַ ממזר, — סטייטש, נעם איך דאָך אַרויס די האַרטע הונדערטערס בשמחה רבה ואָמרו כולם און זאָג: זה כפּרתי, זה חליפתי, זה הטויזענדער ילך לחיים ארוכים טובים ולשלום, וואָרום אַרקאַדי שווייצער פאַרשטעהט מיט גאָט׳ס הילף

איין עסק, דער מוח איז איהם ניט אויסגעטריקענט. עלעהיי, ס'איז א קארט און איך שטעל אויף איהר. וואס, אפשר ניט אזוי, רב משה?

— נעווים אזוי! — חאפט זיך ארוים דער מחבר טשיידעלי פאר'ן בעל־הבית און חאפט אבער באלד א מיאוסען פסק פון ארקאדי'ן, ער זאל זיך ניט מישען וואו מע דארף ניט. מערק־ווירדיג! אויף וויפיעל בראנזענטאלער האט ביי ארקאדי'ן אין די אוינען נעוואונען, אויף אזוי פיעל, אדער נאך מעהר, האט ביי איהם דער מחבר פערלארען, און ארקאדי האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען און האט איהם אפגעגאסען מיט א גאנצער פאמע־ניצע:

— סקאצעל קומט, מיין ליעבער דייטש, בעל־מחבר פון דער חלירע, שוטה בן פיקהאלץ, איהר זענט אויך דא? און איך האב געמיינט, אז איהר האלט שוין העט־ווייט אין זיסען שלאף, און עס חלומ'ען זיך אייך מכשפות מיט ווילדע ציגענע, פיפערנאטערס, וכדומה אזעלכע ענינים, וואס איהר באשרייבט זיי דארטען אין אייערע ביכלעך.

דאס קליינע מחבר'על האט נעבאך געמוזט, ווי א טשערע־פאשקעלע, אריינציהען אין זיך דאס קעפעל און ווערען נאך קלע־נער, ווי ער איז, און אפשוויינען דעם דאזיגען גראבען נפש, וואס קאן מאכען יעדען מיט דער בלאטע. „איין עם־הארץ בלייבט איין עם־הארץ — לאז מיינס איבערגעהן"... — קלערט ער זיך, און ארקאדי לאשטשעט זיך ווידער צום בעל־הבית, ווי א קעצעלע.

— אפנים, רב משה, איהר זענט אזא איד, וואס קאטארי איהר האט פיינט יענעם אנצומוטהען, זיך צוזעצען, ווי אנדערע זעצען זיך צו, דעקוטשען יענעם אזוי לאנג, ביז יענער מוז זאגען „באם!" איך אויף אייער ארט וואלט שוין לאנג אנגעשפארט מיט אזא גליקליך געשעפט, ווייסט איהר וואו? א קליינינ־קייט — א פראצעם פון נייען און נייענציג מיליאן! א ווערטעל אויסצורעדען — נייען־און־נייענציג מיליאן!

— נייען־און־נייענציג מיליאָן! — העלפט איהם אונטער דער מחבר, און ארקאדי פאלט־אָן אויף איהם ווידער א מאָל און מאכט איהם מיט דער בלאָטע:

— דייטש, איהר רעדט אויך פון מיליאָנען? אנו, שווערט מיר אויף אייערע הייליגע נאמנות, מיין טייער שפיעלפויגעלע פון דער חלירע, אז איהר האט אמאָל אויף אייער לעבען געזעהן מיט אייערע אייגענע אויגען א הונדערטער א גאנצען, וועל איך אייך צאָהלען קנס וויפיעל „זיי" וועלען הייסען!

און ארקאדי ווייזט אָן מיט דער האנד אויפ'ן בעל־הבית, אנגעבויגען דאָס קעפעל אויף א זייט און צוגעמאכט איין אויגעל.

— מיינט איהר דאָך, אז איהר האט געטראָפען? — האקט איהם אָפּ דער בעל־הבית. — זאָג איך אייך, אז איהר האט, איך בעט איבער אייער כבוד, א גרויסען טעות! טשיידעלי האט, ווי איהר קוקט איהם אָן, א סך הונדערטערם! א גאנץ פארמעגען! טשיידעלי, זאָלט איהר וויסען, איז א איד איין עושר, א גביר!

דאָס וואָרט „גביר" האט בראָנזענטאָלער אָפּגעהאקט, ווי מיט א האקמעסער, און דער עפעקט דערפון איז געוועזן אזוי גרויס, אז ארקאדי שווייצער האט זיך מיט א מאָל אויסגעגלייכט, ארויס־געחאפּט די ציגאר פון די צייהן און געקוקט פונ'ם מחבר אויפ'ן בעל־הבית און פונ'ם בעל־הבית אויפ'ן מחבר און געפינטעלט מיט די אויגען, ווי איינער רעדט: „וואָס טהוט זיך עס מיט מיר?"

קאפיטעל יא.

מחמת אונזער מחבר טשיידעלי איז, ווי דער לעזער האָט שוין בעמערקט, א שטיל מענשעל, וואָס האָט פיינט, ווי אנדערע, בעריהמען זיך, דערצעהלען גוזמות, מאכען פון זיך א גאנצען וועזען, דערפאר האט געמוזט רעדען פאר איהם בראָנזענטאָלער דער בעל־הבית, דערצעהלען פאר'ן דריטען שכן רוב גדלו ורוב

עשרו, און טשיידעלי האָט נאָר אַלע מאָל אַריינגעוואָרפען אַ וואָרט מן הצד, נישט געקוקט בשעת מעשה אויף קיינעם, נאָר אָדער אַראָפּ צו זיך אויף די שפּיץ פיסלעך, אָדער אַרויף אַהין ערגיץ אין דער הויך, צווישען דער וואַנד און צווישען דער סטעלי, וואו עס האָט זיך בעזעצט אַ שפּין, אויסגעבויט אַ קונציגע קיילעכיגע דירה, בריה'ש געבליבען הענגען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און אַרויסגעקוקט, נאָט זאָל צושיקען עפּיס פּרנסה...

— אונזער טשיידעלי — אַזוי זאָגט בראָנזענטאַלער און קאָטשעס אַ פּאַפּיראָס — איז אַ מענטש, וואָס קאָטאָרי נאָט האָט איהם געבענטשט מיט אַזאַ פּאַרמעגען, וואָס האָט קיין מורא נים פאַר קיין פייער און נים פאַר קיין וואַסער, פאַר פאַרלירען אָדער פאַר אוועק'גנבה'נען; איהם קאָן קיינער נישט קאָנקורירען, איבער־שלאָגען, צונעמען; זיין סחורה איז תמיד געלט און זיין געלט איז שטענדיג מיט איהם!

אַרקאַדי שוויצער קאָן זיך נים איינהאַלטען און פּרעגט אַ פּרעג:

— וואָס זשע איז ביי איהם פאַר אַ מין סחורה: דימענטען? בריליאַנטען?

— נאָך טהייערער פון בריליאַנטען! — זאָגט בראָנזענ־טאַלער, און טשיידעלי לאָזט אַראָפּ די אויגען. — וואָרום וואָס איז דען, אייגענטליך, בריליאַנטען? בריליאַנטען איז דאָך נישט מעהר ווי שטיינער, אַ ציערונג, אַ מאָדע אַזעלכע; לאָז דאָס ווערען אויס מאָדע — מעגט איהר דאָך נעמען אייערע בריליאַנטען און אַרויסוואַרפען זיי אויף אַ ריין אָרט. דאָס אָבער, וואָס אונזער טשיידעלי פאַרמאָגט, איז אַזאַ סחורה, וואָס וועט קיינמאָל נים אַרויס פון דער מאָדע, און כל זמן די וועלט איז וועלט, וועלען זיך מענטשען אָהן דעם נישט באַגעהן.

— אָהאָ! — מאַכט אַרקאַדי. — אַ אידישע נשמה קאָן מען נים שאַצען, ווי מיין באָבע עליה השלום האָט אַמאָל געזאָגט, אַז

זי האט געזוכט א פארפאלענעם זעכסער און אויסגעטרייסלט איהם ביי מיר אין קעשענע...

און אין הארצען טראכט זיך ארקאדי: „דאכט זיך, אזא פימפערל? ניכער גערעכט זיך אויף איהם א מפלה!"... נאר דער בעל־הבית שטויסט זיך, וואס ער מיינט, און רעדט ווייטער:

— פארשטעהט איהר מיך, אונזער טשיידעלי'ן האט נאך געשענקט א מתנה, וואס ניט איטליכער פארמאגט דאס, דהיינו: אלץ וואס ער זעהט מיט די אויגען...

— נעמט ער מיט די הענט? — חאפט אונטער שוויצער. — פונקט ווי מיין פעטער לייביש; איך האב געהאט א פעטער לייביש, האט ער אויך געהאט אזא טבע...

— ווילט איהר הערכען, איז גוט; אניט — געהט אייך מיט אייער פעטער לייביש וואוהין איך וויס! — מאכט צו איהם דער בעל־הבית.

שווייצער בלייבט זיצען ווי א סטאטיק, און בראנזענטאלער רעדט ווייטער:

— איז אלץ, וואס ער זעהט מיט די אויגען, באשרייבט ער מיט די הענט; און הענט האט איהם גאט נעגעבען גאלדענע; ער, אז ער זעצט זיך אוועק שרייבען, קאן ער אייך שרייבען און שרייבען אהן איין אויסלאז און אהן איין אויפהער; סע שרייבט זיך ביי איהם אזוי לאנג, ביז עס נעהט אוים מאטעריאל, איך מיין טינט און פאפיער.

— ער דארף זיין א ווילדער בעל־הוצאה אויף די צוויי מינים? — ווארפט אריין ארקאדי.

— וואס פאר א ווערדע האט דאס אבער קעגען דעם, וואס ער ברענגט־ארוים דערפון! מיט איין פלעשעל טינט קאן אייך טשיידעלי אנשרייבען א בוך פון טויזענד בלעטלעך.

— און פאר נויט — זעצט־צו ארקאדי — גיסט מען אונטער וואסער, ווי די וויינשענקערס טהוען, אז עס קומט צו די אנדערע

טעג יום טוב און דער ווײַן הויבט אָן צו טאָגען, און עס ווילט זיך ניט ארויסלאָזען קיין פּדיון...

— טאָמער ווּאָלט איהר פאַרשטעקט דעם צאַפּען? — מאַכט צו איהם בראָנזענטאָלער און דערצעהלט ווייטער: — בקיצור, אונזער טשיידעלי איז א גאָלדשפּינער, ס'איז ביי איהם א קוואַל, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל ניט אויס. זעהט איהר אָן דאָרטען אונ־טער'ן בעט א קעסטעל? איז דאָס פול ווי איין אויג, אָנגעפּאַקט מיט ספרים שוין אָנגעשריבענע, און נאָך וואָסערע ספרים! אַנ־טיקען שבאַנטיקען! ער האָט זיי מיר כמעט אַלע איבערגעלייענט. די ספרים, ווען מע דרוקט זיי אָפּ און מע לאָזט זיי ארויס אויף דער וועלט, פאַרצוקערט מען זיי! דער גאַנצער חסרון איז, וואָס ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו דרוקען זיי!

— ניטאָ קיין פּאָדעם, הייסט עס? — שטעלט־אריין ארקאַדי שווייצער. — ס'איז ביי אייך, הייסט דאָס, א „געלד־מאַנגעל", ווי דער דייטש זאָגט, פּונקט דאָס זעלבע חולאת, וואָס ביי מיר: „ביימעל־פּיבער" רופט מען דאָס בלשון הדאָקטאָריע. וויפיעל באַדאַרף מען דערויף, למשל, געלט?

— וואָס איז די נפקא־מינה, — זאָגט בראָנזענטאָלער — אַז ס'איז ניטאָ? און דערצו איז טשיידעלי, ווי איהר קוקט איהם אָן, א מאָדנע מענטשעל, גאָר נישט דאָס, וואָס אנדערע מחברים; אנדערע מחברים געהען־ארום מאַכען געלט...

— בעטלען? — חאַפּט זיך אויף דער מחבר. — ניכער שטאַרבען! — און די אויגען צינדען זיך אָן ביי איהם, און די בעקלעך ווערען איהם רויט, ווי דער רויטער שניפּס, וואָס ער טראָגט אויפ'ן ווייסען פּאַפּיערענעם קאָלנער. און דער בעל־הבית וויזט־אָן אויף איהם מיט דער האנד, ווי א געטרייער פאָ־טער אויף זיין איינגעשפּארט קינד.

— א גדלן! — מאַכט בראָנזענטאָלער. — א גדלן און איין עקשן! וויפיעל איך טענה ניט מיט איהם, איז דאָס ווי איין ארבעס אין וואַנט. איך טענה מיט איהם: לאָמיר דערוויי־ל

ארויסלאזען איין ביכעל, און נאכדעם וועלען מיר שוין זעהן וואס מיר האבען צו טהון. דערויף איז גענוג דערווייל די ערשטע עט־ליכע הונדערט קערבלעך.

— סך הכל? — מאכט ארקאדי. — וואס פאר א ראלע שפיעלט אזא קליינע סומע ביי אזעלכע קאפיטאליסטען, ווי איהר, כלעבען, ובפרט נאך אויף אזא גאלדען געשעפט, ווי ביכער?

— לאכט איהר דאך? — זאגט צו איהם בראנזענטאלער מיט פערדראס. — וועל איך אייך ווייזען, אז איהר זענט, מחילה, א גרויסע בהמה און איהר הויבט ניט אן צו פארשטעהן פון דאנען אהין. איהר האט נאר א מויל און סע רעדט, און ווייטער איהר זאלט פארשטעהן איין עסק, ארומנעמען א זאך — דאס ניט! אט וועל איך אייך מאכען א פראסטען חשבון. זאגט מיר, וואס איך וועל אייך פרעגען, פאני שווייצער, אז איהר זענט יא אזא חכם: וויפיעל, רעכענט איהר, געפינען זיך, אשטייגער, אידען?

— וואו? דא, אין יעהופעץ? — פרעגט ארקאדי. — עס ווענדט זיך וואסערע אידען; אויב סוואלעטשעם מיט פארחעם — איז, קיין עין־הרע, א סך...

— ניין, — ענטפערט איהם בראנזענטאלער, — ניט דאס מיין איך! איך מיין אלע אידען ארום און ארום?

— אומעטום — העלפט איהם אונטער טשיידעלי — אויף דער גאנצער וועלט.

— אויף דער גאנצער וועלט? — מאכט שווייצער און פער־קאטשעט דעם שטערן. — מע זאגט, קיין עין־הרע, היבשלעך, אזוי פיעל מכות אלע אנטיסעמיטען אינאיינעם.

— וויפיעל זאלען מיר רעכענען צווישען זיי אזעלכע, וואס לייענען ביכער? — פרעגט בראנזענטאלער.

— וואס לייענען ביכער וויים איך ניט, — מאכט ארקאדי — נאר אזעלכע, וואס שפיעלען אין קארטען, זענען געוויס מעהר; דאס בין איך אייך ערב.

— לאז זיין אזוי! — לאזט איהם צו דער בעל־הבית. — ווע־לען מיר רעכענען, אז פון עטליכע מיליאן איז פארהאן נאר צוויי מיליאן אידען, וואס לייענען ביכער. פון זיי וועלען מיר אראפ־רעכענען א מיליאן, וואס קאנען נישט אויסגעבען קיין קערבעל אויף א ביכעל, אדער זיי ווילען נישט קויפען קיין ביכער. בלייבט אונז איבער איין מיליאן אידען, וואס ווילען יא אמאל לייענען א בוך. היינט לאמיר רעכענען שוין אויף דעם פאל, אז צוויי אידען וועלען קויפען פאר איין קערבעל איין ביכעל אויף צו לייענען.

— רעכענט איין ביכעל אויף דרייען, — פעררירכט איהם דער מחבר אליין.

— איין עק! — זאגט דער בעל־הבית. — לאז זיין א ביכעל אויף פיערען, אויף פינף איהרע! וויפיעל זשע האט איהר דער־מאלט? ניט קיין צוויי הונדערט טויזענד קארבען?

— פונקט דאס גרויסע געווינס. — מאכט ארקאדי, וואס הויבט ערשט איצט אן רעכט צעקייען. — אוי וועה, ס'איז דאך עפים מאקי גאר נישקשה'דיג פון א געשעפטעל, ווי איך בין א מענטש!

— וואס זשע דען האט איהר געמיינט? — מאכט צו איהם דער בעל־הבית, און דער מחבר ווערד גרעבער ווי לענגער. — היינט שטעלט אייך פאר, אז איך וויל גאר ניט רייך ווערען מיט א מאל און איך שטעל־אוועק דעם מקח נאר א האלב קערבעל פאר א ביכעל?

— א חצי פויגעל איז בזיל הזול, א מציאה פאר א גנב! — מאכט ארקאדי, ווי א מענטש, וואס איז א מבין אויף די זאכען.

— דאס האט איהר פאר'ן ערשטען ביכעל. — ציהט דער בעל־הבית דעם חשבון נאך ווייטער. — היינט וואס וועט איהר זאגען, מיין ליעבער הער שווייצער, אז אזעלכע ביכער וועגען פארהאן ביי אונזער טשיידעלי א שטיקלעך דרייסיג?

— אהא! קיין עין הרע ניט! — מאכט ארקאדי און שפרינגט־אראפ פונ'ם בעטעל. — דאס שמעקט דאך שוין גאר מיט מיליא־נען, ווי איך בין א מענטש!

— וואס זשע דען האט איהר געמיינט? — זאגט בראנזענ־טאלער, און טשיידעלי ווערד צעשמאלצען פאר תענוג. — לאמיר נאר דערטאפען די ערשטע עטליכע הונדערטער, אזוי לאזען מיר ארויס תיכף ומיד דאס ערשטע ביכעל, לייזען מיר אפ א מאה אלף, לעגען מיר דאס אריין טיעף אין קעשענע און נעמען זיך צו די איבעריגע ביכער, איינציגווייז; אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז מיר לאזען ארויס אלע דרייסיג שטיק, פארשטעהט איהר דאך שוין, וואס פאר א פנים מיר באקומען דעמאלט אין דער וועלט?! איך בין אייך שוין מוחל דאס געלט — איך רעד פונ'ם כבוד, וואס טשיידעלי וועט דעמאלט האבען, אז זיינע ביכער וועלען פארפלייצען די גאנצע וועלט! איהר מעגט פון מיר לאכען, הערט איהר, זאגען, אז איך בין איין אלטער נאר, — איך בין איהם באמת מקנא, דאס הייסט, פארגינען פארגין איך איהם מיט'ן גאנצען הארצען, נאר מקנא בין איך איהם אודאי זעהר גום. א קליינינקיים — אזא כבוד! אזא נאמען!

ביי ארקאדי שווייצער האט זיך פערדרעהט דער קאפ ניט אזוי נאך פונ'ם כבוד מיט'ן נאמען, ווי פון די מיליאנען, וואס שטעהט־פאר טשיידעלי זאל דא פערדיענען. און דער מחבר איז מיט א מאל אויסגעוואכסען ביי איהם אין די אויגען, געווארען שענער נאר אויפ'ן אויסזיכט און גרעסער אויף דער וואוכס. עס האט זיך איהם געדאכט, אז טשיידעלי האט טאקי א פנים פון א... א... עפים ניט קיין געוועהנליכער פארשוין. עפים די האר מיט די קליינע הענטלעך עפים... כלעבען, ער האט שוין לאנג ארויסגעזעהן, כמעט פון דער ערשטער מינוט, אז דאס איז א מענשעל נים ווי אלע מענשען... און אונזער ארקאדי שווייצער האט זיך נים געקאנט איינהאלטען און איז צוגעגאנגען צום מחבר און האט איהם אנגענומען ביי איינע פון זיינע קליינע הענטלעך

מיט די דינע פינגערלעך און האָט איהם אָפּגעגעבען אַ שענעם אַ בריימען מזל־טוב, איהם געווינשעוועט, ער זאָל דערלעבען וואָס גיכער אַרויסלאָזען אַלע זיינע בעריהמטע ביכער, וואָס ווערדליג ער, אַרקאַדי שווייצער, זעהט אַרויס, בעדאַרף דאָרטען שטעקען עפּיס אַזעלכעס, וואָס ער קאָן עס מיט קיין ווערטער נישט אַרויסגעבען. און פּלוצים האָט ער זיך געגעבען אַ פּאַטש אין שטערן, אַ ביסעל פערטראַכט זיך און אַ זאָג געטהאָן:

— שאַט, ווייסט איהר נאָר וואָס? ס'איז דאָ אַ פּלאַן ביי מיר! אַ טהייערער פּלאַן! אַ גאָלדענער פּלאַן! אַזאַ יאָהר אויף מיר!

ביידע צוויי, דער בעל־הבית און דער מחבר, האָבען אויפגע־שטעלט מויל און אויהערען, האָרכען וואָס פאַר אַ פּלאַן האָט פאַר זיי דער נייער שכן? און אַרקאַדי שווייצער האָט זיך געווענדט צו זיי בזה הלשון:

— הערט זשע אוים, מיינע ליעבע אידען, וואָס איך וועל אייך זאָגען; נאָר בעטען וועל איך אייך, אַז קיין פּאַראַיבעל זאָל ניט זיין און איהר זאָלט ניט האָבען קיין טבע פון בלאָזען זיך. מען איז דאָך היימישע מענטשען. מיר אַלע דריי זענען, ברוך השם, גלייכע נגידים, אַחוץ אונזער שאָדען אויף אַלע אַנטיסעמיטען געזאָגט געוואָרען! טאָמער וואָלט געווען אַ סברה, למשל, מיר זאָלען שליסען צווישען זיך אַ מין... אַ מין געזעלשאַפט, אַ שותפות?

— אַ שותפות? אויף וואָס אַ שותפות? אויפ'ן דלות? נאָל־שמאָל־עט־קאָמפּאַניע? — פרעגען ביידע מיט אַ מאָל, דער בעל־הבית מיט'ן מחבר, און אַרקאַדי פּאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ און צעקיים זיי די ווערטער, בכדי זיי זאָלען פערשטעהן וואָס ער מיינט:

— איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט. איך וויל, פאַרשטעהט איהר מיך, מיר זאָלען זיך געבען דאָ איינס דאָס אַנדערע דאָס הייליגע וואָרט, אַ תקיעת־כף, אַזוי ווי קיינער ווייסט ניט ווען'ס מאָרגען עס איז, צי איך מיט מיינע דרייצעהן פּאַסען אין קלוב, צי איהר

מיט אייער כפול־שמונה'דיגען פריץ דעמבאַ־דאַמבע־דעמביצקי אין אמעריקאַ, צי זיי, דער מחבר הייסט דאָס, מיט זייערע ביכלעך? — איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל: ווער פון אונז עס זאָל פריהער ניט אויפגערעכט ווערען, באַדאַרף עס זיין יחדיו. איהר פאַרשטעהט? מע זאָל זיך טהיילען גלייך אויף גלייך, און די הוצאות זאָלען געהן גלייך אויף גלייך, און אַלסדינג זאָל זיין אינאיינעם, יחדיו, איין מאָל פאַר אַלע מאָל יחדיו!

בשעת מעשה האָט ארקאדי שוויצער אויפגעהויבען די רעכטע האַנד אין דער הויך, דעם קאָפּ אַנגעבויגען אויף אַ זייט, און דער בעל־הבית מיט'ן מחבר זענען געזעסען אַ פּאָר מינוט פערטומעלט, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע און געשוויגען. דער פּלאַן איז געווען אַזוי אומגעריכט און דער טאָן אַזוי ערנסט, אַז בראָנזענטאַלער איז אויפגעשטאַנען דער ערשטער פון'ם טיש, צוגעגאַנגען צום נייעם שכן, אויסגעצויגען איהם די לאַנגע דאַרע האָריגע האַנד און אַרויסגעלאָזט הויך אויף אַ קול: „יחדיו!" און אויף איהם קוקענדיג, האָט זיך אויך דאָס מחבר'על אַראָפּגעחאַפּט פון'ם בעטעל, אויסגעצויגען ביידע שכנים זיין קליין הענטעל און אויסגעקוויטשעט אויף זיין דינער שטימע: „יחדיו!" און אַלע דריי שכנים האָבען זיך פריינדליך געקוקט איינס דאָס אַנדערע אין די אויגען אַריין, עטליכע מאָל גוט־גוט געקוועטשט זיך ביי די הענד און איבערגע'חזר'ט נאָך עטליכע מאָל דאָס ליעבע זיסע וואָרט „יחדיו"! און פּלוצים האָט זיך דער מחבר אַ וואָרף געטהאָן צום קעסטעל וואָס אונטער'ן בעט, אַרויסגעחאַפּט פון דאָרטען אַ בויגען פּאַפּיער, געבראַכט צו טראָגען אַ טינט און פען, אַנגעשריבען אין דער ברייט פון'ם בויגען פּאַפּיער מיט גרויסע גע'כתיבה'טע אותיות:

א' ב' ג' ד'

און אַ זאָג געטהאָן צו די שכנים מיט אַ פערפלאָמט פּנים'על:

— חתמ'עט זיך, זייט מוחל, אויפ'ן דאָזיגען פּאַפּיער. דאָס איז אונזער קאָנטראַקט.

— וואָס באַדייטען די דאָזיגע אותיות? — פרעגען ביי איהם די איבעריגע צוויי שכנים שטאַרק פערוואונדערט.

— די דאָזיגע אותיות — זאָגט טשיידעלי — באַדייטען: אמת, ברכה, גנבה, דלות. דאָס הייסט, דער פשט איז אַזוי: אַז מיר וועלען געהן מיט'ן אמת, וועט זיין ברכה, און אַז מיר וועלען געהן מיט גנבה, וועלען מיר האָבען דלות... פאַרשטעהט איהר שוין? הייבט לעגט זיך, זייט מוחל, מיט די חתימות!

דעם מחבר'ס איינפאַל איז אַזוי געפעלען געוואָרען, אַז דער בעל־הבית האָט איהם אונטערגעטראָגען אַ פּאַפּיראָס מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי מע טראָגט אונטער אַ ליעב קינד אַ צוקערלעקאַבעל אָדער אַ קאָנפעקטעל, און ארקאַדי האָט זיך ניט געקאָנט איינ־האַלטען און האָט איהם דערלאַנגט אַ רעכטען זעץ אין פּלייצע.

— בראַוואָ! וואו תורה דאָרט איז חכמה! אַזוי פּלעגט זאָגען דער זיידע מיינער, דער „שומר־בגדים" אַליין, בשעת מנשה'קע דער רופא פלעגט פרייטאָג אין באָד אַ גאָל טהון אַ אידען דעם קאָפּ, אַוועקוואַרפען אין מיטען און געהן צום אַנדערען אידען.

און ס'איז געבליבען, אַז דער שותפות זאָל הייסען „א' ב' ג' ד' עט קאָמפּאַניע"...

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען ביי די נייע שותפים די צערע־מאָניע פון אונטערשרייבען זיך. פריהער פון אַלע, געוועהנליך, האָט זיך גע'חתמ'עט דער בעל־הבית, משה בראָנזענטאַלער, אַני־דערגעלענט אַ פיינע בעל־הבתישע חתימה מיט אַ פּאָר קוועטשלעך און מיט אַ בעל־הבתיש דריידעל. נאָך איהם האָט זיך בעדאַרפט אונטערשרייבען ארקאַדי שווייצער, האָט ער געזאָגט, אַז כל ימיו האָט ער ליעב זיך חתמ'ענען צום לעצט, לכן זאָל זיך טשיידעלי מוחל זיין חתמ'ענען פריהער. און אַז דער מחבר אַליין האָט זיך שוין צעשריבען פיינטשיק מיט אַ היבש דריידעל און מיט אַ שעגעם ציק ווי עס פּאַסט פאַר אַ שרייבער, און ס'איז געקומען צו אַר־

קאדרי'ן, האט ער גענומען די פעך צווישען די פינגער, ווי מע נעמט א פראפעסיאנעלער אויף ארויסצושלעפען א קארעק פון א פלעשעל, און האט אנגעדראפעט פאוואלינקע אויפ'ן פאפיער עטליכע פאר־סיקלעך מיט א צוויי־דריי רעדעלעך, און אויסגעלאזט מיט א קלעק; — די דאזיגע חתימה האט געקאנט מאכען וואס איהר ווילט אין דער וועלט, נאר נים „ארקאדי שווייצער". און בשעת מעשה האט ארקאדי רעכט געשוויצט און געזאגט, אז מחמת ער האט יונגעלווייז זעהר א סך געשריבען, האט דאס איהם שטארק געשאדט צו דער ראיה, האבען איהם די דאקטוירים אנגעזאגט, ער זאל זיך היטען פון א פעך, ווי אין אויג א שטאך, נאר הלואי, זאגט ער, וואלט ער געהאט דאס געלט — וואס ער וואלט נאך געקאנט פון דעסטוועגען אויפ'ן ניכטערן הארצען אנשרייבען מיט הוילע ציפערען אליין!

און די דריי שכנים, וואס האבען געשלאסען שותפות, האבען זיך שפעט, מיט'ן טאגליכען שיין, אפגעזעגענט, זיך געווינשעוועט א גוטע נאכט מיט זיסע חלומות, זיך אויסגעטהאן און געלעגט שלאפען, און נאט ווייסט, אויב אויף דער גאנצער וועלט זענען געווען אזעלכע דריי צופריעדענע מענשען, וואס זאלען שלאפען אזוי זיס, אזוי געשמאק, און זאלען זעהן אזעלכע זיסע גילדענע חלומות, ווי עס האבען געזעהן אין דער דאזיגער נאכט, אינ'ם דאזיגען שטארק־אנגערויכערטען פינסטערען חדר'על, כמעט אונ־טער'ן דאך, אונזערע דריי פארשוינען.

עולם הבא

ערצעהלונג

געשריבען אין יאָהר 1904.

עולם הבא

אז איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען א שעהנע מעשה, ווי אזוי איך האב אויף זיך געהאט אמאל א פעקעל, וואס איך האב עס אליין גענומען אויף זיך, און בין שיער־שיער ניט אומגליקליך געווארען! און איהר מיינט, איבער וואס? נאר איבער דעם, וואס איך בין געווען א יונגערמאן ניט קיין געניטער, ניט קיין איבערגעשפיצטער, דאס הייסט, עס קאן זיין, איך בין נאך היינט אויך ווייט פון א חכם, ווארום איך זאל זיין א קלוגער, וואלט איך דאך, ווי זאגט איהר, געהאט געלט; אז מע האט געלט, איז מען דאך אי קלוג, אי שען, אי מע קאן זינגען.

בין איך, הייסט דאס, געווען א יונגערמאן, געזעסען אויף קעסט ביי שוועהר און שוויגער, געזעסען און געלערענט, א ביסעל אריינגעקוקט אין די ביכלעך בסוד, די שוועהר און שוויגער זאלען ניט וויסען, ניט אזוי דער שוועהר, ווי די שוויגער. איך האב, דארפט איהר וויסען, א שוויגער א מאנסביל, דאס הייסט: א אידינע, וואס נעהט אין ספאדעק. פיהרט אליין אלע געשעפטען, אליין געטהאן שדוכים, אליין געקליבען חתנים פאר די טעכטער. און אויך מיך האט זי אליין אויסגעקליבען, אליין פארהערט, אליין געבראכט צו פיהרען קיין זוואהיל פון ראדאמישלי — איך בין אליין א ראדאמישלער בין איך, מסתמא האט איהר געהארכט ראדאמישלי, מע האט דאס ניט לאנג באשריבען אויפ'ן בלאט...

בין איך, הייסט דאס, געזעסען אין זוואהיל אויף קעסט, גע־קוועטשט דעם מורה־נבוכים, נישט ארויסגעטראטען מפתח ביתי,

ביז ס'איז געקומען די צייט, מע האָט זיך פאַרשרייבען צום פּריזיוו, מוז מען זיך מטריח זיין דורכפאָהרען אהיים קיין ראדאָ־מישלי צו־דערבט מאַכען די פּאַפּיערען, זיך אויסשטאַרען די ליגאַטע, אַרויסנעמען א פּאַס, ווי געוויינטליך. דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגען, מיין ערשטער אַרויספאָהר אויף דער וועלט. האָב איך מיך געלאָזט אין מאַרק אַריין דינגען איין עגלה איינער אַליין, צו באַווייזען, אַז איך בין שוין אַליין א מענטש. און גאָט האָט מיר צוגעשיקט א מציאה, איך האָב דערטאַפּט איין ערל פון ראדאָ־מישלי מיט א שליטען, — ווינטער איז דאָס געווען — מיט א ברייטער פּלייצע, א נעפּאַרבטע, און מיט צוויי פלינלען ביי די זייטען, ווי איין אָדלער; נאָר דאָס פערדעל האָב איך נאָר אַרויס־געלאָזט פונ'ם קאָפּ, אַז ס'איז א ווייס, און א ווייס פערדעל, זאָגט די שוויגער, איז איין אומגליק. „הלוואי, זאָגט זי, איך זאָל ליגען זאָגען, די דאָזיגע נסיעה וועט זיין, האָב איך מורא, מיט שלים־שלים־מזל“... — „ביים דיר אָפּ די צונג!“ — חאַפּט זיך אַרויס דער שוועהר מיט א וואָרט און האָט באַלד חרטה, וואָרום ער באַקומט זיין פּסק אויפ'ן אָרט; נאָר צו מיר זאָגט ער שטילער־הייד: „ווייבערישע זאַבובאָנעס!“, און איך הויב מיך אָן גרייטען צו דער נסיעה: דעם טלית ותפילין, פּוטערנעבעקס, עטליכע קערב־לעך אויף דער הוצאה און קישענס דריי: א קישען אויף צו זיצען, א קישען אויף אָנצושפּאַרען זיך און א קישען אויף די פיס, — און דאַוואַי געזעגענען זיך. געקומען צום געזעגענען זיך — ניטאָ קיין ווערטער! פון תמיד אָן איז ביי מיר א טבע, אַז סע קומט צום געזעגענען זיך, בלייב איך אָהן לשון! איך ווייס ניט, וואָס זאָגט מען? עפּיס קומט דאָס אויס ביי מיר גראָבליך, ווי אַזוי דרעהט מען זיך אוים צו איטליכען, מחילה, מיט'ן הינטען און מע לאָזט זיי איבער גלאַט אַזוי? איך ווייס ניט, ווי אַזוי איהר, נאָר ביי מיר איז דאָס געזעגענען זיך עד היום על אפּי ועל חמתי! נאָר שאַ! מיר האָבט, איך הויב שוין אָן פאַרקריכען קיין בוויבעריק...

האָב איך מיך, הייסט דאָס, גאַנץ פיין אָפּגעזעגענט און פאַ־

שאָל אין װעג אריין קיין ראַדאָמישלי. געװען איז דאָס תחילת װינטער, דער שניי האָט זיך געלעגט פאַר־פריה, אַ שליטס־װעג גאָר איין אַנטיק. דאָס פערדעל, כאָטש ס'איז אַ װײַס, נאָר געהן געהט עס װי אַ מזמור, און אײַן ערל האָב איך דערטאַפּט אַ שװײַ־גענדיגען, פון די ערלים, װאָס אויף אַלסדינג װעט ער אײַך ענט־פערען אָדער „עהע”, דאָס הייסט יאָ, אָדער „באַ—ני”, דאָס הייסט ניין, — און װײַטער כאָטש גיב איהם אַ קרענק! ארויסגעפאָהרען פון דער היים נאָכ'ן עסען, גאַנץ אויפגעלעגט, אַ קישען פון אונטען, אַ קישען אין די פּלייצעס און אַ קישען אויף די פיס; דאָס פער־דעל שפּרינגט, דער ערל סמאָצקעט, דער שליטען שליטעלט, דער װינט בלאָזט, און אַ שנייעלע רייסט זיך פון אויבען, קויקעלט זיך און פאַלט, לעגט זיך, װי פעדערען, אויפ'ן ברייטען גרויסען טראַקט, און אויפ'ן הארצען מיר איז גוט, משונה גוט, ברייט און פריי און ליכטיג אויף דער נשמה, פאַרט דאָס ערשטע מאָל ארויס אויף גאָט'ס װעלטעל, איינער אַליין, אַ בעל־הבית, הייסט עס, פאַר זיך! און איך שפּאַר מיך אָן און צעלעג מיך אין שליטען גאָר מעשה פּריץ... נאָר װינטער, װי װאַרעם איהר זאָלט ניט געהן אָנגעטהאָן, נאָר אַז דער פראָסט נעמט גוט דורך, גלוסט זיך אָפּשטעלען זיך אָנװאַרעמען, איבערכאַפּען דעם אָטהעם און פאָהרען װײַטער. און עס שטעלט זיך מיר פאָר, אין דמיון געװיינטליך, אַ קרעטשמע אַ װאַרעמע, אַ סאַמאָװאַר אַ זודיגער און אַ ראָסעלפלײַשעל אַ פרישינקעס מיט אַ הייסער יויך... פון אַזעלכע מחשבות הויבט מיר אָן קלעהמען דאָס האַרץ, פשוט עס װילט זיך עפּיס נעמען אין מויל אַריין. איך הויב אָן אַריינשמועסען מיט מיין ערל מכח אַ קרעטשמע, איך װיל געװאָהר װערען, צי ס'איז נאָך װייט? ענט־פערט ער מיר: באַ—ני, ניין הייסט דאָס. פרעג איך איהם: שוין נאָהענט? ענטפערט ער מיר: עהע, יאָ הייסט דאָס. װי־פיעל נאָהענט — דאָס איז שװער ביי איהם ארויסצוציהען פונ'ם מויל, כאָטש מהו זיך אָן אַ מעשה! און איך שטעל מיר פאָר, װאָס װאָלט געװען, למשל, װען אויפ'ן ערל'ס אָרט זאָל זיין אַ

איד, להבדיל, וואָלט ער דאָך מיר קלאָר געמאַכט ניט נאָר וואו די
קרעטשמע איז, נאָר אפילו ווער עס האַלט די קרעטשמע, ווי אַזוי
מע רופט איהם, און וויפיעל קינדער ער האָט, און וואָס ער צאָהלט
פאַר דער קרעטשמע, און וואָס ער האָט פון איהר, און וויפיעל
יאָהר זיצט ער דאָ, און ווער איז געזעסען פריהער — גאַנצע פעק
וואָלט ער מיר דערצעהלט. אַ מאָדנע פאָלק דאָס איז! איך מיין
טאַקי אונזערע אידעלעך זאָלען געזונט זיין. ס'איז נאָר איין
אַנדער בלוט, בלעבען!... האָב איך מיר, הייסט דאָס, געטרוימט
וועגען אַ קרעטשמע אַ וואַרעמע, געפאַנטאַזירט מכח אַ סאַמאָ־
וואַר אַ הייסען, וכדומה אַזעלכע גוטע זאַכען, ביז גאָט האָט רחמנות
געהאַט, מיין ערל האָט אַ סמאַצקע געטהאָן צום פערדעל, פאַר־
קערעוועט דעם שליטען אביסעל אויף אַ זייט, און עס האָט זיך
באַוויזען אַ קליין גרוי שטיבעל, באַשאָטען מיט ווייסען פון אויבען
ביז אראָפּ, אַ פעלד־קרעטשמע, וואָס אינ'ם ווייסען שנייענדיגען
פעלד זעהט זי אויס איינע אַליין עפּיס משונה עלענד, ווי אַ פאַר־
וואָרפענע, אַ פארגעסענע מצבה... צוגעפאָהרען צו דער קרעטשמע
גאַנץ ברייטליך, האָט זיך מיין ערל גענומען מיט'ן פערד און
שליטעלע אין שטאַהל אריין, און איך האָב מיך געלאָזט גלייך אין
קרעטשמע אריין, געגעבען איין עפּען די טהיר און... געבליבען
שטעהן אויף דער שוועל, ניט אהער, ניט אהין! וואָס איז די מעשה?
די מעשה איז אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע: אין מיטען דער
קרעטשמע אויף דער ערד ליגט אַ מת, איבערגעדעקט מיט שוואַר־
צען, צוקאָפּענס שטעהען אַ פּאָר מעשענע לייכטער מיט קליינע
ליכטלעך, ארום און ארום זיצען קליינע קינדער, אָפּגעריסען־אָפּגע־
שליסען, שלאָגען זיך מיט די הענטלעך אין קאָפּ, קלאָגען, וויינען,
יאָמערען, שרייען: „מאַ—מע! מאַמע!" און עפּיס אַ הויכער
מיט לאַנגע פיס, מיט אַ זומערדיגער צעריסענער נאַקידקע, עפּיס
נאָר נישט נאָכ'ן סעזאָן, שפּאַנט ארום הין און צוריק מיט די לאַנגע
פיס און ברעכט די הענט און רעדט צו זיך אַליין: „וואָס טהוט
מען? וואָס טהוט מען? און וואָס הויבט מען אָן צו טהון?"...

אודאי האָב איך פארשטאַנען אויף וואָס פאר א חתונה איך בין דאָ אָנגעקומען! דער ערשטער געדאַנק מיינער איז אפילו געווען: נח, אַנטלויפען! און איך האָב זיך א נעם געטהאָן צוריק און געוואָלט מאַכען פּיס. נאָר עס האָט זיך צוגעמאַכט הינטער מיר די טהיר און עס האָט מיך עפּיס ווי צוגעקוועטש צו דער שוועל, און כ'האָב נישט געקאָנט ריהרען פון אָרט. דערזעהען פאר זיך א פרישען פארשוין, האָט דער הויכער איד מיט די לאַנגע פּיס זיך א לאָז געטהאָן צו מיר, אייַנגעצווינגען צו מיר ביידע הענט, ווי א מענטש וואָס בעט ראַטונעק:

-- וואָס זאָגט איהר אויף מיין אומגליק? — מאַכט ער צו מיר און באַווייזט מיר אויף דער חברה, וואָס זיצען און וויינען. — געשטאָרבען ביי זיי די מאַמע נעבאַך! וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? און וואָס הויבט מען אָן צו טהון?

— ברוך דיין אמת! — זאָג איך צו איהם און וויל איהם אָנהויבען טרייסטען מיט גוטע ווערטער, ווי געוויינטליך, שלאָגט ער מיר איבער אין מיטען די רעד און מאַכט צו מיר אַזוי:

— פארשטעהט איהר מיך, אויך די אייגענע מעשה. זי איז געווען א געשטאָרבענע, מיין ווייב הייסט דאָס, נאָך פון פאר־אַיאָהרען, געהאַט די גוטע קרענק, די אמת'ע טשאַכאָטקע; זי האָט נעבאַך אליין געבעטען אויף זיך דעם טוידט. נאָר וואָס דען? אָט דאָס, וואָס מיר זיצען דאָ אין א העק, אין מיטען פעלד. וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? און וואָס הויבט מען אָן צו טהון? זאָל איך געהן ערגיץ אין א דאָרף קריגען א פוהרעל און אָפּפיהרען זי אין שטעדטעל אריין, — ווי אַזוי לאָזט מען איבער דאָ די קינדער אליין אין מיטען פעלד? און דאָ געהט צו נאַכט. גוואַלד, וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? און וואָס הויבט מען אָן צו טהון?

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך מיין איד עפּיס מאָדנע צעוויינט, אָהן טרערען, גלייך ווי צעלאַכט זיך, און האָט ארויסגעלאָזט א משונה קול פונ'ם האַלז, גלייך ווי געהוסט: „הו־הו־הו!" — א

שטיק געזונט האָט ביי מיר צוגענומען דער דאָזיגער איד! וואָס מיר הונגער? ווער מיר קעלט? איך האָב פאַרגעסען אַלסדינג מיט אַלע מיט איינאַנדער און רוף זיך אָן צו איהם:

— איך פאָהר פון וואָהיל פאָהר איך קיין ראַדאָמישלי, און אַ פוהר האָב איך זעהר אַ וואוילע. איז אויב דאָס שטעדטעל, וואָס איהר זאָגט, איז ניט ווייט פון דאַנען, קאָן איך אייך צוליעב טהון געבען די פוהר, און אַליין וועל איך צוּוואַרטען דאָ, אויב עס דאַרף ניט געדויערען.

— אוי, לאַנג לעבען זאָלט איהר פאַר דער מצוה! עולם הבא וועט איהר זיך קויפען, ווי איך בין אַ איד, עולם הבא! — מאַכט ער צו מיר און האַפּט מיך שיער אַרום קושען. — דאָס שטעדטעל איז ניט ווייט פון דאַנען, סך־הכל אַ ווערסט פיער אָדער פינף. געדויערען וועט דאָס אָפּפיהרען ניט מעהר ווי אַ שעה צייט, און איך שיק אייך באַלד אָפּ דאָס פוהרעל צוריק. עולם הבא וועט איהר זיך קויפען, ווי איך בין אַ איד, עולם הבא! קינדער! שטעהט אויף פון דער ערד און דאַנקט, קושט דעם דאָזיגען יונגענמאַן אין די הענט אַריין, אין די פיס אַריין, ער גיט אונז זיין פוהר גיט ער אונז, וועל איך אָפּפיהרען די מאַמע אויפ'ן הייליגען אָרט! עולם הבא, ווי איך בין אַ איד, עולם הבא!

דאָס וואָרט „שמחה" איז ניט שייך אהער, וואָרום די קינדער האָבען דערהערט „אָפּפיהרען די מאַמע", זענען זיי צוגעפאַלען צו איהר און ערשט אָנגעהויבען וויינען איבער־אַ־נייעס נאָך מיט מעהר פרישקייט. נאָר אַ בשורה איז דאָס ביי זיי געווען אודאי אַ גרויסע, וואָס סע האָט זיך געפונען אַ מענטש, וואָס טהוט מיט זיי אַ חסד; נאָר גאָט אַליין האָט איהם אהער געבראַכט! מע האָט אויף מיר געקוקט, ווי אויף איין אויסלייזער, עפּיס אַ מין אליהו הנביא, און איך מוז אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, איך אַליין האָב אויף זיך געקוקט בשעת מעשה ווי אויף ניט קיין געוועהנליכען מענטשען און בין אויסגעוואַכסען מיט אַ מאָל ביי זיך אין די אויגען, געוואָרען

אַט דאָס, וואָס מע רופט אָן „העלד”. אין דער מינוט בין איך גרייט געווען איבערטראָגען בערג, איבערקעהרען וועלטען; נישטאָ, דאַכט זיך, די זאַך, וואָס זאָל זיין פאַר מיר שווער. און עס האָט זיך אַרויסגעריסען ביי מיר פונ׳ם מויל:

— ווייסט איהר וואָס? איך וועל זי טאַקי אַליין אָוועקפיהרען מיט מיין ערל הייסט דאָס, פאַרשפּאָרען אייך מטריח זיין, אָפּרייסען פון די קינדער.

און וואָס ווייטער איך האָב גערעדט, האָט דאָס דאָזיגע געזינדעל אַלס מעהר גענויינט, געוויינט און געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ מלאך פונ׳ם הימעל, און איך בין ביי זיך אין די אויגען געוואַכסען אַלץ העכער און גרעסער, כמעט ביז׳ן הימעל, פאַרגעסען בשעת מעשה, אַז בסך־הכל האָב איך גאָר מורא זיך, צוצוריהרען צו אַ מת, און האָב אַליין מיט מיינע הענט געהאָלפען איהם אַרויסטראָגען און אַרויפלעגען אויפ׳ן שליטען, צוגעזאָגט מיין ערל נאָך אַ חצי פויגעל מיט נאָך אַ מזומנ׳עם טרונק־בראָנפען. תחילת האָט זיך מיין ערל אַפּילו אַביסעל געקראַצט אין דער פּאָטיליצע, אונטערגעוואָרטשעט אונטער דער נאָז, נאָר נאָכ׳ן דריטען קעלישעק איז ער געוואָרען ווייכער, און מיר זענען אַוועק אין וועג אַריין אַלע דריי, דאָס הייסט, איך און, להבדיל, דער ערל און די געשטאָרבענע קרעטשמערקע חוה־נחמה, אַזוי האָט מען זי גערופען, חוה־נחמה בת רפאל־מיכאל, איך געדענק דאָס אַזוי ווי היינט, וואָרום אַ גאַנץ וועג האָב איך מיר גע׳חזר׳ט דעם נאָמען, וואָס דער מאַן איהרער האָט מיר אַנגעזאָגט עטליכע מאָל, וואָרום בשעת מע וועט זי באַדאַרפען מקבר זיין, טהון איהר רעכט און בעטען זי מחילה וועט מען מוזען וויסען איהר אמת׳ען נאָמען. האָב איך אַ גאַנץ וועג גע׳חזר׳ט אויף אויסווענינג: חוה־נחמה בת רפאל־מיכאל! חוה־נחמה בת רפאל־מיכאל! חוה־נחמה בת רפאל־מיכאל! און מחמת חזר׳ען האָב איך פאַרגעסען איהר מאַנ׳ס נאָמען, חאָטש נעמט מיר אַראָפּ דעם קאָפּ! ער האָט מיר איבערגעגעבען זיין נאָמען אויך און צוגעזאָגט, אַז איך וועל

קומען אין שטעדטעל אריין און וועל נאָר אָנרופען זיין נאָמען, אַזוי וועט מען באַלד צונעמען ביי מיר דעם מת, און איך וועל מיר קאָנען פאָהרען ווייטער, מחמת ער איז דאָרטען, אין יענעם שטעדטעל, זאָגט ער, כמה וכמה יאָהרען אַ יום־טוב׳ניק, דאָס הייסט, אַלע ימים נוראים פאָהרט ער אַהין אויף יום־טוב און עס קאָסט איהם געלט אין שוהל צו דער שיסעל און, להבדיל, אין מרחץ און אומעטום, זאָגט ער, גיט ער זיי צו לייזען גוזמי־גוזמאות! און נאָך עפּיס האָט מיר אָנגעזאָגט דער קרעטשמער, אָנגעטורקעט אַ פולען קאָפּ, וואוהין איך זאָל צופאָהרען, און וואָס איך זאָל זאָגען, נאָר ס׳איז אַלסדינג מיט אַ מאָל ארויסגעפלויגען ביי מיר פונ׳ם מח, איהר זאָלט זאָגען, ס׳זאָל איבערבלייבען חאָטש אַ האַלב וואָרט — גאָלע גאָרניט! מיינע אַלע געדאַנקען האָבען זיך געדרעהט נאָר ארום איין זאַך: איך פיהר אַ טוידטען — און דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג, עס זאָלען מבולבל ווערען ביי מיר אַלע מיינע מחשבות און איך זאָל פאַרגעסען אפילו, ווי אַזוי מע רופט מיך, וואָרום פון קינדוויילז אָן האָב איך מורא פאַר אַ טוידטען אימת־מות! בלייבען איינער אַליין מיט אַ טוידטען נאָך עד־היום — איהר זאָלט מיך אָפּגילטען! עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז די האַלב־צוגעמאַכטע כלומרשט־פאַרגלאָצטע אויגען קוקען אויף מיר און זעהען מיך, און די צוגעשלאָסענע טוידטע ליפּען וועלען זיך אָט באַלד אויפעפענען און עס וועט זיך לאָזען הערען אַ משונה קול, ווי פון אונטער דער ערד, וואָס פונ׳ם כח־הדמיון אַליין קאָן מען פאַלען חלשות! ניט אומזיסט דערצעהלט מען זיך אָן ביי אונז מעשיות וועגען מתים, ווי אַזוי מענטשען זענען פון שרעק אַליין געפאַלען חלשות, אראָפּ פון זינען אָדער גאָר גע־בליבען אויפ׳ן אָרט...

זענען מיר, הייסט דאָס, געפאָהרען אין דרייען מיט׳ן מת. דעם מת האָב איך אָפּגעטראָטען איינע פון מיינע קישענס און אַנידער־געלעגט אין שליטען אין דער ברייט ביי מיר צופוסענס, און בכדי עס זאָלען מיר ניט פּלאָנטען זיך קיין אומעטיגע מחשבות, האָב איך גענומען קוקען ארויף אין הימעל אריין און שטילערהייד גע׳חזר׳ט

זיך: חוה־נחמה בת רפאל־מיכאל! חוה־נחמה בת רפאל־מיכאל! אזוי לאנג, ביז עס האבען זיך די נעמען אנגעהויבען פלאנטען ביי מיר אין זכרון און ס'איז שוין אויסגעקומען: חוה־רפאל בת נחמה־מיכאל, און רפאל־מיכאל בת חוה־נחמה, און האב גאר ניט באמערקט, אז עס הויבט עפיס אן ווי צו ווערען אלץ טונקעלער און טונקעלער, דער ווינט בלאזט אלץ שטארקער און שטארקער, און דער שניי הערט ניט אויף צו שיטען און צו שיטען און פארשיטען דעם וועג אזוי, אז דער שליטען געהט אויף גאט'ס בעראט, אין דער וועלט אריין, און מיין ערל עפיס הער איך ווארטשעט, פריהער שטילער־הייד, נאכדעם העכער און שטארקער, און איך וואלט געמעגט שווערען, אז ער בענטשט מיך מיט א דרייגארענדיגער ברכה... פרעג איך איהם: גוי, וואס איז מיט דיר? ענטפערט ער מיר מיט א שפיי און מיט א רציחה, זאל גאט שומר ומציל זיין, און עס עפענט זיך ביי איהם דאס מויל און ער פארשיט מיך מיט ווערטער: סטייטש, זאגט ער, איך האב איהם גאר אומגליקליך געמאכט מיט זיין פערדעל! איבער דעם, וואס מיר האבען גענומען א טוידטען אויפ'ן שליטען, איז דאס פערדעל אראפ פונ'ם וועג, און מיר בלאנזען, און גאט ווייסט ביז וואנען מיר וועלען נאך אזוי בלאנזען, ווארום אט ווערד נאכט, זענען מיר גאר פארפאלענע!... אודאי האט ער מיר אנגעזאגט א שענע בשורה, און איך בין גרייט געווען פאהרען צוריק אין קרעטשמע אריין, אפפיהרען צוריק די מצוה, איין עק, אוים עולם־הבא! זאגט מיר אבער דער ערל, אז איצטער איז שוין פארפאלען, נישטא ניט קיין אהין ניט קיין צוריק, ווארום מיר דרעהען זיך ערגיץ אין מיטען פעלד, דער שווארץ־יאהר ווייסט וואו!... דער וועג איז פארשאטען, דער הימעל איז פינסטער, ס'איז שוין שטאק־נאכט, דאס פערדעל איז אויסגעמוטשעט צום טוידט. א מיתה משונה זאל קומען, זאגט ער, אויף דעם קרעטשמער און אויף אלע קרעטשמערס פון דער גאנצער וועלט! נעחאי וואלט ער זיך, זאגט ער, פריהער אויסגעבראכען א פוס, איידער ער האט זיך אפגעשטעלט נעבען דער דאזיגער קרעטשמע! נעחאי־בי וואלט זיך,

זאָגט ער, איהם געשטעלט פּאָפּעריק דאָס ערשטע גלעזעל בראָנפען, איידער ער האָט זיך געלאָזט צורעדען טהון אזא נארישקייט — נעמען צו זיך איין אומגליק אין שליטען אריין, און איבער א האלבען שמאָרדאָווינעץ פארפאלען ווערען דאָ אין מיטען פעלד, צו אלדי רוחות, מיט'ן פערדעל אינאיינעם! מילא ער, זאָגט ער, איז נאָך ווי עס איז, אפשר איז איהם באשערט אָט דאָ א מיתה משונה איינ־נעמען, אָבער דאָס פערדעל נעבאָך? וואָס האָט ער נעהאט צו דעם דאָזיגען פערדעל? איין אומשולדיגע בהמה, א סקאָטינע, וואָס ווייסט זי?...

איך וואָלט געמעגט שווערען, אז טרערען הערען זיך ביי איהם אין קול... איך וויל איהם אויסרעדען דאָס הארץ, זאָג איהם צו נאָך א חצי פוינעל מיט נאָך צוויי גוטע טרונק בראָנפען, ווערד ער מלא כעס און זאָגט מיר גאַנץ אָפען, אז טאָמער וועל איך ניט אנשווייגען ווערען, נעמט ער און ווארפט מיר נאָר ארויס די מציאה פונ'ם שליטען! און איך טראַכט מיר: וואָס טהו איך, אשטייגער, אז ער נעמט טאַקי חלילה און ווארפט מיר ארויס דעם מת פונ'ם שליטען מיט מיר אינאיינעם? א קשיא אויף איין ערל, אז ער ווערד אין כעס?... און איך מוז שוין שטומען, זיצען אין שליטען איינגענאָ־רעט אין די קישענס און היטען זיך, איך זאָל חאָטש ניט אנשלאָפען ווערען, וואָרום, ראשית, ווי אזוי שלאָפט מען, אז סע ליגט א מת פאר די אויגען? והשנית, האָב איך געהערט, אז ווינטער אויפ'ן פראָסט טאָר מען ניט שלאָפען; מע קאָן אזוי פּאַוואָלינקע אנשלאָפען ווערען אויף אייביג... נאָר, ווי אויף־צו־להכעיס, קלעפּען זיך מיר די אויגען דוקא צו חאַפּען א דרימעל. איך וואָלט אין דער מינוט, יאכט מיר, אוועקגעבען פאר איין דרימעל מי יודע וויפיעל!... און איך רייס מיר די אויגען, און די אויגען פאָלגען ניט, און זיי שליסען זיך פּאַוואָלינקע, און עפענען זיך אויף, און שליסען זיך ווידער א מאָל, און דער שליטען שליטעלט זיך איבער'ן ווייסען, טיעפען, ווייכען שניי, און עפּיס א מאָדנע זיסקייט צעגיסט זיך אין אלע מיינע אברים, און איך פיהל עפּיס א משוגה גוטסקייט, און עס

גלוסט זיך מיר, אז די זיסקייט מיט דער גוטסקייט זאָל געדויערען נאָך און נאָך, אַ סך זאָל עס געדויערען, לאַנג זאָל עס געדויערען... נאָר אַ זייטיגער כח, איך ווייס ניט פון וואַנען, שטעהט און טאָרעט מיך: „שלאָף ניט, נח, שלאָף ניט". און איך רייס אויף מיט גוואַלד די אויגען, און פון יענער זיסקייט לאָזט זיך אויס אַ מין קעלט אינווענינג אין אַלע אברים, און פון יענער גוטסקייט — אַ מין מרה־שחורה מיט אַ מורא, מיט אַ פּחד, מיט איין אומעט, זאָל זיך דער אויבערשטער מרחם זיין! עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז מיין מת רודערט זיך, דעקט זיך אָפּ און קוקט אויף מיר מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגען, ווי איינער רעדט: „וואָס האָסט דו געהאַט צו מיר, יונגערמאַן, אומברענגען אַ טוידטע אידינע, אַ מאַמע פון קליינע קינדער, נישט ברענגען זי צו קבר ישראל?"... און דער ווינט בלאָזט, פייפט מיט אַ קול פון אַ מענטשען, פייפט מיר גלייך אין אויהער אריין, רוימט מיר איין אַ שרעקליכען סוד... און שרעקליכע מחשבות, מורא'דיגע געדאַנקען, דמיונות קריכען מיר אין קאָפּ אריין, און עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז מיר אַלע זענען דאָ אונטער'ן שניי, אַלע: איך און, להבדיל, דער ערל און דאָס פערדעל זיינס און דער מת... מיר אַלע זענען טוידט, נאָר דער מת — מערקווירדיג! — נאָר דער מת אליין, דעם קרעטשמער'ס ווייב, איז לעבעדיג...

און פּלוצים דערהער איך, מיין ערל סמאַצקעט דעם פערדעל עפּים זעהר פריילין, דאַנקט גאָט און צלמ'ט זיך אין דער פינסטער און זיפצט, און אַ נייע נשמה זעצט ער אריין אין מיר, און איך דערזעה פון דערווייטען בלישטשעט ארויס אַ פייערעל. דאָס פייע־רעל באַווייזט זיך, ווערד באַלד פארשוואונדען און באַווייזט זיך נאָך אַ מאָל. „אַ ישוב", טראַכט איך מיר, און דאַנק און לויב גאָט מיט'ן גאַנצען הארצען, און רוף מיך אָן צו מיין ערל: „אַפּנים, מיר זענען שוין, זאָג איך, אויף אַ שטיקעל דרך? עס ווייזט אויס, זאָג איך, אַז מיר זענען באַלד אין שטעדטעל?" — „עהע!" — מאַכט צו מיר דער ערל מיט'ן פריהעריגען קורצען, שטילען טאָן, שוין אָהן אַ שום כעס, און עס ווילט זיך מיר ארומנעמען איהם פון הינטען

און איהם געבען א קוש אין פּלייצע פאַר דער גוטער בשורה, פאַר זיין גוטען קורצען שטילען „עהע", וואָס איז טהייערער ביי מיר איצטער פון דער שענסטער קלוגער דרשה. „ווי אזוי רופט מען דיך?" — פרעג איך איהם, און עס וואונדערט מיך, פאַר וואָס האָב איך איהם ביז אהער ניט געפרעגט זיין נאָמען. „מיקיטאַ" — ענטפערט ער מיר קורץ מיט איין וואָרט, ווי זיין שטייגער. „מיקי־טאַ?" — חזר איך איבער נאָך א מאָל, און דער נאָמען „מיקיטאַ" באַקומט ביי מיר א מאָדנעם חן. „עהע!" — ענטפערט ער מיר דערזיף, ווי געוויינטליך, און עס גלוסט זיך מיר זעהר, אז מיקיטאַ זאָל מיר נאָך עפּיס זאָגען, חאָטש צוויי־דריי ווערטער ווילט זיך מיר פון איהם האָרכען, און מיקיטאַ ווערד מיט א מאָל טהייער ביי מיר אין די אויגען. אויך דאָס פערדעל זיינס ווערד ביי מיר טהייער, מלא חן. און איך מאַך מיט איהם א שמועס וועגען זיין פערדעל; איך זאָג איהם, אז ביי איהם איז א וואויל פערדעל. זעהר א וואויל פערדעל! ענטפערט מיר מיקיטאַ: „עהע". „און א שליטען איז ביי דיר, מיקיטאַ, זאָג איך, אויך א וואוילער!" ענטפערט ער מיר: „עהע". און מעהר וויל מיין מיקיטאַ קיין וואָרט נישט זאָגען, חאָטש בראָק איהם אויף צעהן שטיקלעך! „האָסט פיינט, זאָג איך צו איהם, רעדען, מיקיטאַ־סערדצע?" — ענטפערט ער מיר: „עהע". און איך צעלאַך מיך, ס'איז מיר פריילי‌ך, גוט און פריילי‌ך, גלייך ווי איך האָב דאָ איינגענומען אָטשאַקאָוו, אָדער געפונען איין אוצר, אָדער אנטדעקט א נייעס, וואָס קיינער האָט דערפון ניט געוואוסט,— מיט איינעם וואָרט, איך בין גליקליך־איבערגליקליך! טאָמער ווייסט איהר וואָס? עס האָט זיך מיר געוואָלט אויפהויבען דאָס קול און אָנהויבען זינגען, ווי איהר זעהט מיך לעבען! ס'איז ביי מיר פון תמיד אָן אזא טבע, אז עס מאַכט זיך אמאָל, ס'איז מיר גוט אויפ'ן האַרצען, זינג איך. מיינע זאָל לעבען ווייסט שוין מיין כאַראַקטער, פרעגט זי מיך: „וואָס איז שוין, נח? וויפיעל האָסט דו פאַר־דיענט, וואָס דו האָסט זיך אזוי צעזונגען?" ביי די ווייבער קומט אויס, נאָך זייער ווייבערשען שכל, אז פריילי‌ך איז א מענטש נאָר

דעמאָלט, ווען ער פאַרדיענט; אנדערש קאָן נאָר א מענטש ניט זיין אויפגעלעגט. פון וואַנען נעמט זיך דאָס, אשטייגער, וואָס אונזערע ווייבער זענען א סך מעהר להוט נאָך געלט, ווי מיר, מאנספּאַר־שוינען? דאַכט זיך, ווער האָרעוועט אויפ׳ן געלט? מיר, צי זיי? נאָר שאַ! מיר דאַכט, איך בין שוין ווידער פאַרקראָכען קיין בוּיבעריק...

זענען מיר, הייסט דאָס, געקומען מיט גאָט׳ס הילף אין שטעד־טעל אריין נאָך פאַר־פריה. דאָס שטעדטעל האָט געהאַלטען נאָך אין רעכטען שלאָף, ס׳איז נאָך געווען ווייט צו טאָג, קיין פייערעל זעהט מען ניט אין ערגיץ. קוים דערזעהען א שטיבעל מיט א גרויסען טהויער און מיט א בעזעמעל אויפ׳ן טהויער — א סימן פון איין אכסניא, האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט, אראָפּגעקראָכען און גע־נומען ביידע, איך מיט מיקיטאַ׳ן, קלאַפּען מיט די קולאַקעס אין טהויער אריין. געקלאַפּט־געקלאַפּט, קוים מיט צרות, גאָט האָט געהאָלפען, מיר האָבען דערזעהען א פייערעל אין פענסטער; נאָכ־דעם האָבען מיר דערהערט, עמיצער שליאָפּעט מיט די פיס און עס לאָזט זיך הערען א קול פון יענער זייט טהויער: ווער איז?

— עפענט, זאָג איך, פעטער, וועט איהר פאַרדיענען עולם־הבא!

— עולם־הבא? ווער זייט איהר? — מאַכט דאָס קול פון יענער זייט און הויבט אָן עפענען דעם שלאָס.

— עפענט אויף, זאָג איך, איך האָב געבראַכט צו פיהרען אהער א מת.

— א וואָס?

— א מת!

— וואָס הייסט א מת?

— א מת הייסט א געשטאָרבענער. א געשטאָרבענע אידינע האָב איך אהער געבראַכט צו פיהרען פון א דאָרף, פון א קרעטשמע.

און פון יענער זייט טהויער איז געוואָרען שטיל. מע האָט נאָר געהערט, ווי עס האָט זיך צוגעמאַכט צוריק דער שלאָס און

די פּיס האָבען אוועקגעשליאָפּעט ווייטער, און אויך דאָס ליכט איז פאַרלאָשען געוואָרען — און גאָט שריי חי וקיים! האָט דאָס מיך שוין פאַרדראָסען, און איך רוף מיך אָן צו מיין ערל, ער זאָל מיר העלפען קלאָפּען מיט די קולאַקעס אין פענסטער אריין. און מיר האָבען זיך גענומען ביידע קלאָפּען אזוי געשמאַק, אז דאָס פייערל האָט זיך ווידער אָנגעצונדען און דאָס קול האָט זיך ווידער געלאָזט הערען פון יענער זייט טהויער:

— וואָס ווילט איהר האָבען פון מיין לעבען? וואָס פאַר א פּריטשעפּע?

— אין גאָטעס ווילען, — בעט איך זיך ביי איהם ווי ביי א גזלן, — האָט רחמנות, איך בין דאָ מיט א מת!

— מיט וואָסער א מת?

— דעם קרעטשמער'ס וויב.

— וואָסער קרעטשמער?

— איך האָב פאַרגעסען ווי ער הייסט, נאָר זי רופט מען חוה־מיכאל בת חנה־רפאל, מיין איך חנה־רפאל בת חוה־מיכאל, חנה־חוה־חנה, מיין איך...

— איהר וועט ניט אוועקגעהן פון דאַנען, שלים־מזל! אָט גיס איך אייך אָפּ מיט איין עמער וואַסער!

אזוי מאַכט צו מיר דער בעל־אכסניא און שליאָפּקעט אוועק פון'ם פענסטער און פאַרלעשט דאָס פייערל — און גאָט טהו איהם עפּיס!... ערשט העט־העט, אין א שעה ארום, אז עס האָט אָנגעהויבען שאַריען אויף טאָג, האָט זיך אויפגעעפענט א שטיקעל טהויער און עס האָט זיך ארויסגעשטעקט א שוואַרצער קאָפּ מיט ווייסע פעדערען און רופט זיך אָן צו מיר:

— דאָס האָט איהר געטאַראַבאַנעט אין די פענסטער אריין?

— איך, ווער דען?

— וואָס האָט איהר געוואָלט?

— איך האָב געבראַכט אַ מת.

— אַ מת? פיהרט איהם צו צום שמש פון חברה־קדישא.

— וואו זיצט דאָ דער שמש אייערער? ווי אַזוי רופט מען איהם?

— יחיאל רופט מען איהם, דעם שמש, און זיצען זיצט ער באַרג־אַראָפּ, טאַקי ניט ווייט פון באָד.

— וואו איז דאָ ביי אייך ערגיץ די באָד?

— די באָד ווייסט איהר ניט? איהר זענט, אַפּנים, נישט קיין היגער? פון וואַנען איז אַ יונגערמאַן?

— פון וואַנען איך בין? פון ראַדאָמישלי, אַ ראַדאָמישליער בין איך, נאָר פאַהרען פאָהר איך פון זוואָהיל, און דעם מת פיהר איך פון אַ קרעטשמע דאָ ניט ווייט, טאַקי דעם קרעטשמער'ס ווייב, זי איז געשטאָרבען פון דער טשאַכאָטקע.

— ניט דאָ געדאַכט! וואָס זשע געהר זיך עס אָן מיט אייך?

— מיט מיר? גאָר ניט. איך בין דורכגעפאָהרען פאַרביי, האָט ער מיך געבעטען, דער קרעטשמער הייסט דאָס, ער זיצט אין מיטען פעלד מיט פיצלעך קינדער, ניטאָ זי וואו צו באַהאַלטען, האָב איך מיך מיישב געווען, יענער בעט פאַרדיענען עולם הבא, פאַר וואָס ניט?

— די מעשה איז עפּיס ניט גלאַט. — מאַכט ער צו מיר. — איהר וועט זיך מוזען זעהען פריהער מיט די גבאים.

— ווער זענען ביי אייך, אשטייגער, די גבאים? וואו, זאָג איך, זיצען זיי?

— די גבאים ווייסט איהר ניט? רב שעפּסעל אַ גבאי, זיצט אויף יענער זייט מאַרק. רב אלעזר־משה אַ גבאי, זיצט סאַמע אין מיטען מאַרק. און רב יוסי, אויך אַ גבאי, זיצט נעבען אַלטען בית־המדרש. דער עיקר וועט איהר דאַרפען זעהען זיך מיט רב

שעפּסלען, ער איז דער גאַנצער טהוער ביי אונז. א הארטער איד, זאָג איך אייך פריהער, איהר וועט איהם אזוי גיך ניט איינבייסען.

— א שענעם דאַנק אייך, זאָג איך, איהר זאָלט דערלעבען אָנזאָגען בעסערע בשורות! ווען וועל איך קאָנען זיך מיט זיי זעהען?

— וואָס הייסט ווען? אם ירצה השם, אין דערפריה נאָכ'ן דאַווגען.

— מזל־טוב אייך! וואָס־זשע זאָל איך טהון דערווייל? לאָזט מיך האָטש אריין אביסעל אָנוואַרעמען זיך. ס'איז ביי אייך א מין סדום, אפּנים?

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט מיין בעל־אכסניא גאַנץ פיין פאַרשלאָסען צוריק דעם טהויער — און שאַ, שטיל, ווי אויף א בית־הקברות. וואָס טהוט מען ווייטער? מיר שטעהען מיט'ן שליטען אין מיטען גאַס, מיקיטא פייערט, וואַרטשעט, קראַצט זיך אין דער פּאָטיליצע, שפּייט און שיט מיט דרייגאָרענדיגע ברכות: „א מיתה משונה זאָל קומען, זאָגט ער, אויפ'ן קרעטשמער און אויף אלע קרעטשמערס פון דער גאַנצער וועלט. מילא ער אליין, זאָגט ער, חאַפּט איהם דער רוח! אָבער זיין פערדעל! וואָס האָט מען, זאָגט ער, צו זיין פערדעל, וואָס מע מאָרעט דאָס פון הונגער און פון קעלט? איין אומשולדיגע בהמה, א סקאָטינע, וואָס ווייסט זי?... ס'איז מיר א חרפה, א בושה פאַר דעם ערל, און איך טראַכט מיר בשעת מעשה: וואָס קלערט, אשטייגער, זיין קאָפּ וועגען אונז, אידען? וואָס פאַר א פּנים האָבען מיר, אידען, רחמנים בני רחמנים, קעגען זיי, ערלים, גראָבע לייט, אז איין איד דעם אנדערען וויל די טהיר נישט עפענען, לאָזט נישט אריין זיך אָנוואַרעמען אפילו, זענען מיר דאָך טאַקי ווערטה דריי מאָל אזוי פיעל, וואָס מיר האָבען!... און אָט אזוי בין איך מצדיק את הדין, דאָס הייסט, איך געפין פאַר רעכט אלסדינג, וואָס מיר האָבען, און מאַך שולדיג דעם גאַנצען כלל, ווי געוויינטליך א איד בשעת

דער אנדערער איד וויל איהם נישט טהון קיין טובה. קיין אומה ולשון רעדט ניט אויף אונז אזוי פיעל שלעכטס, ווי מיר אליין. טויזענד מאל א טאג קאנט איהר הארכען פון וואסער א אידען איהר ווילט אזעלכע מינים ווערטער: „א איד איז דיר קיין קאטאר וועם ניט!" „מיט א אידען ווילט איהר עפּים מאכען?" „מיט א אידען איז גוט קוגעל עסען!" „דאס קאן נאר א איד!" „הערסט דו, דערויף איז דאך עס א אידוניו!" „אוי, א איד, א איד!" וכדומה אזעלכע שענע אטעסטאציעס, קאמפלימענטען. איך וואלט א בעלן געווען ויסען, ווי אזוי איז ביי „זיי", אז עס מאכט זיך, איינער דעם אנדערען וויל ניט העלפען, — פאלט מען אויך אן אויפ'ן כלל און מע זאגט, אז דאס גאנצע פאלק איז ניט ווערטה וואס די ערד טראגט דאס? נאר שא! איך בין שוין, דאכט מיר, וויעדער אוועק קיין בויבעריק...

שטעהען מיר, הייסט דאס, מיט'ן שליטען אין מיטען מארק און ווארטען ביז עס וועט ווערען רעכט טאג און די שטאדט וועט אנהויבען ארוים:ווייזען סימנים, אז זי לעבט. און כך הוה. עס האט זיך געלאזט הערען ערגיץ א רוק פון א טהיר, א קרעכץ פון איין עמער, פון א צוויי־דריי קוימענס האט זיך באוויזען א רויך, און א קרעהען פון העהנער האט זיך געלאזט הערען אלע מאל שטארקער און לעבעדיגער; עס האבען זיך געעפענט אלע טהירען און עס האבען זיך אנגעהויבען באווייזען נאט'ס באשעפענישען אין געשטאלטען פון בהמות, קעלבלעך, ציעגען און, להבדיל, אידען, ווייבער און מיידלעך, פארבונדען מיט ווארעמע שאלען און פאר־וויקעלט ווי די ליאלקעס, איינגעהויקערט אין דרייען און איבער־געפרוירען ווי די קיסליצעס — הקיצור, מיין שטעדטעל האט אויפ־געלעבט, ווי א לעבעדיגער מענטש, אשטייגער. עס האט זיך אויפ־געחאפּט, אפגעגאסען נעגעל־וואסער, געחאפּט אויף זיך דאס מלבוש און גענומען זיך צו דער ארבייט: די מאנסבילען צו עבודת־הבורא, דאווגען, לערנען, זאגען תהלים, און די ווייבער צו די אויוועגס, צו די באקדייזשעס, צו די קעלבלעך מיט די ציעגען, און איך האב

מיך גענומען צו נאָכפרעגען זיך אויף די גבאים: וואו ויצט דאָ ערגיץ רב שעפּסעל, רב אלעזור־משה, רב יוסי? נעמט מען מיך צום עקזאַמען: וואָסער שעפּסעל, וואָסער אלעזור־משה און וואָסער יוסי? פאַרהאַן, זאָגען זיי, דאָ אין שטעדטעל עטליכע שעפּסלען, עטליכע אלעזור־משהס און עטליכע יוסים. און אז איך האָב זיי געזאָגט, אז איך דאַרף צו די גבאים פון חברה־קדישא, האָבען זיי זיך ווי דערשראָקען און גענומען אויסטאַפּען ביי מיר, וואָס באַ־דאַרף עס אַ יונגערמאַן אַזוי פריה צו די גבאים פון חברה־קדישא? האָב איך מיך נישט געלאָזט לאַנג טאַפּען און האָב זיי אַנטפּלעקט מיין הארץ, אויסגעזאָגט דעם גאַנצען סוד מיט דער באָמבע, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען. האָט איהר באַדאַרפט זעהען וואָס עס האָט זיך געטהאָן! איהר מיינט, מע האָט זיך געחאַפּט מיך באַפּרייען פון׳ם אומגליק? חס ושלום! מע איז נאָר געלאָפען איטליכער באַזונדער אין דרויסען אַ קוק טהון אויפ׳ן שליטען, צי עס ליגט טאַקי דאָרטען אַ מת, צי ס׳איז איין אויסגעטראַכטע מעשה? און דערווייל איז געוואָרען אַרום אונז אַ רעדעל פון מענטשען, וואָס האָבען זיך געביטען, דאָס הייסט, מחמת קעלט זענען די מענטשען אַוועק און אויף זייער אָרט האָבען זיך צונויפ־געקומען אַנדערע מענטשען, געקוקט אין שליטען אַריין, געשאָקעלט מיט די קעפּ, געקנייטשט מיט די פּלייצעס, זיך צעפרעגט, ווער איז דער בר־מינן, און פון וואַנען, און ווער בין איך, און ווי קומט ער צו מיר, און נישט געגעבען מיר קיין הילף פון דאַנען אַהין. קוים־קוים האָב איך גע׳פּועל׳ט, מע זאָל מיר אָנווייזען, וואו זיצט דאָ ערגיץ רב שעפּסעל דער גבאי. האָב איך איהם געטראָפען שטעהן מיט׳ן פּניב צו דער וואַנט, איינגעוויקעלט אין טלית ותפילין און דאַווענען אַזוי געשמאַק, מיט אַזאַ זיסען ניגון און מיט אַזוי פיעל התפעלות, אז ממש די ווענט האָבען געזונגען. ער האָט גע־קנאַקט מיט די פינגער, געבאָמקעט און גע׳דבק׳עט זיך, געמאַכט משונה־מאָדנע העויות. איך האָב מיך, הערט איהר, גאָר מחיה געווען, וואָרום, ערשטענס, האָב איך ליעב גלאַט הערען אַזאַ מין

דאַוונען, והשנית, האָב איך געקאָנט דערוויַיל אָנוואַרעמען אַביסעל די איבערגעפּרווירענע ביינער. און אַז דער רב שעפּסעל האָט אויסגעדרעהט צו מיר דאָס פּנים, זענען אין די אויגען ביי איהם נאָך געשטאַנען טרערען, און אויסגעזעהען האָט ער ביי מיר אין די אויגען ווי אַ נעטליכער מענטש, אַ קדוש, וואָס די נשמה זיינע איז אַזוי וויַיט פון דער ערד, ווי דער גרויסער פעטער גוף זיינער איז וויַיט פון׳ם הימעל. און מחמת ער האָט נאָך געהאַלטען אין מיטען דאַוונען און האָט נישט געוואָלט מפסיק זיין, האָט ער זיך אויסגעשמועסט מיט מיר אויף „לשון־קודש״, דאָס הייסט, אויף אַזאַ מין שפּראַך, וואָס באַשטעהט פון מאַכען מיט די הענט, ווינקען מיט די אויגען, קנייטשען מיט די פּלייצעס, דרעהען אַביסעל מיט׳ן קאָפּ און אַביסעל מיט דער נאָז און אַ פּאָר לשון־קודש־ווערטער וואַרפט זיך אויך דורך בתוכם. אויב איהר ווילט, קאָן איך אייך איבערגעבען דעם דאָזיגען שמועס וואָרט ביי וואָרט; מסתמא וועט איהר שוין אַליין פאַרשטעהן וועלכס האָט געקעהרט צו מיר און וועלכס צו איהם.

— שלום עליכם אייך, רב שעפּסעל.

— עליכם שלום. אי־אַ... על הספסל...

— אַ דאַנק, איך בין שוין גענוג געזעסען.

— נו־אַ?... מה? מה?

— איך האָב צו אייך אַ בקשה, רב שעפּסעל. איהר וועט פאַרדיענען עולם הבא.

— עולם הבא? טוב... אלא מה? מה?

— איך האָב אייך געבראַכט אַ מת.

— מת? מי מת?

— אַט דאָ ניט וויַיט איז פאַרהאַן אַ קרעטשמע, זיצט דאָרט אַ איד איין אָרעמאַן נעבאַך, איז ביי איהם, ניט דאָ געדאַכט, גע־שטאָרבען דאָס ווייב פון דער טשאַכאָטקע, געלאָזט קינדער קליינע,

א גאט׳ס רחמנות. ווען איך דערבארעם זיך ניט איבער זיי, ווייס איך ניט וואס עס וואלט נעבאך געטהאן דער פרעטשטער אין מיטען פעלד מיט א בר־מינן.

— ברוך דיין אמת... אלא נו?... מעות? חברה־קדישא?...

— וואסער מעות? ווער מיר מעות? יענער איז איין ארע־מאן, איין עני ואביון, א מטופל מיט קינדער! איהר וועט פאר־דיענען עולם הבא, רב שעפסעל.

— עולם הבא? טוב, טוב מאד! אלא מה? מה? הקדש? יתודים! נו? גם כן קבצנים! אי־א! נו־פע!

און מחמת איך האב ניט פארשטאנען, וואס ער מיינט דער־מיט, האט ער זיך מיט כעס אויסגערדרעהט וויעדער א מאל מיט׳ן פנים צו דער וואנט און האט שוין גענומען דאוונען נישט מיט אזא היטץ ווי פריהער, שוין אביסעל שטילער, נידעריגער מיט א טאן, כמעט אויף א קוויטש, און געשאקעלט זיך גיך־גיך, מיט׳ן קוריער־צוג, אראפגעווארפען פון זיך דעם טלית ותפילין און אנ־געפאלען אויף מיר נאכדעם מיט א מין כעס, גלייך ווי איך וואלט איהם קאלי געמאכט א יריד, געקוילעט די קאפאטע. סמייטש, זאגט ער, דאס יטעטדטעל איז איין ארעם שטעדטעל, האט אויף זיך נענוג אייגענע קבצנים, וואס אז זיי שטארבען, מוז מען זיי נאך מאכען אויף תכריכים, קומט מען אהער נאך פון פרעמדע ערטער, פוי דער גאנצער וועלט אהער! אלע אהער!... האב איך מיך פארענטפערט ווי ווייט מעגליך, אז איך בין גאר דא אודאי נאט די נשמה שולדיג, אז דאס איז נישט מעהר ווי א מת־מצוה. עלעהיי, מע האט געפונען, זאג איך, איין גאס א טוידטען און מע דארף איהם טהון זיין רעכט, ברענגען צו קבר ישראל! איהר זענט דאך, זאג איך, איין עהרליכער איד, א פרומער, מע קאן דאך דערמיט פארדי׳נען עולם הבא! איז ער נאך מעהר אנגעפאלען אויף מיר, כמעט, קאן מען זאגען, ער האט מיך דורכגעטריבען. דאס הייסט, נישט געטריבען ממש, נאר דערגאנגען די יאהרען מיט ווערטער:

— אזוי? איהר זענט א יונגערמאן פון עולם הבא? נעהט ושע זיך דורך אביסעל ביי אונז אין שטעדטעל, טהוט עפיס דערצו, מע זאל אזוי גיך ניט שטארבען פון הונגער און פריערען פון קעלט, וועט איהר זיך קויפען עולם הבא! איין עולם־הבא־איר! א יונגערמאן, וואס האנדעלט מיט עולם הבא! נעהט אייך געזונטער הייד מיט אייער סחורה צו די הולטייעס, אפשר וועלען זיי ביי אייך האנדלען עולם הבא? מיר האבען אונזערע אייגענע מצוות און מעשים טובים, און אז עס וועט זיך אונז פארגלוסטען א חלק לעולם הבא, וועלען מיר זיך געפינען איין עצה אהן אייך!

אזוי זאגט צו מיר דער גבאי רב שעפסעל און באגלייט מיך ארויס מיט כעס און מיט א רעכטען קנאק מיט דער טהיר, און איך שוועהר אייך בנאמנות, — מיר זעהען זיך דאך מיט אייך דאס ערשטע מאל און אפשר דאס לעצטע מאל, — פון יענעם פריה־מארגען אן האב איך באקומען עפיס א באזונדערע מין שנאה צו עהרליכע אלט־פרענקישע אידען, פיינט געקריגען די, וואס דאווענען הויך און דבקה'ן זיך און באמקען און מאכען העויות, פיינט גע־קריגען פרומאקעס און אלע מינים אידען, וואס רעדען מיט גאט, וואס דיענען גאט און וואס טהוען אלסדינג נאר לשם שמים, כלומרשט פון גאט'ס וועגען. אמת, איהר וועט מיר זאגען, אז ביי די היינטיגע, ביי די אויפגעקלערטע, איז פארהאן נישט מעהר, און אפשר נאך וויניגער, יושר ווי ביי די אמאליגע, ביי די פרומא־קעס? עס קאן זיין, אז גערעכט זענט איהר, נאר וואס דען? דער פארדראס איז האטש ניט אזוי גרויס, מע רעדט האטש ניט מיט גאט. אי, וועט איהר פרעגען, למאי שלאגען זיך די היינטיגע אזוי פאר'ן אמת, לענגען־איין די וועלט, גלייך ווי דער רוח האפט זיי אוועק, און קומט צו עפיס — לאזט זיך אויס, אז סע הויבט זיך גאר ניט אן? נאר שא! איך בין שוין, דאכט זיך, ווייעדער אין בויבעריק?...

האט מיך, הייסט דאס, דער גבאי ראשון רב שעפסעל, מחילה, דורכגעטריבען. וואס טהוט מען ווייטער? דארף מען געהן ווייטער,

צו די איבעריגע, הייסט דאָס, גבאים. האָט זיך אָבער דאָ גע־טראָפען אַ נס, אַ נס מן השמים; איך האָב פאַרשפּאָרט געהן צו די גבאים, וואָרום די גבאים זענען געגאַנגען צו מיר, זיך באַגעגענט מיט מיר אַ נאָז קעגען אַ נאָז ביי דער טהיר, און אַ מאַך געטהאָן צו מיר:

— דאָס זענט איהר אפשר דער יונגערמאַן פון דער ציעג?

— פון וואָסער ציעג? — פרעג איך.

— דער יונגערמאַן, הייסט עס, וואָס האָט געבראַכט צו פיהרען אַהער אַ מת — זענט דאָס איהר?

— יאָ, ס'איז איך; וואָס איז דען?

— קומט צוריק, צו רב שעפּסלען, וועלען מיר זיך אַלע אינ־איינעם האַלטען איין עצה.

— האַלטען איין עצה? — זאָג איך. — וואָס איז שוין דאָ איין עצה? נעמט־צו ביי מיר דעם מת און לאָזט מיך אָפּ, וועט איהר זיך קויפען עולם הבא.

— עמיצער האַלט אייך דען? — מאַכען זיי צו מיר. — פאַהרט אייך מיט'ן מת וואוהין איהר ווילט, אפילו קיין ראַדאַ־מישלי, מיר וועלען אייך נאָך זאָגען אַ דאַנק.

— אַ דאַנק אייך פאַר דער עצה. — זאָג איך צו זיי.

— ניטאָ פאַר וואָס. — מאַכען זיי צו מיר, און מיר האַפּען זיך אַריין אַלע דריי צוריק צו רב שעפּסלען, און אַלע דריי גבאים צווישען זיך הויבען־אָן רעדען, שפּאַרען זיך, קריגען זיך, כמעט מע זידעלט זיך. יענע צוויי זאָגען אויף רב שעפּסלען, אַז ער איז תמיד אַ מחמיר, אַ האַרטער איד, וואָס איהם איז שווער איינצו־בייסען; און רב שעפּסעל וואַרפט זיך, שמיצט זיך, דרינגט זיי אויס מיט פסוקים: „עניי עירך קודמין" — אַז די שטאָדט־אָרעמעלייט זענען בילכער. פאַלען־אָן אויף איהם יענע צוויי:

— אם כן, איז וואָס? ווילט איהר, הייסט דאָס, דער יונגער־מאַן זאָל פאָהרען מיט'ן מת צוריק?

— חס ושלום! — זאָג איך. — וואָס הייסט, איך וועל פאָה־רען מיט'ן מת צוריק? איך בין געקומען אהער קוים א לעבע־דיגער, שיער נים אומגעקומען אין פעלד. דער ערל האָט מיך, לאנג לעבען זאָל ער, געוואָלט ארויסוואַרפען אין מיט'ן וועג פונ'ם שליטען. איך בעט אייך, האָט רחמנות, באפרייט מיך פונ'ם מת, איהר וועט אייך קויפען עולם הבא.

— עולם הבא איז אודאי א גוטער ביסען. — ענטפערט מיר איינער פון יענע צוויי, א הויכער איד א דארער מיט דינע פייגער, דער וואָס מע רופט איהם אלעזר־משה. — דעם בר־מינן וועלען מיר ביי אייך צונעמען און טהון זיין רעכט, נאָר עטליכע קערבלעך וועט דאָס אייך קאָסטען.

— וואָס הייסט? — זאָג איך. — לא־די איך האָב גענומען אויף זיך אזא מצוה, שיער ניט אומגעקומען אין פעלד, דער ערל האָט מיך, לאנג לעבען זאָל ער, געוואָלט ארויסוואַרפען פון שליטען, זאָגט איהר גאָר געלט?

— האָט איהר דערפאר עולם הבא! — מאכט צו מיר רב שעפסעל מיט אזא פאסקודנע שמייכעלע, אז סע גלוסט זיך מיר איהם אָפבאָדען, ווי סע געהער צו זיין, נאָר איך האלט מיך איין מיט אלע כחות, ווארום איך בין דאָך ביי זיי אין די הענט!

— לאָזט זיך דינגען! — זאָגט צו מיר איינער פון די אנ־דערע צוויי גבאים, דער וואָס מע רופט איהם רב יוסי, א אידעל א קליינס מיט א האלב בערדעל איין אויסגעפליקטס. — איהר דארפט וויסען, יונגערמאַן, אז איהר האָט אויף זיך נאָך א באָמבע: איהר האָט נישט קיין פאפירען, קיין פאפירען האָט איהר ניט.

— וואָסערע פאפירען? — פרעג איך איהם.

— פון וואנען ווייסען מיר, ווער דער בר־מינן איז? אפשר

איז דאָס גאָר ניט דער, וואָס איהר זאָגט? — מאַכט צו מיר דער הויכער מיט די דינע פינגער, אלעזר־משה הייסט דאָס.

איך שטעה און קוק פון איינעם אויפ'ן אנדערען, און יענער, דער לאַנגער מיט די דינע פינגער, וואָס מע רופט איהם אלעזר־משה, שאָקעלט־צו מיט'ן קאָפּ און טייט מיט די דינע פינגער און זאָגט צו מיר:

— יאָ, יאָ, יאָ. אפשר האָט איהר אליין ערגיץ געקוילעט א אידינע, און אפשר טאַקי אייער אייגען ווייב, און געבראַכט צו פיהרען אהער און דערצעהלט א מעשה: א פעלד־קרעטשמע, דעם קרעטשמער'ס ווייב, טשאַכאָטקע, קליינע קינדער, עולם הבא?...

אפּנים, אז איך בין געוואָרען רעכט טוידט פון די דאָזיגע דבורים, מחמת יענער, דער קליינער, וואָס מע רופט איהם רב יוסי, האָט מיר נענומען אויסרעדען דאָס הארץ, אז, אייגענטליך, זיי אליין וואָלטען ניט געהאַט קעגען דעם גאָרנישט, וואָרום וואָס האָבען זיי צו מיר? זיי זענען מיך, חלילה, ניט חושד, זיי פאַר־שטעהען גאַנץ גוט, אז דאָך בין איך ניט קיין גזלן און ניט קיין קוילער, נאָר איך בין דאָך פאָרט, זאָגט ער, א פרעמדער, און א בר־מינן איז ניט קיין זעקעל קאַרטאָפלים, מע האָט צו טהון מיט א טוידטען מענטשען, מיט א מת... ס'איז, זאָגט ער, ביי אונז פאַרהאַן א ראַבינער און, להבדיל, איין אוריאַדניק, א פּראָטאָקאָל מוז מען מאַכען...

— יאָ, יאָ, יאָ! א פּראָטאָקאָל! א פּראָטאָקאָל! — שטעלט־אריין דער לאַנגער, וואָס מע רופט איהם אלעזר־משה, און טייט מיט'ן פינגער און קוקט אויף מיר פון אויבען אראָפּ מיט אזעלכע אויגען, גלייך ווי איך וואָלט דאָ באמת אָפּגעטהאָן עפּיס אזעלכס, וואָס סע קומט מיר קרימינאַל... איך האָב שוין מעהר קיין ווערטער ניט; איך פיהל נאָר, ווי א שווייס איז מיר ארויסגעטראָטען אויפ'ן שטערן, און ס'איז מיר געוואָרען, ניט פאַר אייך געדאַכט, נישט גוט אויף צו חלש'ען. איך האָב גוט פאַרשטאַנען די וויסטע־פינ־

סטערע לאַגע מיינע, ווי מיאוס איך האָב מיך דאָ אריינגעהאַפּט; ס'איז מיר געווען אַ בזיון מיט אַ פאַרדראָס מיט אַ האַרצוועהטיג אינאיינעם. האָב איך מיך מיישב געווען: וואָס וועל איך דאָ מאַכען מיט זיי לאַנגע מחזקות? געה איך און נעם אַרויס דאָס טייסטערל און רוף מיך אָן צו די דריי גבאים פון חברה־קדישא:

— הערט־זשע אויס, אידען, די מעשה דערפון איז אַזוי: איך זעה שוין, אַז כ'האָב מיך דאָ גוט אַריינגעהאַפּט. דער גוטער יאָהר האָט מיך געטראָגען, איך זאָל זיך אָפּשטעלען אין אַ פעלד־קרעטשמע אָנווארעמען זיך און טרעפען אַקוראַט דעמאָלט, ווען דעם קרעטש־מער'ס ווייב פאַרגלוסט זיך מאַכען אַ שטאַרב, און הערען ווי אַ איד איין אָרעמאַן, אַ מטופל מיט קינדער, בעט זיך, רעדט מיך צו, איך זאָל זיך קויפען עולם הבא, — באַדאַרף עס מיך קאָסטען רבי־געלט. אָט האָט איהר אייך מיין טייסטער מיט געלט, איך פאַר־מאָג אַרום און אַרום בסך הכל אַ קערבלעך עטליכע און זיעבעציג; נעמט אייך און טהוט אייך, ווי איהר פאַרשטעהט; מיר לאָזט נאָר איבער אויף דער הוצאה ביז ראַדאָמישלי, און נעמט־צו ביי מיר דעם בר־מינן און לאָזט מיך אַרויס פון דאַנען מיט'ן לעבען.

אפּנים, אַז מיינע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען מיט הארץ, וואָרום אַלע דריי גבאים האָבען זיך איבערגעקוקט צווישען זיך, נישט געוואָלט זיך צוריהרען צו מיין טייסטערל מיט געלט, און האָבען מיר געזאָגט, אַז ס'איז ביי זיי, חלילה, ניט סדום; אמת, דאָס שטעדטעל איז טאַקי איין אָרעם שטעדטעל, און קבצנים זענען ביי זיי פאַרהאַן אַ סך מעהר פון נגידים, נאָר נעמען אָנפאַלען אויף אַ פרעמדען מענטשען און זאָגען איהם: „זשיד, דאַוואַי ראָשע" — דאָס פע! מהכתיתי, וויפיעל איך וועל געבען מיט מיין גוטען ווילען, איז גוט; פּטור בלא כלום — דאָס געהט ניט, ס'איז איין אָרעם שטעדטעל. היינט עפּיס שמשים, חברה נושאי־המטה, תכריכים, בראָנפען, קרקע־געלד, געוויינטליך, צו ביסלעך, שיטען דאַרף מען ניט, וואָרום שיטען האָט קיין שיעור ניט!

מילא, וואָס זאָל איך אייך נאָך דערצעהלען ווייטער? דער קרעטשמער זאָל פאַרמאָגנען די רי״ש אלפים, וואָלט זיין ווייב ניט געקאָנט האָבען אזא לויה, ווי זי האָט געהאַט! דאָס גאַנצע שטעדטעל איז זיך צונויפגעלאָפען אָנקוקען דעם יונגענמאַן, וואָס האָט געבראַכט א בר־מינן. אייגער דעם אַנדערען האָט איבער־געגעבען די מעשה מיט א יונגענמאַן און מיט א בר־מינן זעהר א רייכען, א רייכע שוויעגער (פון וואַנען האָבען זיי גענומען, אז ס'איז מיין שוויעגער?), איז מען געקומען מקבל פנים זיין דעם רייכען יונגענמאַן, וואָס האָט געבראַכט די רייכע שוויעגער און שיט מיט געלט... מע האָט ממש געטייט אויף מיר מיט די פינגער. און אָרעמע לייט? כחול הים! זינט איך לעב, זינט איך שטעה אויף מיינע פיס, האָב איך אזוי פיעל אָרעמע לייט ניט געזעהען! ערב יום כפור פאַר דער שוהל איז גאָר קיין דמיון ניט! מע האָט מיך געשלעפּט פאַר די פּאָלעס, געריסען אויף שטיקלעך. א קליי־נינקייט, א יונגערמאַן, וואָס שיט מיט געלט? א גליק, וואָס די נבאים האָבען זיך אָנגענומען מיין קריוודע, נישט דערלאָזט מיך, איך זאָל אוועקגעבען דאָס גאַנצע געלט, און איבערהויפּט יענער הויכער, וואָס מיט די דינע פינגער, אלעזור־משה הייסט דאָס, איז ניט אָפּגעטראָטען פון מיר אויף קיין רגע און האָט ניט אויפגע־הערט צו טענה'ן מיט מיר און טייטען מיט די פינגער: „יונגער־מאַן! שיט נאָר נישט מיט קיין געלט! שיטען האָט קיין שיעור ניט!״ נאָר וואָס מעהר יענער האָט גע'טענה'ט, איך זאָל ניט „שיטען״, האָבען זיך אַלץ מעהר געקליבען אַרום מיר שלעפּערס און געריסען פון מיר שטיקער פלייש: „נישקשה! — האָבען געשריען די אָרעמע לייט. — נישקשה, אז מע באַגראָבט אזא רייכע שוויעגער, מעג מען זיך לאָזען קאָסטען נאָך א פּאָר גראָשענס! די שוויעגער האָט איהם געלאָזט געננג געלט! חוץ זיין שאָדען אויף אונז געזאָגט געוואָרען!״

— יונגערמאַן! — שרייט איינער א שלעפּער און שלעפּט מיך ביי דער פּאָלע. — יונגערמאַן! גיט אונז אויף צווייען איין

האלב קערבעל! האָטש אַ פערצינער גיט אונז! מיר זענען צוויי נעבוירענע קאַליקעס, איינער אַ בלינדער, דער אַנדערער אַ קרומער, גיט אונז האָטש אַ גילדען, אַ גילדען אויף צוויי קאַליקעס, צוויי קאַליקעס איין גילדען זענען תמיד ווערטה!...

— וואָס הערט איהר, וואָס ער וועט אייך דערצעהלען קאַ־ליקעס? — שרייט נאָך אַ שלעפער און שטופט־אָפּ יענעם שלעפער מיט די פיס. — אָט דאָס הייסט ביי איהם קאַליקעס? אַ קאַליקע איז מיין ווייב, אָהן הענט, אָהן פיס, אָהן לייב און לעבען, און מיט קליינע קינדער אויך קראַנקע. גיט מיר האָטש, יונגערמאַן, נאָך אַ פיטאַקעל, וועל איך זאָגען קדיש נאָך אייער שוויגער, זי זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן!

איצטער לאָך איך; דעמאָלט בין איך געווען ווייט פון געלעכ־טער, וואָרום די חברה אָרעמעלייט זענען געוואַכסען ווי אויף הייוועו. מע האָט אין איין האַלבע שעה פאַרפלייצט דעם גאַנצען מאַרק; ס'איז אונמעגליך געווען זיך ריהרען מיט דער מטה. די חברה שמשים האָבען מיט שטעקענס געמוזט נעמען זיך צעטרייבען דעם עולם; איז דערפון אַרוים אַ געשלעג; האָבען זיך שוין אָנגע־הויבען קלויבען אַרום אונז גויים אויך און גויעס און שקצים'לעך און שיקסעס לרוב, ביז עס האָט דערגרייכט אין די הויכע פענס־טער, פאַרשטעהט איהר, און עס האָט זיך באַוויזען דער אָדון דער אוראַדניק, רייטענדיג אויף אַ פערד, מיט אַ ביימשעל אין האַנט, און האָט מיט איין קוק און מיט עטליכע גוטע ביימשלעך צעטריבען דעם גאַנצען עולם, ווי די פויגעלעך, און אליין איז ער אַראָפּ פונ'ם פערד און צוגעגאַנגען צו דער מטה חוקר ודורש זיין, וואָס דאָ טהוט זיך, ווער איז דאָס געשטאָרבען, פון וואָס איז מען געשטאָרבען, און וואָס איז אַזוי פאַרפלייצט דער מאַרק? צום ערשטען איז איהם געפעלען אַ פרעג טהון מיך, ווער בין איך, פון וואַנען און וואוהין פאָהר איך דאָס? איז מיר געוואָרען „פרחה נשמתי", און בין געבליבען אָהן לשון. איך ווייס ניט, וואָס דאָס

איז? דערזעה איך איין אוראדניק, לאז איך אפ הענט און פיס, חאטש איך האב אויף מיין לעבען נישט אנגעריהרט, ווי מע זאגט, קיין פליעג אויף דער וואנט, און איך וויים גאנץ גוט, אז איין אוראדניק איז א מענטש, א בשר־ודם גלייך מיט אלע מענטשען. אדרבה, איך קען א אידען, וואס לעבט מיט'ן אוראדניק, ווי אנ־דערע צוויי, געהען איינס צום אנדערען צו־גאסט, קומט יום־טוב עסט דער אוראדניק ביי'ם אידען פיש און דעם אידען איז דער אוראדניק מכבד מיט אייער, קאן זיך גאר נים אפלויבען, וואס פאר א גוי דאס איז! און פון דעסטוועגען, אז איך דערזעה איין אוראדניק, אנטלויף איך. אפנים, אז ס'איז א ירושה־זאך, ווארום איך אליין, דארפט איהר ויסען, קום ארוים פון „געשמיסענע", פון די סלא־וויטער הייסט דאס, טאקי פון די אמת'ע סלאוויטער וואס בימי וואסילטשיקאוו, וואס וועגען דעם האב איך אייך צו דערצעהלען און צו דערצעהלען גאנצע פעק! נאר שא! איך בין שוין, דאכט מיר, אויף יענער זייט בויבעריק?...

האט מיך, הייסט דאס, דער אדון דער אוראדניק גענומען אויפ'ן צימבעל: ווער בין איך און וואס בין איך און פון וואנען און וואוהין פאהר איך? געה דערצעהל איהם א מעשה, אז איך זיץ ביי'ם שוועהר אין זוואהיל אויף קעסט און דאס פאהר איך קיין ראדאמישלי נאך א פאס! לאנג לעבען זאלען טאקי די גבאים, וואס זיי האבען מיך אויסגעלייזט פון א צרה: איינער פון יענע צוויי גבאים, דער קלייגער וואס מיט'ן אויסגעפליקטען בערדעל, האט אוועקגערופען דעם אדון אויף א זייט, מיט איהם עפים גע־סוד'עט זיך דארטען, און דער הויכער וואס מיט די דינע פינגער האט מיך דערוויילע געלעהרענט און איינגעטייט מיט די פינגער, וואס איך זאל זאגען:

— יהודי בלא! איהר דבר'ט איהם, אז איהר זענט א היגער, נאר איהר זיצט נים וויים סמוך לעיר, און דאס איז אייער חמותי, הייסט דאס די שוויעגער אייערע איז נפטר געווארען, זענט איהר

נעקומען אהער זי מקבר זיין, און בשעת איהר וועט איהם נתנ'ען אין יד אריין, זאָלט איהר אויסקלערען עפּיס א נאָמען פון דער הגדה, און דעם ערל אייערען וועלען מיר אוועקרופען אין בית אריין און מכבד זיין מיט א צנצנת יי"ש, לאָז ער זיך ניט דרעהען דאָ פאר די עינים, וועט זיין טוב מאד!

און דער אָדון דער אוראדניק איז אריין מיט מיר אין א שטוב און האָט מיך גענומען צום פּראָטאָקאָל. עס זאָל מיך אזוי וויסען בייז מיט אייך אינאיינעם, ווי איך וויים, וואָס איך האָב איהם דאָרטען אָנגעבעבעם. איך געדענק נאָר, אז איך האָב עפּים גע־בעלעבעטשעט מיט דער צונג, וואָס ס'איז מיר געקומען אויפ'ן זינען, דאָס האָב איך געזאָגט, און ער האָט פאַרשריבען אויף פּאפּיער.

— ווי אזוי רופט מען דיך?

— מאָושע.

— דעם טאטען?

— איצקאָ.

— וויפיעל ביזט דו אלט?

— נייענצעהן יאָהר.

— א באוויבטער?

— א באוויבטער.

— קינדער פאַרהאַן?

— פאַרהאַן.

— וואָס איז דיין טהועכטס?

— א סוחר.

— ווער איז דאָס געשטאָרבען?

— מיין שווינער.

— ווי אזוי האָט זי געהייסען?

— יענטע.

— איהר פאטער?

— גרשון.

— וויפיל אלט איז זי געווען?

— פערציג יאהר.

— פון וואס איז זי געשטארבען?

— פון א דערשרעק.

— פון א דערשרעק?

— פון א דערשרעק.

— וואס הייסט פון א דערשרעק? — מאכט ער צו מיר און לעגט־אויף די פען, פארוויכערט א פאפּיראס און באטראכט מיך פון קאפּ ביז פיס, און איך פיהל, אז אט־אט קלעבט זיך מיר צו די צונג אום גומען. האב איך מיך מיישב געווען, איך האלט שוין במילא אין באקען שקרים, דארף מען באקען ווייטער! און איך האב איהם דערצעהלט א גאנצע מעשה, ווי אזוי מיין שוויגער איז געזעסען איינע אליין איבער איין ארביים, געארבייט א זאך, און האט זיך פארגעסען, אז אין שטוב זיצט איהרס א יונגעל, אפּרים הייסט ער, שוין א בחור'על פון א יאהר דרייצעהן, נאר איין אבגעריסענער נאר, א לעקיש, שפּיעלט זיך נאך מיט'ן שאטען. איז ער זיך מיישב און לעגט צונויף אונטער דער שוויגער'ס פּלייצעס ביידע הענט און מאכט א ציענעלע אויף דער וואנט פונ'ם שאטען און עפּענט אויף דאס מויל און טהוט א געשריי „מעעעע!" איז זי אראפּגעפאלען פונ'ם בענקעל, די שוויגער הייסט דאס, און איז געשטארבען.

אזוי ווי האב איך איהם א לאנג־מאדנעם ליגען, און ער קוקט, לאזט נים אראפּ קיין אויג פון מיר די גאנצע צייט, און איך רעד, שיט, בעלעבעטשע מיט דער צונג, איך ווייס אליין נים וואס... איסגעהערט מיך ביז'ן סוף, שפּייט ער אוים, ווישט זיך אויס

די רויטע וואַנסעס, געהעט־אַרוים מיט מיר אין דרויסען אַרוים צו דער מטה, דעקט אויף די שוואַרצע דעק, טהוט אַ קוק דער געשטאַרבענער אין פּנים, טהוט אַ מאַך מיט'ן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „ס'איז עפּים ניט גלאַט!"... איך קוק אויף איהם, ער אויף מיר, נאָכדעם רופט ער זיך אָן צו די גבאים:

— נו, די געשטאַרבענע קאָנט איהר באַהאַלטען, און איהם, דעם דאָזיגען חברה-מאַן, מוז איך דאָ פאַרהאַלטען, ביז איך וועל אויספאָרשען די זאַך, צי ס'איז אמת, אַז דאָס איז זיין שוויגער און אַז זי איז געשטאָרבען פון אַ דערשרעק.

איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען, ווי ביטער און פינסטער מיר איז געוואָרען פון דער דאָזיגער בשורה! פאַר צרות האָב איך זיך אָפּגעקערעוועט אָן אַ זייט און האָב זיך צעוויינט — ווי אַזוי, מיינט איהר, צעוויינט? ווי אַ קליין קינד.

— יונגערמאַן! וואָס וויינט איהר? — מאַכט צו מיר יענער, דער קליינינקער, וואָס מע רופט איהם רב יוסי, און ער טרייסט מיך, רעדט מיר אוים דאָס הארץ. אַז ס'וועט מיר גאָר ניט שאַדען, וואָרום ממה נפשך: בין איך דאָ ריין — וואָס־זשע האָב איך מורא? „אַז מע עסט ניט קיין קנאָבעל, הערט זיך ניט פון'ם מויל" — לענט-צו רב שעפּסעל דער גבאי מיט אַזאַ שמייכעלע, אַז עס גלוסט זיך מיר אויפוואַרפען איהם צוויי פּלאַט־פייערינע פּעטש איןביידע נראָבע באַקען... גוואַלד! וואָס האָט מיר גענוצט אויסטראַכטען אַזאַ מיאוס'ען גראָבען ליגען, אריינ־מישען אַהער די שוויעגער מיינע? עס געהט מיר טאַקי מעהר ניט אָפּ צו מיינע זיידענע קליידער, עס זאָל דערגעהן צו איהר די דאָזיגע מעשה, ווי אַזוי איך האָב זי לעבעדיגערהייד באַ־גראָבען דורך אַ דערשרעק!...

— יהודי בלאַ, שרעקט זיך גאָר ניט אַזוי, גאָט איז מיט אייך! דער אָדון איז גאָר ניט אַזאַ בייזער אָדון, ווי איהר מיינט. איהר נתנ'ט איהם גאָר אין יד אַריין... און דבר'ט איהם, ער

זאל מיט'ן פראטאקאל מאכען בלא... דער אדון איז א קלוגער אדון, א דורכגעטריבענער; ער ווייסט גאנץ גוט, אז אלסדינג, וואס איהר האט דא גע'דבר'ט, איז מחילה שקר וכזב.

אזוי מאכט צו מיר רב אלעזר־משה און טייטעלט מיר מיט די דינע פינגער. איך זאל קאנען, וואלט איך איהם צעריסען אויף צווייען, ווי מע צערייסט אשטיינער, א הערינג. אינגאנצען האט ער דאך מיך ארויפגעפיהרט אויף דעם דאזיגען גליטש, ימח שמו וזכרו!...

איך קאן מעהר נישט דערצעהלען. איך קאן אפילו ניט דערמאנען מיך וואס איך האב דעמאלט געהאט! איהר פארשטעהט דאך שוין אליין, אז די עטליכע גילדען האט מען ביי מיר צוגענומען, אין קאטשומענט אריין האט מען מיך איינגעזעצט און א משפט האב איך אויף זיך געהאט — נאר דאס איז נאך אלץ בלאטע קעגען דעם, וואס כ'האב געהאט נאכדעם, אז ס'איז דערגאנגען צו מיין שוועהר און שוויגער, אז זייער איידעם זיצט פאר א מת, וואס ער האט געבראכט צו פיהרען פון ערגיץ... סע פארשטעהט זיך, אז זיי זענען גלייך געקומען צו פאהרען און האבען זיך געמעלדעט, אז זיי זענען מיינע שוועהר און שוויעגער — אט דא האט זיך ערשט פארקאכט די רעכטע חתונה: פון איין זייט פאליציע נעמט מיך אויפ'ן צימבעל: „שענער בחור וואס דו ביזט! וויבאלד אז די שוויגער דיינע, יענטע בת גרשון, לעבט, היינט ווער איז געווען די געשטארבענע?"... דאס איז גומער איינס. והשנית, האט זיך גענומען צו מיר די שוויגער זאל לעבען: „איך פרעג דיך נאר איין זאך: זאג מיר נאר, וואס האסט דו געהאט צו מיר נעמען און באגראבען מיך א לעבעדיגע?!"... זעלבסטפארשטענדליך, אז אויפ'ן משפט האט זיך ארויסגעוויזען, אז איך בין ריין, ווי גינגאלד; עס האט געקאסט געלט, מע האט אראפגעבראכט עדות, דעם קרעטשמער מיט די קינדער, און מע האט מיך פון געפענגניש באפרייט. נאר וואס

איך בין דעמאָלט אויסגעשטאַנען, און איבערהויפּט פון דער שוויע-נער — דאָס ווינש איך נים דעם גרעסטען, דעם ערגסטען שונא! — — —

פון דעמאָלט אָן אנטלויף איך פון עולם הבא...